הגרמנים, נסיגה וכיבוש רוסי; התקפת פתע גרמנית; ריכוז היהודים בגיטו ועינויים, עבודה מפרכת ונגישות, התעללות ורצח, עבודת חובה בפינוי הריסות, הלויה פומבית לפסל לנין שהורד בליווי התעללויות ורציחות; המכלאה והימים האחרונים שלפני החיסול. כל ניצול וסיפורי האימים שלו על התכנון האכזרי של מכונת ההשמדה הנאצית.

עזרה מארה"ב לגמ"ח

כאמור לעיל, עשינו כמיטב יכלתנו להקל את קשייהם של הניצולים בחומר וברוח: בקבלת פנים לבבית, בסיוע ע"י קרובים, בעצה והדרכה, בעזרה בענייני עבודה ושיכון. אבל כל זה וגם העזרה הכספית החד פעמית וגם ההלואה, לא היה בהם כדי לשקם עולה מחוסר כל אמצעים. ראינו, שאין אנו מספיקים בכחות עצמנו להרים משא כבד זה, והחלטנו לפנות ליוצאי סמיאטיץ' בארה"ב ובארגנטינה. ואכן העזרה לא בוששה לבא.

ראשונים נענו יוצאי סמיאטיץ' בצ'יקגו, בסיוע האחים באַש, ושלחו סכום כסף הגון. אחר כך נענו בני־עירנו מניו־יורק, חברת ברית אחים אנשי סמיאטיץ', בסך 500 $ (היו"ר דאז מר אלתר פלדמן). עזרה חשובה הגיעה גם ממקומות אחרים: ועד העזרה ליהודי סמיאטיץ' — יו"ר ר. אורלנסקי, סניף צ'יקאגו — יו"ר סם רוזן, ארגון נשי סמיאטיץ' — יו"ר גב' לאו מבית פורר, סניף בנוארק — מנטל ואחרים.

הדו"ח הכספי לכינוס האזכרה בשנת 1946 מראה מאזן כספי של 650 ל"י אשר הועברו למטרות גמ"ח. בינתים נסע חברנו מנחם גפני בעניניו הפרטיים לארה"ב וקיבל עליו משימה לאסוף כספים בשביל הגמ"ח. מר גפני ביקר בכמה סניפים של יוצאי סמיאטיץ' בארה"ב והצליח לגייס 143 ל"י בארגון נשים בצ'יקגו.

הקופה נוסדה בשנת 1946, ובתקופת קיומה חילקה הרבה הלוואות לניצולים וגם לנצרכים ברבית סמלית ובתנאי תשלום קטנים. בקופה טיפל הח' שפיאלטר, ובשנים האחרונות — הח' חיים מרמור ז"ל. כל מבקשי ההלוואות נענו בחיוב. לקופה מצטרפות גם כל ההכנסות של כינוסי־האזכרה. כל התרומות הן קודש לגמילות חסדים.

לוח זכרון לקדושי סמיאטיץ'

במרתף השואה שעל „הר־ציון" בירושלים, במקום בו גנוז אפר הקדושים ממחנות ההשמדה וכן תשמישי קדושה ניצולים מהתבערה — הקמנו לוח זכרון לקדושי סמיאטיץ' אשר נשרפו בטרבלינקה.



היוזמה להקמת הלוח וההוצאות לטיפול באחזקה באו מהועד. הפעולה בוצעה ע"י מר יוסף שרשבסקי מירושלים. המקום משמש גם נקודת משיכה והתייחדות לתיירים ואורחים בכל ימות השנה ולמעוניינים — בימי „יאהרצייט". ביום ה„אזכרה" נדלק על „הר ציון" נר נשמה לעיירתנו והוועד מודיע בעוד מועד למעוניינים מבני העיר על האזכרה.

לזכרון ביה"ס „קדימה"

במושב גפן שבחבל לכיש נבנה בית־ספר עממי בעזרת יוצאי סמיאטיץ' בארצות הברית בסך 3,000 $, אשר נמסרו למפעל המגבית המאוחדת.

בעזרת כספים אלה — כפי שהבטיחה לנו בשעתו הסוכנות היהודית לא"י — הוקם הבנין הנ"ל של בית הספר, והוא נושא שלט מתאים.



נטיעת יער ע״ש קדושי סמיאטיץ׳ בפרוזדור ירושלים

המציין את שם התורמים ואת זכר ביה״ס „קדימה" בסמיאטיץ׳.

יער הקדושים

ביער קדושי פולין שבפרוזדור ירושלים נמצאת גם חורשה ע״ש קדושי סמיאטיץ׳. בשעתו תרמנו לקק״ל סך 1000 ל״י למטרה זו. מחצית הסכום נאסף בישראל ואילו המחצית השניה — ע״י יוצאי סמיאטיץ׳ בניו־יורק. למבצע הנטיעות נסעה משלחת גדולה עם גב׳ ריקל לב וי. שקדי בראש. כן נכח ביום הנטיעות נציג יוצאי סמיא־טיץ׳ בארה״ב, מר אליהו קוטלר.

פגישות עם בני עיר מחו״ל

בתקופת פעולות הועד היתה לנו שורה של פגישות ומסיבות עם אורחים בני־עיר מחו״ל. כל מסיבה היתה חוויה עצומה לאורח ולנוכחים. במשך השנים ביקרו בישראל עשרות אורחים מארצות שונות בהזדמנויות שונות כמו בחגיגות העצמאות, בכינוסים, תערוכות וכו׳.

הפגישות החשובות ביותר היו עם הגב׳ קרויץ, וילי מאַזור, גולדה מאזור ומשה מלמד, הרב שמידמן, הניה שפיאלטר, האחים שמחה ויצחק רובינס, יעקב גרבובסקי, מיכאל רדזינסקי ורעיתו, טפר ואחרים.

במיוחד ראוי לציין את המסיבות החגיגיות עם הפעילים, נציגי ועד יוצאי סמיאטיץ׳ בארה״ב, מר בן־צִיון מאזור ורעיתו, ווילי רובין, דוד קמחי, צבי שבת, פ׳ בק. במסיבות אלה נכחו הרבה חברים, והן הוקדשו במיוחד לבעיות פעולת האר־גונים. בהזדמנות זו נוצלו המסיבות למען הידוק הקשרים ההדדיים ולמען הרחבת המפעל של ספר הזכרון.

אזכרות

הועד מטפל בארגון כינוסי־אזכרה לקדושים בכל שנה ושנה. בכינוסים נוכחים מאות בני־עיר והסביבה. נוהגים להזכיר את הנפטרים, משמיעים דברי הערכה לעיירה ולקרבנות; נאמר קדיש בציבור ו„אל מלא רחמים" ע״י חזן.

באזכרות משתתף בקביעות הרב ש. טנא ומש־מיע דברי התעוררות, הספד ונחמה, אשר נשמעים בתשומת לב רבה ע״י הקהל. אנו נושאים בלבנו הערכה לרב על כך. כן גם מופיעים לפרקים אור־חים מחו״ל ובני־עיר, החוזרים משליחויות בגולה ומביאים דרישות שלום וסקירות על הנעשה בקרב הסמיאטיצ׳אים בארצות הברית ובארצות אמריקה הדרומית. (ר. לב וי. גבעוני).

עם תום ה„אזכרה" נמסר דו״ח על פעולות הועד. מתנהלים ויכוחים ונשמעות הצעות שונות על העבודה להבא. כן גם בוחרים במוסדות האירגון.

פעילי האירגון

בשנים האחרונות, עומדים בראש הארגון הח״ח שפיאלטר, רויזמן, קילס. פירר, מוזיקנט, קנפל

וגב' לאה רוג מפ"ת. ועד זה, הקיים זה שנים מספר, מטפל בהכנת האזכרות, במפעל כספי, בקשרים עם נציגי סמיאטיץ' בחו"ל וכו'. תצויין לשבח העזרה הרבה אשר זרמה מכל בני־העיר בארץ, איש כפי שידו משיגה.

גולת הכותרת לפעולות הועד היא הוצאת ספר הזכרון המוגש לפניכם. היה זה מבצע גדול ומסו־בך, מלא קשיים ואבני נגף. פעולת איסוף החומר נמשכה שנים מספר. נוספו גם הבדלי דעות בין בני העיר בארץ ובחו"ל. רצינו בספר „משותף" אשר ישקף את כל הצדדים, ואכן הגענו למטרתנו ואנו רואים בספר זה את ההנצחה ההולמת ביותר לזכרם של קדושי עיירתנו למען ילדינו ולמען הדורות הבאים.



ועד יוצאי סמיאטיץ בישראל
עומדים מימין לשמאל: מ. פירר, א. קנפל, א. שפיאלטר, א. קילס, ח. רויזמן וצ. רוג
יושבים מימין לשמאל: מ. מוזיקנט, ש. שפיאלטר, מ. קילס, ל. רוג ומ. מוזיקנט

יהושע גבעוני

ט״ו בשבט תשכ״ה

עם חתימת הספר

היום עוד גחון העורך על דפי־ההגהה האחרונים. שולחנו מלא גליונות נייר. כאן חסר שם למאמר; שם הכותרת אינה מספקת ויש להחליפה; למטה שורה משובשת מצפה לתיקון. היום עוד אפשר לתקן, לבדוק יתר וחסר, לקיים ליטוש אחרון — מחר יהיה מאוחר. מעברו השני של השולחן יושב איש־הדפוס ומאיץ: יש לסיים!

מחר יקח המעמד את גליונות ההגהה ויגזור אותם לפי טורי הספר. כל רשימה תיקבע במקומה, כל צילום ישובץ במסגרתו. הוא יתן לספר את תבניתו הסופית, את צורתו הגראפית הנאה, כפי שעלתה במחשבת העורכים.

מחרתיים יוכנסו התבניות המהודקות, הדחוסות שורות־עופרת, אל מכבש־הדפוס. יובאו גלילי־הנייר וקופסות־הצבע. המדפיס יפעיל ידית קטנה — ומתחת המכונה הענקית ייפלטו גליונות־הדפוס הטריים. לבסוף יבוא הכורך וישלים את כל המלאכה. מאמץ רב־שנים יבוא אל קצו. הספר יהיה עובדה.

שעה זו של חתימה היא שעה חגיגית, עת ניחומים וגמול לעושים במלאכת הספר. זו שעה נאה לדברי סיום, לנתינת שלמי תודה לכל חברינו אשר הפכו שאיפה לממשות:

לידידנו אריה שפיאלטר, המזכיר הבלתי־נילאה של איגודנו, היוזם ועומס המשא של הספר. המלאך הממונה על הזכרון עמד מול עיניו עשרים שנה, מאז ראשית השואה, ותבע ממנו: אל שכוח! הוא כינס כל מאורע וצירף כל שם, רשם מפי ניצולים ומפי ישישים, שמר כל מכתב וכל תעודה, כתב בעטו ודירבן לכתיבה זולתו — וכך הקים לתלפיות את קורות סמיאטיץ׳. הוא עשה לילות כימים והפעיל אחרים לקיום המשימה הנעלה: להציב יד ושם לקהי־לתנו שנחרבה ולכל אלה מבניה ובני־בניה אשר ניספו ביד צורר או נפלו בחרב לוחמים — והם במותם ציוו לנו את החירות.

לידידנו יצחק קפלן, אשר ישב בקיבוצו בעין־החורש ולש בחומר ההיולי שהצטבר. מביתו הריץ את אגרותיו ותבע מאמרים, צילומים, שמות להנצחה. הוא טבע את תבניתו הראשונה של הספר, ראה אותו בעיני רוחו — אך לא יזכה לראותו. ייזכר־נא כאן לטובה!


לידידנו שמואל סוקניק, אשר שיתף את עצמו במערכת בשנה האח־רונה בקריאת כל הטקסט ובדיוני המערכת והכרעותיה על תכנו של הספר וצורתו.

לידידנו אליעזר טש, עורך ברוך־טעם, שעל שכמו הערכים במדעי רוח ויהדות ב„אנציקלופדיה יזרעאל״. את מלאכתו בספר הוא עשה לא כעורך מקצועי בלבד, אלא כשליח לדבר־מיצווה: לעצב את דמותו הרוחנית של המפעל. מכאן קפדנותו בעריכה: תהא־נא העברית מדוייקת ובהירה. מכאן דאגתו לחלק ההיסטורי: יודגשו־נא במיוחד חיי הרוח של קהילת סמיאטיץ׳, רבניה ומוריה, צעיריה השו־


אלים לנתיבות עולם, וחלוציה הסוללים דרכים חדשות בתרבות ובהגשמה. מכאן חרדתו לדפי־ההנצחה: בל יישמטו שם איש ואשתו, בניהם ובנותיהם; תהא־נא הרשימה מלאה ככל האפשר — לזכרון נצח.

ולכל ה ר ב י ם אשר סייעו בעצה ובדאגה, בכתיבה ובעריכה, ובמאמץ הגדול לצבירת האמצעים להדפסת הספר — יבורכו־נא כולם בעת החתימה.

רחשי התודה וההוקרה של בני סמיאטיץ' — שכרם.



אליעזר ט"ש (טור שלום) — העורך



ד"ר שמואל סוקניק | יצחק קפלן | אריה שפיאלטר

חברי המערכת

קהילת סעמיאטיטש

רעדאקטאר
אליעזר טאש (טור שלום)

רעדאקציע מיטגלידער
אין ישראל

ד״ר שמואל סוקעניק, יצחק קאפלאן אריה שפיאלטער

אין אמעריקע

דוד קמחי, יוסף קופערשמיד, איסר ראבינאוויטש, הערי שבת

קאמיטעט פארן יזכור־בוך

אין ישראל

אריה שפיאלטער, חיים רוזמאן, אנשיל קיילעס, לאה רוג, אריה קנעפעל, משה מוזיקאנט, מרדכי פירערי

אין אמעריקע

איסר ראבינאוויטש, דוד קמחי, יוסף קופערשמיד, הערי שבת, אייב וואלאך, הערי פלאטניצקי, ישראל מארער, מאיר גרוסקין, העלען קמחי, לי רובין, העלען שבת, מאטל ברוקער, קלמן קופערהאנד·

דערקלערונג פון אמעריקאנער קאמיטעט
פארן סעמיאטיטשער ספר־הזכרון

גרויס איז געווען אונדזער צער און טיף דער ווייטיק, ווען ס'זיינען אנגעקומען די איוב־בשורות, אז די דייטשע מערדער מיט זייערע משרתים האבן אומגעבראכט 6 מיליאן יידן, און די סעמיאטיטשער יידן אין כלל· טייל יידן פון אונדזער אמאליקער היימשטאט זיינען אליין דורכגעגאנגען די אלע שבעה מדורי היטלער־גיהנום און געבראכט צו אונדז די לעצטע גסיסה־ווייעניש פון דעם ארט, וואו א מאל האט געבליט א יידיש לעבן, וואו מיר האבן פארבראכט אונדזער יוגנט, וואו מיר האבן געבויט תורה־אנשטאלטן און וועלטלעכע מוסדות און געקעמפט פאר א גליקלעכער צוקונפט פון יידישן פאלק·

דאס אלץ איז אין אש, פארברענט אויף אייביק· ניטא מער קיין קהילה קדושה סעמיאטיטש, ניטא מער קיין יידן אין איר·

זאל עס אזוי אוועק מיטן רויך, אן א שפור און אן א זכר לחורבן ?

די פראגע האט ניט געגעבן קיין רו· מיר זיינען באהערשט געווארן פון געדאנק, אז מ'דארף געפינען א וועג, ווי אזוי צו פאראייביקן דעם אנדענק פון אונדזערע שוועסטער און ברידער — פאר אונדזערע קינדער און פאר די קומענדיקע דורות·

אבער וואס פאר א פארעם זאל האבן אט דער אנדענק ? די נאציאנאל־היסטארישע פאראייביקונגס־פארעם פון יידן איז תמיד געווען — דאס געשריבענע ווארט·

אויך מיר, די שארית־הפליטה פון סעמיאטיטשער אין די פאראייניקטע שטאטן, זיינען געקומען צו דער מסקנה, אז סעמיאטיטש דארף פאראנדענקט ווערן אין שריפט· מיר האבן דעריבער באשלאסן צוצוגרייטן א יזכור־בוך, וואס זאל דערציילן לדורות וועגן לעבן, קאמף און אומקום פון אונדזער קהילה, וואס איז פארטיליקט געווארן צוזאמען מיטן גרויסן יידישן קיבוץ פון פוילן·

ווען מיר האבן זיך דערוואוסט, אז אין ישראל איז געשאפן געווארן א קאמיטעט ארויסצוגעבן א ספר־זכרון נאך סעמיאטיטש, זיינען מיר געווען שטארק צופרידן· מיר האבן זיך גלייך פארשטענדיקט מיטן ישראל־קאמיטעט, אז דעם ספר וועלן מיר ארויסגעבן מיט געמיינזאמע כוחות·

ניט לייכט איז געווען דער וועג צוצוגרייטן אזא בוך· א סך שוועריקייטן האבן באגלייט די ארבעט פון פאפולער צו מאכן צווישן די אמעריקאנער לאנדסלייט די אידייע פון אזא בוך· ניט אלע האבן תחילת באנומען די אומגעווויינלעכע וויכטיקייט פון אזא ארבעט· אבער א דאנק דעם גלויבן, אומדערמידלעכע ארבעט און עקשנות פון עטלעכע יחידים, איז דאך געלונגען די מיסיע דורכצופירן און ברענגען דערצו, אז סעמיאטיטש זאל ניט בלייבן אפגעווישט פון דער יידישער געשיכטע, נאר זאל לאזן נאך זיך א מצבה פון ווארט און בילד נאך אונדזער טייערער היימשטאט·

דער יזכור־בוך נאך דער שטאט סעמיאטיטש איז א הייליקער אנדענק, א נר־תמיד, וואס וועט קיינמאל ניט ווערן אויסגעלאשן· אין אים זיינען פאראייביקט

פאקטן וועגן דער אקטיוויטעט פון דעם פיל־פארביקן לעבן און טעטיקייט פון אונדזער היימשטאט, די שיינע מידות, אירע מנהגים און דער לעבנס־שטייגער. אין דעם בוך ווערט דערציילט וועגן דער געשיכטע פון דער קהילה, ביאגראפיעס, שיל־דערונגען און כאראקטעריסטיקס פון וויכטיקע פערזענלעכקייטן און פאלקס־מענטשן.

מיט אינערלעכן ווייטיק און צעבראכענע הערצער ווערט מען דורכגענומען פון די גענויע באשרייבונגען איבער דער פארניכטונג אין דער טרעבלינקער קרעמא־טאריע, דערציילט פון די לעבן־געבליבענע עדות, וועלכע זיינען געווען דערביי און צוגעזען די גרויזאמע רציחות און די מוראדיקסטע פארברעכנס, וואס די נאצי־בעסטיעס זיינען באגאנגען. די עדות גיבן אויך אן די נעמען פון די מערדער. די דא־זיקע פאקטן אין דעם ספר דארפן דינען אלס דאקומענטאלע מאטעריאלן צו דעם גרויסן יום־הדין, וואס וועט נאך געוויס קומען.

מיר דריקן אויס אנערקענונג און דאנקבארקייט צו די אלע, וואס האבן גע־האלפן פארווירקלעכן די הייליקע ארבעט פון ארויסגעבן דעם ספר־הזכרון. א באַ־זונדערער „יישר־כוח" די חברים דוד קמחי און איסר ראבינאוויטש (ווילי רובין), וואס אן זייער אנשטרענגונג וואלט דער סעמיאטיטשער יזכור־בוך נאך ניט געווען פארווירקלעכט.

אמעריקאנער קאמיטעט
פארן סעמיאטיטשער יזכור־בוך

איסר ראבינאָוויטש (ווילי רובין)

צום יזכור

צום יזכור — אַ ציטער־וואָרט,
כאָטש ניט געווען בין איך דאָרט,
ווען מיין פאָלק האָט געברענט
דורך היטלערס טומאה־הענט.

געווען אַ שטעטל סעמיאטיטש אַ מאָל,
וואו געלעבט האָבן יידן 8000 אין צאָל.
פאר פיל דורות געשאפן מיט גרויסע זאָרגן,
געשטרעבט, געוואָרט, אויף אַ בעסערן מאָרגן.

געקומען זענען נאַציס ווי חיות פון וואַלד:
אויסגעמאָרדעט, פאַרברענט יונג און אַלט,
אַלץ פארניכטעט, דאָס שטעטל פארברענט,
פלאָנמעסיק, רואיק, ניט געציטערט די הענט.

איצט איז דאָס שטעטל אַ בית־עולם אָרט,
בלויז תוהו ובוהו פארבליבן איז דאָרט.
ניטאָ קיינער, ניטאָ קיין איינציקער ייד מער,
וואָס זאָל נאָך די קדושים פאַרגיסן אַ טרער.

געשיכטע און לעגענדע

ד״ר נ. מ. געלבער

סעמיאַטיטש ביזן ערשטן וועלטקריג

סעמיאַטיטש ליגט אויפן רעכטן ברעג פון דער קאַמיאַנקע, נאָנט פונעם אָרט, וואו זי גיסט זיך צונויף מיטן בוג.

ביז צום ערשטן צענדליק פון 20־סטן יאָרהונדערט איז סעמיאַטיטש געווען דאָס אייגנטום פון פרינצן און פירשטן. זיי האָבן באַשטימט די רעכט פון די שטאָט־איינוואוינערס און בתוכם די תקנות פאַר דער יידישער באַפעלקערונג; זיי האָבן געפירעמט די עקאָנאָמיע און דעם אָרט פון דער קהילה אין דער דאָזיקער עקאָנאָמיע. די צייט, ווען יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אין סעמיאַטיטש, קען מען פינקטלעך ניט פעסטשטעלן, בכל אופן ניט פריער ווי אין יאָר 1522, ווען יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין טיקטין. סעמיאַטיטש איז פון סאַמע אָנהייב פון איר עקסיסטענץ געווען פאַרבונדן מיט טיקטין, וואָס שייך שטייערן און געריכט־ענינים.

אָנהייב 15טן יאָרהונדערט האָט סעמיאַטיטש געהערט צו דער פריצישער משפּחה קאָמיטי פון כאָזשעוו. דער קיסר קאַזימיר יאַגיעלאָנטשיק האָט זי אוועקגעשענקט דעם ווילנער וואָיעוואָדע אולכאַנע אַלעקסאַנדער סודימאָנטאָוויטש פון כאָזשעוו. דער לעצטער האָט זי אָפּגעגעבן אין נדן זיין טאָכטער וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר מיקאָליי טענטשינסקי.

אַזוי האָט די שטאָט „געוואַנדערט" און אַריבער פון איין פירשט צום צווייטן. מען האָט זי אוועקגעגעבן בתורת מתנה, אין נדן, פאַרקויפט, און אַזוי ווייטער. אין יאָר 1542 באַקומט סעמיאַטיטש דעם סטאַטוס פון א שטאָט. דער קיסר זיגמונט אויגוסט האָט עס געטאָן ווי אן אָנערקענונג פאַר די אויפטועך פון סטאַניסלאַוו טענטשינסקי, דעם דעמאָלטדיקן בעל־הבית פון סעמיאַטיטש. לויטן מאַגדבורגער געזעץ איז סעמיאַטיטש — ווי א שטאָט — אַרויס פון דער יוריסדיקציע פון וואָיעוואָדע, פון סטאַראַסטע און אויך פון די לאַנדריכטערס; זי האָט באַקומען דאָס רעכט איינצושטעלן דריי ירידים דורכן יאָר און יעדן דאָנערשטיק — א מאַרקטאָג. סעמיאַטיטש איז באַפרייט געוואָרן אויף 12 יאָר פון שטייערן. אין 1554 האָט מען מיטן רשות פון קיסר זיגמונט אויסגעבויט א בריק איבערן בוג. פאַר אַריבערפאָרן די בריק האָט מען געדאַרפט באַצאָלן 12 ליטווישע גראָשן.

אָנהייב 17טן יאָרהונדערט איז סעמיאַטיטש אַריבער אין רשות פון די סאַפּיעהאַס. מיכאַל סאַפּיעהאַ, א פרומער קאַטאָליק, האָט אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט א מיסיאָנערן־אָרדן, האָט פאַר אים אויפגעבויט א קלויסטער און א מאָנאַסטיר. אין 1753 גיט סאַפּיעהאַ אוועק די שטאָט אין נדן צו זיין טאָכטער אַנאַ, וואָס האָט חתונה געהאַט מיטן בראַצלאַווער וואָיעוואָדע, פירשט יאַבלאָנאָווסקי. אַנאַ יאַבלאָנאָווסקאַ האָט זייער א סך אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט. זי איז געווען אן אָפטער גאַסט אין קיסרס פּאַלאַץ און געשעמט מיט איר חכמה און וויסן איבערן גאַנצן לאַנד. היסטאָריקערס און שרייבערס פון איר צייט דערציילן א סך וועגן איר גרויסקייט. זי האָט געשריבן און אַרויסגעגעבן ביכער וועגן עקאָנאָמישע, אַגראַרע אוןווירטשאַפטלעכע ענינים. איר נאָמען איז געווען באַקאַנט אויך מחוץ לאָרץ.

אַנאַ יאַבלאָנאָווסקאַ האָט זיך באַמיט צו מאַכן סעמיאַטיטש פאַר א האַנדלס־צענטער. אין 1775 האָט די שטאָט געציילט 285[4] הייזער. די באַפעלקערונג איז געווען שטאַרק פאַראָרעמט און יאַבלאָנאָווסקאַ האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס צו פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן מצב. די סעמיאַטיטשער זיינען געווען באַשעפטיקט און געהאַט פרנסה נאָר אין יאַגד־סעזאָן, ווען טויזנטער פריצים פלעגן זיך צונויפקומען אין די ביאַלאָוועצקער וועלדער אויף יאַגד און הוליאַנקעס. יאַב־

לאַנאָווסקא האָט עס ניט באטראכט פאר קיין זי־כערן פרנסה־קוואל און האָט זיך באמיט צו שאפן ארבעט פאר א גרויסן טייל פון דער באפעלקערונג. זי האָט זיך דערווייטערט פונעם פריצישן שטייגער לעבן, זיך באזעצט אין סעמיאַטיטש, האט געלאזט דארט בויען בנינים און אונטערנעמונגען. זי האָט אויפגעבויט דעם ראַטהויז מיט זיינע הונדערט קלייטן [5]. אין 1789 האָט זי באקומען א דערלויבניש פון מלך פּאָניאַטאָווסקי אָפּצוהאלטן א יריד אין סעמיאטיטש במשך פון א גאנצן חודש.

יאַבלאָנאָווסקא האָט אויפגעשטעלט א דרוקעריי, א ביבליאָטעק און א מוזעאום פאר נאטורגעשיכטע. זי האָט געגרינדעט א שפּיטאָל און א שול פאר אקושערינס (עקסיסטירט פון 1783 ביז 1792). אויף איר איניציאַטיוו און מיט אירע פאָנדן זיינען אויפגעבויט געוואָרען א צאָל פאבריקן און אויך א לייקאסע פאר קליינהענדלערס און בעלי־מלאכה.

דורך אנאָנסען אין דער פרעסע האָט זי פארבעטן סוחרים, זיי זאָלן קומען קיין סעמיאטיטש. זי האָט א סך אויפגעטון לטובת די פויערים און פארבעסערט זייער מצב.

אין 1715 האָט סעמיאטיטש געציילט 285 הייזער; אין 1791 — 300 הייזער און 3500 איינוואוינערס.

נאָך יאַבלאָנאָווסקאס טויט, אין יאָר 1801, האָבן אירע יורשים פארקויפט סעמיאטיטש מיט די גיטער דעם פּרייסישן באנקיר יאָן מייסנער. פון אים איז די שטאָט אריבער צו א געוויסן ווינצענטא און שפּעטער איז סעמיאטיטש געוואָרן דאָס אייגנטום פון רוסישן גענעראל פיינאס האבע. זי האט געהערט צו זיינע יורשים ביז צו דער רוסישער רעוואָלוציע. אין דער צייט, ווען סעמיאטיטש האָט געהערט צו פאנאס האבע, זיינען געווען אָנגעשלאָסן צו איר 16 דערפער. לויט האָלשען, איז די סביבה און בתוכה אויך סעמיאטיטש דעמאָלט געווען אָפּגעלאָזט און פאראָרעמט.

סעמיאטיטש האָט א סך געליטן בעתן פּוילישן אויפשטאנד (1863). ווען דער אויפשטאנד איז אויסגעבראכן (יאנואר 1863) האָט זיך אין שטאָט געפונען דער קאָמאנדיר ציכאָרסקי מיט א שטאַרקן מיליטערישן אָפּטייל. פון צעכאָנאָוויץ האָט מען ארויסגעשיקט אן אָפּטייל קאָזאקן און הארמאטן־שיסערס אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל מאַניוכין. דער אָנגריף אויף סעמיאַטיטש איז פאָרגעקומען דעם 6טן פעברואר. דעם 1טן פעברואר האָט מאָניוכין געשטורעמט דעם פאלאץ, וואו עס האָבן זיך באפעסטיקט די אויפשטענדלערס, און האָט אויפגעריסן די שטאָט. נאָך דעם ווי די אויפשטענדלערס האָבן זיך צוריקגעצויגן זיינען די רוסן אריין אין שטאָט, צעראבירט די הייזער און געשעפטן, אונטערגעצונדן דעם פאלאץ און א ריי אנדערע בנינים. די מפלה האָט צעטרייסלט די פּאָזיציע פון די אויפשטענדלערס אין גראָדנער קרייז [8]. ווי א צייכן פון רוסישן נצחון האָט מען באפוילן די יידן — וואס זיינען געווען די קרבנות סיי פון אויפשטאנד און סיי פון זיין אונטערדריקונג — אויפצושטעלן א דענקמאָל דעם מלחמה־העלד גענעראל מאָניוכין.

צוליב דער שפע פון שאָף אין דער סעמיאטיטשער געגנט, האָט דער דעמאָלטיקער שטאָט־אייגנטימער (אין די 20קער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט) אויפגעבוט אין סעמיאטיטש א וועבעריי לויטן מוסטער פון די פריצים ארום ביאַליסטאָק. מיטן אויפקום פון דער אייזנבאַן האָט זיך די פאבריק פארמאכט. עס איז ניט געווען מעגליך צו קאָנקורירן מיט די אינדוסטריע־צענטרען, וואָס זיינען געלעגן נאָנט צו די באַנליניעס [9].

אין מיטן נײַנצעטן יאָרהונדערט האָט זיך געעפנט אין סעמיאטיטש א טאבאק־פאבריק. די פּראָדוקציע האָט דערגרייכט אין 1861 צו 588 פּוד טאבאק, 51 טויזנט ציגארן און 32 טויזנט פּאַפּיראָסן. אין 1897 זיינען אויף דער אלגעמיינער צאָל פון 6151 איינוואוינערס געווען 4638 יידן. אין יאָר 1921 זיינען אויף 5694 איינוואוינערס געווען נאָר 3718 יידן, וואָס מאכט אויס 65% [11] פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. אין יאָר 1932 זיינען געווען אין שטאָט 164 קלייטן, פון זיי 146 (89%) — יידישע. אין 1937 — 178 קלייטן, פון זיי 147 יידישע (85%)[11א]. אופן סמך פונעם צארישן באפעל פון 1910, וועגן דער אויטאָנאָמיע פון שטעט, האָבן די שטאָט־איינוווינערס געדארפט דורכפירן וואַלן און אויסקלייבן א שטאָטראט. די סעמיאטיטשער יידן האָבן מוותר

געווען אויף דער פריווילעגיע און אין סעמיאַטיטש זיינען ניט פאָרגעקומען קיין וואַלן.

ב

ווי אויבן דערמאָנט, איז ניט באוואוסט גענוי, ווען יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באזעצן אין סעמיאטיטש. עס איז אָנצונעמען, אז ניט פריער ווי אין יאָר 1522, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער יישוב אין טיקטין.

דער ערשטער דאָקומענט׳ וואָס אונדז איז באַקאַנט און וואָס עס ווערן אין אים דערמאָנט סעמיאַטיטשער יידן, איז פון 24סטן מאַרץ, 1582. אין דאָזיקן דאָקומענט רעדט זיך וועגן אַן אָנקלאַגע, וואָס עס האָבן דערלאַנגט די סעמיאַטיטשער שטאָטלייט צו דער פירשטין קאַטערינאַ סלוצקאַ, די דעמאָלטיקע אייגנט־מערין פון דער שטאָט. זיי ענטפערן דאָרט אויף די טענות פון די יידישע פאַכטערס, וואָס קלאָגן זיך אויף די שטאָט־איינוואוינערס, אז די לעצטע מאָלן זייער תבואה אין פרעמדע מילן און פאַרשאַפן זיי מיט דעם א גרויסן היזק. פון זייער זייט דערקלערן די שטאָטלייט, אז זיי פירן זיך אין הסכם מיט דער פירשטינס אָנווייזונגען און אז די יידישע פאַכטערס ברענגען שאָדן דער שטאָט מחמת די פּריווילעגיעס, וואָס די פּירשטין האָט זיי געגעבן. די צווי מילן, וואָס געפינען זיך אין שטאָט, קענען ניט אָפּטאָן די גאַנצע ארבעט, אין וועלכער די שטאָט נייטיקט זיך, און נאָך מער: די פאַכטערס דערלאָזן ניט, אז מען זאָל אריינברענגען אין שטאָט גענוג מעל, ניט פון דער פירשטינס און ניט פון די פרעמדע מילן, מיט דעם טוען די פאַכטערס היזק די ירידים און זיינען גורם עס זאָל ניט איין מאָל אויספעלן אין שטאָט ברויט. דעם מאַלץ פירן זיי ניט אין קיין אנדערע מילן, אָבער דעם קאָרן און אנדערע תבואות האָבן זיי דאָס רעכט צו פירן אין אנדערע מילן, וואָס געהערן דער פירשטין. די פאַכטערס דערלאָזן עס ניט און קאָנפיסקירן דאָס מעל צוזאמען מיט די פערד און וועגענער.

אזוי באקלאָגן זיך אויך די שטאָטישע גויים אויף די יידן, אז זיי טוען אָן היזקות אין די וועלדער. לויטן אָפּמאַך מיט דער פירשטין האָבן די יידן דאָס רעכט צו נעמען האָלץ נאָר פאַר זייערע אייגענע באדערפעניש (צום הייצן), זיי נוצן אָבער האָלץ אויך פאַר אנדערע צוועקן און דעריבער מוזן די שטאָטלייט קויפן האָלץ אין דער פרעמד. די שטאָטלייט בעטן אין דער בקשה ניט צוצוהערן זיך צו די יידישע טענות.

פון דאָזיקן דאָקומענט איז צו זען, אז אין דער דערמאָנטער תקופה האָבן שוין יידן געוואוינט אין סעמיאטיטש און האָבן, ווי אין אנדערע שטעט אין פוילן און ליטע, ארויסגערופן א קעגנערשאַפט ביי דער אָרטיקער באפעלקערונג צוליב עקאָנאָמישער קאָנקורענץ.

פונעם אספעקט פון איר עקאָנאָמישער פּאָזיציע איז סעמיאטיטש געווען אין 16טן יאָרהונדערט אין גאנצן אומבאקאַנט.

אין די רייסטערס פון די קאַמערן [טאַמאַזשנע] אין ביעלסק און לוקאָוו (ביי דער פויליש־ליטווישער גרענעץ) פונעם יאָר 1580, וואָס זיינען באקאַנט פון די פאָרשונגען פון ד״ר רפאל מאהלער[13], ווערן דערמאָנט יידן פון טיקטין, ביעלסק, ווענגראָוו און קריסטן פון טשעכאַנאָוויץ און מעזריטש — אלע אין שכנות מיט סעמיאַטיטש, קיין סעמיאַטיטשער אָבער ווערן דאָרט ניט דערמאָנט.

די יידישע ענינים זיינען באשטימט געוואָרן לויטן „כתב הקיום״, לויט וועלכן זיינען די יידן ניט געווען אונטערגעוואָרפן דעם שטאָט׳שן געריכט־וועזן און דעריבער האָבן זיי ניט געקענט געניסן פון די מעלות פון מאגדעבורגער געזעץ און פון דער פרייהייט זיך צו באשעפטיקן אָן באַגרענצונגען מיט דער אויסארבעטונג און פאַרקויף פון שארפע געטראַנקען. כדי צו פארנעמען זיך מיט דעם, האָבן זיי געמוזט האָבן א ספּעציעלע דערלויבניש פונעם שטאָט־אייגנטימער, וואָס ער פלעגט זיי געבן רשות אָנצוהאלטן שענקהייזער, אזוי ווי די קריסטן, אויסארבעטן און פארקויפן בראַנפן, וויין, מעד, ביר און אויפהאלטן ברויערייען צו קאָכן דעם מעד און דעם ביר.

ווי דערמאָנט, האָט סעמיאטיטש געהערט צו טיקטין וואָס שייך שטייערן און געריכט־ענינים. אין יאָר 1714 האָט טיקטין באצאָלט פאַר אלע קהילות, וואָס האָבן צו איר געהערט, 3799 גילדן מיט 24 גראָשן קאָפּשטייער, אין יאָר 1715 — 2070 גילדן. אין 1717 איז דער סכום פון קאָפּשטייער (פון טיקטין און אירע קהילות) דערגאַנ־

גען צו 8625 גילדן מיט 25 גראָשן. פון דער דאָזיקער סומע האָט איינגעצאָלט סעמיאטיטש מיט אירע אָפּצווייגן 2314 גילדן מיט 15 גראָשן.

אין יאָר 1718—1719 האָט סעמיאטיטש באצאָלט 2314 גילדן מיט 15 גראָשן[14] פון דער אלגעמיינער סומן 11431 גילדן מיט 13 גראָשן, וואָס איז ארויפגעלייגט געוואָרן אויפן גאנצן טיקטינער גליל ווי קאָפּשטייער.

אין דער איינטיילונג פון די שטייערן פארן יאָר 1734 האט מען ארויפגעלייגט אויף די טיקטינער יידן, אריינגערעכנט סעמיאטיטש און יאשינאווקע, א קאָפּשטייער פון 11741 גילדן און אין יאָר 1736 האט טיקטין אליין באצאָלט 6463 גילדן[15]. די סומע, וואָס מען האָט ארויפגעלייגט אויף סעמיאטיטש, ווערט ניט דערמאָנט.

דער יידישער יישוב אין סעמיאטיטש איז געווען אונטערגעוואָרפן טיקטין, וואָס האָט געהערט צום פאָדלעסיער גליל[16]. ווי אין אנדערע קהילות אין פוילן האט זיך אויך אין סעמיאטיטש אנטוויקלט א יידישער ישוב מיט מוסדות און אינסטיטוציעס: די קהילה, א שול, א בית־מדרש, רבנות, א בית־דין, א תלמוד־תורה, א מקווה אאז״ו. טיקטין[17] האט געהאט די דעה אויף די די קהילות, וואָס האבן צו איר געהערט, אין די ענינים פון בית־דין הגדול און ארויפלייגן שטייערן. אין יאָר 1671 האָט דער איינטייל פון די שטייערן אין טיקטינער גליל אויסגעזען אזוי: טיקטין — 34.5%; סעמיאטיטש — 28,5 %; אָרלע — 29.5%; באָטשקע — 1.5%[18].

מיטן וואוקס פון דער סעמיאטיטשער קהילה איז אויך געוואָקסן איר פאַרלאַנג זיך אָפּצורייסן פון טיקטין און איינשטעלן אַן אומאָפּהענגיקן גליל. אויף דעם באָדן זיינען פאָרגעקומען סיכסוכים צווישן ביידע קהילות. די מחלוקת האָט זיך פאַרשטאַרקט אין יאָר 1623, ווען בריסק דליטא, גראָדנע און פינסק האָבן זיך פאראייניקט און אויפגעשטעלט דעם „ועד מדינת ליטא". טיקטין און די פאָדלעסיער ישובים זיינען געווארן דער סלע־המחלוקת צווישן דעם „ועד מדינת ליטא" און דעם „ועד ארבע הארצות". יעדערער פון זיי איז געווען פאראינטערעסירט אריינצונעמען אין זיין תחום דעם טיקטינער גליל. טיקטין און פאָדלעסיע, וואס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו פוילן מיטן כח פון דער „לובלינער אוניע", אין 1569, האָבן געוואָלט, צוליב עקאָנאָמישע טעמים, פארבלייבן אין תחום פון „ועד ארבע הארצות".

אין 1658 איז אויסגעבראָכן א נייע מחלוקת — די סיבה איז געווען סעמיאטיטש, וואָס האָט זיך פארמאָסטן אראָפּצואווארפן דעם טיקטינער יאָך און אויפשטעלן א זעלבסטשטענדיקן גליל צוזאמען מיט אנדערע קהילות. סעמיאטיטש האָט אויפגעהערט צו דערפילן אירע התחייבותן און צו צאָלן אירע שטייערן אין דער טיקטינער קהילה. ווי א רעאקציע אויף דער דאזיקער האנדלונג מצד סעמיאטיטש האט דער טיקטינער בית־דין הגדול געצוואונגען די סעמיאטיטשער פרנסים אָפּצוגעבן א שבועה אין שול, אז זיי וועלן אויספאלגן אין דערפילן אלע פאדערונגען פון טיקטין. דאָס אָפּגעבן די שבועה איז פאָרגעקומען י״ב אב תמ״ה (1685) און דאס איז דער נוסח פון דער שבועה: „נוסח השבועה שנשבעו פה בבה״כ בפאה״ק[19] בפני שני שמשים האלופים כמה״ר יצחק מונצער ומה״ר שמואל בן מהרר״י ומהר״ה בן הר״ר אהרון, ראשי ומנהיגי ק״ק סעמיאטיטש י״ב ניסן תמ״ה לפ״ק ונשבע כל א׳ (אחד) וא׳ בפני עצמו במעמד שלשתן: „דא שווער איך ע״ד המקום וע״ד הקהל ובלי מרמה ובלי התרה והפרה בעולם ובביטול כל מודעות ומודעו׳ דמדעו׳ שבעולם, דז תכף אז מיר היים קומין זאָלין מיר כל הפעולות טובות טאָן עד מקום שידינו מגעת ואף בדיני גויים, דז איין גביי [גביה] זאָל נגבה ווערין. דהיינו ג׳ חלקים סכום[20] וב׳ חלקים גלגול[21] באופן דז די ט״ז מאות (1600) זהו׳ וואָ׳ש זיין שייך לכרגא למלכא[22] בעד שנה העבר, זאלין מסולק ווערין במזומנים ליד בעלי אסיג׳ [אָסיגנאַציעס][23] תוך שני שבועות מהיום, דהיינו על פרעוואדני ניעדזועלי׳ דאש איז יום א׳ כ״ה ניסן הסמוך בלי שום דחיה והתנצלות בעולם מכל מה שהפה יוכל לדבר והלב לחשוב וק״ו [וקל וחומר] בני של ק״ו דז מיר טארין זיך (ניט) מציל זיין מכרגא דמלכא ע״י השררה שלנו[24] בשום אופן ותחבולה בעולם, לא על העבר ולא על להבא, רק וואָש ע״פ הערכה וועט נערך ווערין אויף אונז כנהוג בכל השנה, זאָל אָבגעשיקט ווערין לב״ד־הג׳ [לבית־דין הגדול] יצ״ו. איטליכה ראטי [ראָטע] במעמדה ובזמנה בלי שום דיחוי, אונ׳ חאטשי הבע״ל אסיגנציה זעלט וועלין ווארטין לאיזה זמן, טארין מיר נישט אפּ בעטין. וגם על

זאת שווערין מיר דז די הכנסת קרופקא הגדולה בקהילתנו יצ״ו זאל מהיום ולהבא שייך זיין לפרעון כרגא דמלכא, מוקצה ומופרש ומובדל איז בחתיכא דאיסור צו רירן לשום דבר אחר בעולם.

„וגם שווערין מיר דאראויף דז כל גזירת אמרי פי[25] הרוזני׳ בדה״ג ק״ק טיקטין יצ״ו, כתבו ופסקו וואס ווערין אוישגין, זאל בקהילתנו מקויים ווערין אונ׳ מיר זיין מחוייב עומד על המשמר צו זיין דז קיין סירוב זאל גישעהן ע״י שום אדם מבני קהילתנו וכ״ש [וכל שכן] ע״י ח״מ [חתומים מטה] ואף דז מיר זיין כבר מושבעים ועומדים, שווערין מיר היום מחדש וגם על זאת שווערין מיר דז אחר חג הפסח הבע״ל תכף אז הרוזני יצ״ו ווערין [וועל] אונז מודיע זיין, זאלין מיר מקהילתנו יצ״ו שיקין משולחים להערכת סכום הקהלות כנהוג וגם לסדר תקנות למעמד ומצב הקהלה יצ״ו[26].

אין קעגנזאץ צו דער שבועה האבן די מנהיגים און ראשי־הקהל זייער הבטחה ניט דערפילט און אפילו אויפגעהערט אויפצוצאָלן זייער חלק אויף די קהלשע הוצאות. טראָץ דעם פסק־דין און דער שבועה האט זיך דער קאמף מיט טיקטין ניט אָפּגעשטעלט.

סעמיאטיטש האט געוואלט ווערן זעלבסטשטענדיק און שאפן אן אייגענעם גליל. זי איז ניט מסכים געווען אויף די אָפּשאצונגען און דאָס ארויפלייגן שטייערן לויט דער באשטימונג פון טיקטינער ועד־הגליל. די באציאונגען צווישן די קהילות האָבן זיך נאָך מער פאַרשאַרפט. די לאגע איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דער „ועד ארבע הארצות״ האָט אויף זיין סעסיע אין יאַראסלאַוו אין יאָר תנ״א (1691) ארויפגעלייגט אַ חרם אויף די סעמיאטיטשער ראשי־הקהל: דערפאר ווייל זיי האָבן ניט אָפּגעהיט זייער שבועה זאָלן זיי זיין פארשאָלטן און אָפּגעשיידט פון אלע קהילות, זייער ברויט איז דאָס ברויט פון געצענדינערס און זייער וויין איז „יין נסך״, זייערע חתונות זיינען ניט לויטן דין און מען טאָר זיך מיט זיי ניט משדך זיין. מען טאָר ניט שטיין אין זייערע ד׳ אמות. מען טאָר מיט זיי ניט פירן קיין שום מסחר. מען דאַרף זיי ניט באצאָלן קיין חובות און זייערע וועקסלען זיינען בטול. מען דאַרף זיי רודפן מיט אלע מיטלען, אפילו דורך ניט יידישן אינסטאנצן. דער חרם איז גילטיק כל־זמן זיי וועלן זיך ניט שטעלן פארן בית־דין הגדול אין טיקטין און וועלן ניט אויסצאָלן דעם גאנצן קאָפּשטייער, וואס זיי זיינען שולדיק. און דאס איז דער לשון פונעם חרם אין זיין אָריגינאל:

„הערט צו כל הקהל הקדוש, האלופים, הקצינים רוזני ד״א [ארבע ארצות] יצ״ו לאזין מודיע ומכריז זיין ברבים, בוועד הגדול ביומא דשוקא, דז די מנהיגי דק״ק סעמיאטיטש זייו פורק עול מלכות שמים, זיין ניט ציית לקול הורים ומורים של הבדה״ג דק״ק טיקטין יצ״ו, אונ׳ זיין פורק עול מלכותא דארעא, זיין ניט יוצא ידי חובתו בפרעון כרגא דמלכא, זיין זיך ניט משתתף בצרתן של ישראל בצוק העתים הקשים, זיין ניט ציית בכל התראות, ואזהרות איז בייא זיא כמצחק בעיניה׳. על כן זיין זיא מוחרם ומנודה ומופרש מכל ק״י [קהלות ישראל], פפ״כ[27], יין[28], בב״ז[29]. אסור לעמוד בד״א [ד׳ אמות] שלהם ולא לישא וליתן עמהם, ולא להתחתן בהם ולא למול את בניהם; אל אירי חובות וואָש מען זי שולדיג זאָל זייו בעיקול, איר ש״ח[30] אויף די חובות זיין בטל כחרס הנשבר, מען זאָל זיא רודף זיין בכל מיני רדיפות שבעולם אף בעש״ג[31] וכל זמן דז זיא ניט קומען לבדה״ג הנ״ל ק״ק טיקטין און ריכטן אפ איר כרגא דמלכא וואש אויף זיא קומט לבדה״ג הנ״ל אונ׳ זיין ניט מקבל דין על העבר, זאלין זיא תמיד זיין בחרם חמור כנ״ל, און דער כרוז חרם ושמתא זאל אוש גרופן ווערן בכל הקהלות דד״א יצ״ו למען ייסרו רבים ולא יזידון עוד״[32].

לויטן צושריפט פונעם לובלינער סופר איז דער חרם אויסגערופן געוואָרן „בשם רוזני, קצינ׳, מנהיגי ד״א יצ״ו בוועד קודש דד״א יצ״ו ביומא דשוקא בשבת קודש עפ״י גזירת רוזני קציני ד״א יצ״ו על כל השמשין שבכל בתי כנסיות ביערוסלב תנ״א ל׳. נאום שלמה ספרא דמתא ק״ק לובלין יצ״ו ודד״א יצ״ו״.

אין יאָר תנ״ט (1699) האָבן סעמיאטיטשער שליחים געפירט א משא־מתן מיט טיקטינער בוררים וועגן דער סומע, וואָס סעמיאטיטש דאַרף באַצאָלן פון פסח תס״א. היות די סעמיאטיטשער שליחים האָבן ניט געוואלט „מאכן קיין סוף צום ענין מיט התנצלותן און אָפּלייגענישן וואָס האָבן ניט קיין ווערט״, האָבן זיך די שליחים געשטעלט

פארן טיקטינער רב ר׳ נפתלי־הירש בר׳ ישראל אשכנזי. ער האָט באשטעטיקט דעם פסק דין, אז די אָפּשאַצונג פון דער סעמיאַטיטשער קהלה זאל זיין פון פסח תס״א „לפי החוט של חסד״, לויט ווי ער האָט מקיל געווען דעם רצון פון די טיקטינער בוררים, און די סומע זאל באשטיין פון 14000 גילדן והוספות מעות טובות דאנצקער און מיט יעדער ראטע זאָל אויך איינגעצאָלט ווערן דער קאָפּשטייער לויטן פסק דין פון יערוסלב, תנ״ט [33].

אין 1700 האבן טיקטין און סעמיאטיטש זיך געמשפט פארן בית־דין פון ועד ארבע ארצות [34]. די צדדים זיינען געשטאנען פארן בית־דין און מאריך געווען מיט זייערע טענות, תביעות איינע קעגן די אנדערע און מיט זייערע סכסוכים און קריגערייען, וואס זיינען צווישן זיי פארגעקומען אין משך פון יאָרן.

דער בית־דין האט געפסקנט, אז מען קען ניט איבעראנדערשן דעם איצטיקן מצב און אז סעמיאטיטש מוז פארבלייבן פון איצט אָן און אויף אייביק אונטערגעוואָרפן דעם בית־דין הגדול פון טיקטין און עס מוזן אים אויספאָלגן אלע איינוואוינערס פון דער שטאָט פון איין עק ביז צום צווייטן און זיי דארפן ארויפקוקן ווי צו עלטערן, לערערס און דערציערן, ווי עס איז דער חוק און דער משפט פון יעדער ישוב לגבי דעם בית־דין הגדול, ווי עס פירט זיך אין אלע קהלות פון ד׳ ארצות.

אין פסק־דין ווערט געזאָגט, אז צוליב איר קעגנשטעלן זיך דארף סעמיאטיטש באשטראָפט ווערן, כדי אנדערע ישובים זאָלן חלילה ניט ווידערשפעניקן אין זייער בית־דין הגדול; אָבער מיר האָבן זיך אָפּגעהאלטן דאָס מאָל, ווי עס איז אונדזער דרך, אָפּצוואוארטן, אז אפשר וועלן ווייכער ווערן זייערע הערצער און זיי וועלן פארשטיין און זיך אומקערן פון די שלעכטע וועגן, דעריבער ווערט דער פסק, וואס מיר האבן ארויסגעטראגן, בלייבן פארבאָרגן מיט אונדז, אין פאַל זיי וועלן זיך חלילה אומקערן צו זייערע נאַרישקייטן. אויב אָבער זיי וועלן מקבל זיין דעם דין, זיינען זיי אונדזערע ברידער און דאס פארגאנגענע וועט פארגעסן ווערן און די אלופים תורנים מהר״ר צבי־הירש ומהר״ר יוסף במהר״ר יצחק משולחי ק״ק סעמיאטיטש האבן מיר געצוואונגען צו שווערן אז עס וועט באשטעטיקט און אויסגעפירט ווערן כל פרט שבתוקף פסק הדין און אז זיי דארפן ארויסקריגן א באשטעטיקונג אויף דער גילטיקייט פונעם פסק־הדין פון זייער שר הגדול און דאס זיינען די פרטים פונעם פסק־דין:

אלע כתבים, פסק־דינים וואָס געפינען זיך אין סעמיאטיטשער קהילה קעגן טיקטין — אלע זיינען זיי בטלים, לא שרירין ולא קימין. און עס זאָלן על פי זיי ניט געפאָדערט ווערן קיין שום זכותים אין הסכם מיט דער תקנה פון ועד ארבע הארצות פון יאָר תנ״ב, וואס לויט איר געהערן יישובים, דערפער און שטעטלעך, וואס פארמאָגן ניט קיין אייגענע שול און זיי זיינען נאָנט ביי א צוויי מייל פון דער קהילה ראשית, דארפן זיי איר זיין אונטערגעוואָרפן אויך אין ענינים פון שטייערן און אנדערע עסקים [35].

וועגן די סומעס וואָס סעמיאטיטש איז שולדיק טיקטין פון פריער — יעדן יאָר 1400 גילדן — דארף סעמיאטיטש אונטערפירן א סך־הכל וואָס זי איז שולדיק טיקטין אויסער 1400 גילדן נאָך 1200 גילדן, וואָס עס קומט פון זיי פון יאָר תמ״ז און ווייטער, און אויך ד׳ איבעריקע סומעס — 607 גילדן — איז שולדיק די סעמיאטיטשער קהילה 3000 גילדן, זיינען זיי מחוייב אויסצוצאָלן 1400 גילדן א יאָר. אויסער דעם די העכערונג פון קאָפּשטייער אויף דער סעסיע פון פוילישן סיים וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין יענער צייט אין ווארשע (16/6 — 28/7 1699). נאָכדעם ווי הרב נפתלי־הירש בר׳ שמואל וועט קומען קיין טיקטין — דאָרט איז ער געווען רב ביז צום יאָר שס״ב — וועט מען אויסקלייבן דריי מאן פון טיקטין און דריי פון די ישובים און צום ערשטן מאָל וועט איינער פון זיי זיין פון סעמיאטיטש, און דער טיקטינער רב וועט זיין דער זיבעטער, און זיי וועלן אָפּשאַצן וויפיל עס דאַרף באצאָלן טיקטין „ואז יהיו הקהילה כשרים״ און זיי וועלן אָפּשאַצן די יישובים.

„פון דאַן וועט טיקטין אויסקלייבן 2 מנהיגים און די יישובים צוויי משולחים און דער טיקטינער רב וועט זיין דער פינפטער אין דער אָפּשאַץ־קאָמיסיע. נאָר ביי דער ערשטער אָפּשאַצונג וועט סעמיאטיטש האָבן בלויז דריי טאקסאטאָרן און טיקטין צוויי און דער טיקטינער רב וועט זיין דעד זעקסטער. אָבער דער רב און די צוויי טיק־

טינער פאַרשטייערס קענען מכריע זיין די דריי פון סעמיאַטיטש. סעמיאַטיטש מעג צונויפזאַמלען איר עדה און מתקן זיין תקונים אין דער קהילה לויט זייער איינזען אפילו וואָס שייך דער אָפּשאצעריי, אָבער די אויטאָריזירטע תיקונים דורך דער עדה דאַרף מען ברענגען צום בית־דין הגדול און די קצינים פון הבד״ג דאַרפן זיי מאַכן גילטיק. גאַרניט פון זיי אָפּנעמענדיק און די קהילה דאַרף תמיד באַצאָלן וואָס עס קומט פון איר, אָן קיין שום מאָטיוון אפילו פון דער אסיגנאַציע סקאַרבאָווע״.

וועגן משפטן זיך איז באַשטימט געוואָרן, אַז די משפטים פון די סעמיאַטיטשער, וואָס וועלן פאָרקומען פאַרן בית־דין הגדול, „איז די וועלכע זיינען ניט נוגע קיין עסקי־ממון, זאָלן משפטן דער רב און זעקס מנהיגים, באַשטימטע פון קהל״. אין דיני ממונות אָבער זאָלן זיצן נאָר דער רב און די דיינים, ניט די מנהיגים. אין משך פון די קומענדיקע צוויי יאָר זיינען די סעמיאַטיטשער דערלויבט „צו משפטן זיך ביי זיך אין דער היים ביז 50 גילדן, פון 50 גילדן און העכער זיינען זיי מחויב זיך צו שטעלן פאַרן בית־דין הגדול, און אין צוויי יאָר אַרום פון היינט, אויב זיי וועלן זיך אויפפירן כשורה כלפי דעם בית־דין הגדול, וועלן זיי מעגן משפטן ביי זיך אין דער היים ביז 75 גילדן, העכער פון דעם זאָלן זיי זיך שטעלן פאַרן בית־דין הגדול״. אין משפטים וועגן שטייערן צווישן דער קהילה און א יחיד זאָל מען דעם יחיד ניט אַרויסרופן, ביז ער האָט גענומען א שבועה אין זיין קהילה. א יחיד, וואָס מאָנט פון דער קהילה, דאַרף איינלייגן א משכון ביז צום משפט.

קנס וואָס וועט אַרויפגעלייגט ווערן אויף סעמיאַטיטשער דורכן בית־דין הגדול (וואָס הערשט איבערן גאַנצן ישוב און האָט רעכט צו באַשטראָפן יעדן שולדיקן) — געהערט א העלפט צו טיקטין און א העלפט צו סעמיאַטיטש. דער בית־דין הגדול האָט אויך דאָס רעכט צו באַשטראָפן מיט תפיסה און „קונע״ פאַר א גרויסער זינד און אפילו קאָנפיסקירן דאָס געלט פון פאַרזינדיקטן.

אין דעם פסק־דין ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז עס איז געווען א הסכמה מיט די שליחים פון סעמיאַטיטש ר׳ הירש ור׳ יוסף, אַז היות „עס קען זיין א חשש פאַר אויסדרוקן פון פיינדשאַפט און קאָנקורענץ, צוליב דעם וועט אין משך פון צוויי יאָר זיי ניט משפטן דער קהל דבית־דין הגדול נאָר הרב דק״ק טיקטין. האלוף מוהר״ר ר׳ צבי הירש וועט ניט באַשטימט ווערן אויף קיין שום פּאָסטן בק״ק סעמיאַטיטש, ביז עס וועט באַשטעטיקט ווערן דער פסק־דין און עס וועט שווערן די גאַנצע עדה אים צו מקיים זיין און אַרויסקריגן א באַשטעטיקונג פון זייער שררה״.

אויסער דעם ווערט געוואָרנט „דער כבוד הרב המופלג אב״ד דק״ק סעמיאַטיטש, אַז ער זאל אַלץ טאָן, מען זאָל מקיים זיין דעם פסק דין אָן קיין שום שינוי און ער זאָל זיך צוהערן צום בית־דין הגדול, און ביחוד אַז עס וועט געשריבן ווערן א כתב, א חרם, א שמתא אָדער נדוי, זאָל ער זיין געהיט אין זייערע רייד און האַלטן דעם מוחרם אָדער דעם ווידערשפּעניקן אין חרם, מען זאָל אים דערוווייטערן פון קהילת יצחק, אונטערטעניק צו מאַכן צום בית־דין הגדול און מען זאָל אַרויפּטאָן גאָטס מורא און נייגן דאָס הארץ פון דער קהילה צום בית־דין הגדול. און אוודאי וועלן זיך דערנעענטערן צו זיי די הערצער פון בית־דין לגדול און זיי וועלן ווערן אי״ה איינס, וועלן זיך האַלטן פאַראייניקט מיט ברידערשאַפט און וועלן זיין ווילִיק איינער צום אַנדערן ווי פריינד וואָס זוכן שלווה.״

אויך אויפן שליח־ציבור און אויפן שמש איז מען גוזר מיט „חרמות ושמתות ונדוי וארורים, זיך צוצוהערן און אויספאָלגן דעם בית־דין הגדול אַלץ וואָס ער וועט באַפעלן און זאָלן ניט פאָלגן די מנהיגים זיך קעגנצושטעלן זיירע רייד״. אויב זיי וועלן תיכף ניט מקיים זיין דעם דאָזיקן פסק־דין און וועלן זיך קעגנשטעלן דעם בית־דין הגדול, דעמאָלט נעמט אויף זיך דער בית־דין פון ועד דד״א [דד׳ ארצות] [63] אַרויסצוברענגען דעם „פאַרבאָרגענעם פסק־דין״ און צו באַשטראָפן מיט שווערע שטראָפן „למען ידע דור אחרון, די קינדער וואָס זיי וועלן געבוירן, וועלן דערציילן זייערע קינדער אַז „יש אלקים ושופטים בארץ״.

צום סוף האָט מען געהייסן אַריינשרייבן דעם פסק־דין אין פנקס טיקטין און פנקס סעמיאַטיטש „למען יעמד ימים רבים בלי שום שינוי״.

יעדער בית־דין „וואָס מחוץ אונדזער מדינה (פוילן) ווערט געבעטן צו שטיצן דעם בית־דין הגדול און צו רודפן און פאַרשטויסן יעדן איינעם

וואָס שטעלט זיך אונדז אנטקעגן". עס איז אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אז אין פאַל מען הע־כערט דעם קאָפּשטייער אויפן כלל ד' ארצות, דאַרפן צאָלן די העכערונג אויך די סעמיאַטיטשער און אנדערע טיקטינער קהילות, ווייל ניט נאָר אויף סעמיאַטיטש איז חל דער דאָזיקער פסק־דין, נאָר אויף אַלע ישובים און אַלע יחידים פון גליל טיקטין.

וועגן דער סומע פון 3000 גילדן, וואָס סעמיאַ־טיטש איז שולדיק טיקטין פאַר קאָפּשטייער ביז אָנהייב אויגוסט תנ"ט, זיינען באַשטימט געוואָרן די ווייטערדיקע צאָל־טערמינען: דאָס ערשטע יאָר וועלן זיי באַצאָלן אין דריי ראַטעס צו 300 גילדן יעדע, צוזאַמען 900 גילדן א יאָר. נאָכדעם וועלן זיי צאָלן 600 גילדן א יאָר (יעדע ראַטע 200 גילדן), ביז צום אויסצאָלן דעם גאַנצן חוב. אויב זיי וועלן ניט צאָלן לויט די ראַטעס, וועלן זיי דאַרפן באַצאָלן פאַר א מאָל.

פון דעם פסק־דין איז אָפּצולערנען וועגן דער הארבקייט פון די באַציאונגען צווישן די ביידע קהילות. אָבער דער שאַרפער פסק־דין האָט ניט נאָר ניט געמאַכט קיין סוף צו דער מחלוקת, וואָס האָט זיך געצויגן צענדליקער יאָרן, נאָר פאַר־קערט: צוליב דעם אויבן דערמאָנטן פסק־דין האָט זיך די מחלוקת נאָך געשטאַרקט. און י"ח טבת תפ"ו (1726) איז אויף דער סעמיאַטיטשער קהילה און אירע מנהיגים אַרויפגעלעגט געוואָרן א נייער חרם, נאָך א האַרבערער, פאַר זייער ניט אויס־פאָלגן און האַרטנעקיקייט, זייענדיק די שליחי הקהילה צום אָפּשאַצן די סומע פון די שטייערן. איינער פון זיי איז תיכף געקומען בעטן מען זאָל אים מוחל זיין און דער חרם אויף אים איז בטל געוואָרן. שפּעטער האָבן אַזוי געטאָן די איבעריקע סעימיאַטיטשער פרנסי הקהילה. אין א קורצער צייט אַרום האָט די סעמיאַטיטשער קהילה דער־גרייכט דאָס איריקע. זי האָט לחלוטין איבערגע־ריסן די פאַרבינדונגען מיט טיקטין און איז גע־וואָרן אין גאַנצן זעלבסטשטענדיק, סיי אָרגיזאַ־ציאָנעל, סיי וואָס שייך דעם משפּטן זיך. די סיבה צו אַלע מחלוקתן זיינען געווען געלט־ענינים און דאָס אויסצאָלן די שטייערן. פון דער סומע 133,000 גילדן, וואָס דער טיקטינער גליל איז גע־ווען שולדיק, לויט די „אַסיגנאַציעס", פאַר קאָפּ־שטייער, איז אויסגעפאַלן אויף סעמיאַטיטש אַ פינפט־חלק, ד"ה 26,600 גילדן. נאָך די אָראָפּ־רעכנונגען איז געבליבן א חוב פון 6,000 גילדן חוץ די איינצאָלונגען אויפן חשבון פון די יאָר־לעכע ראַטעס.

אין דער תקופה פון איר קאַמף פאַר זעלבסט־שטענדיקייט איז דער יידישער ישוב אין סעמיאַ־טיטש געוואַקסן. די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, דער פאַרשטאַרקטער מסחר, דאָס פאַרמערן זיך פון מלאכה האָבן דערמעגלעכט דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פונעם ישוב און עס לייגט זיך אויפן שכל, אז די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען און די זיכערקייט צו זיין ביכולת אויפצוהאַלטן א זעלבסטשטענדיקע קהילה האָבן געשטויסן די מנהיגים צום קאַמף. פון די ראשי־הקהילה זיינען באַוואוסט נאָר צוויי, וואָס האָבן געפירט דעם משא־ומתן מיט די טיקטינער פרנסים און רבנים און האָבן זיך געשטעלט פאַרן ועד ארבע ארצות צו פאַרטיידיקן די ענינים פון זייער קהילה. חוץ זייערע נעמען האָבן מיר אָבער ניט וועגן זיי קיין שום ביאָגראַפישע פּרטים.

אין די יאָרן 1673—1726 זיינען געשטאַנען בראש הקהילה: משה אשכנזי, וואָס איז געווען איינער פון די 21, וואָס האָבן זיך שוין אין יאָר ת"ט (1649) באַראָטן וועגן אויפנעמען א רב [37]; אין יאָר 1673: ר' יצחק, ר' הירש [38]; אין יאָר 1685: ר' יצחק מונצר, שמואל בן יצחק, ברוך בן אהרן [39]; אין יאָר 1699—1700: ר' צבי־הירש, ר' יוסף בן יצחק [40]. פון דער דאָזיקער תקופה האָבן מיר ניט קיין פּרטימדיקע ידיעות וועגן „כתב־הקיום" פון דער קהילה און וועגן אירע רעכט לויטן הסכם מיטן שטאָט־אייגנטימער. די דאָזיקע תקנות זיינען באַשטימט געוואָרן נאָר אין די צייטן, ווען די שטאָט האָט געהערט צו דער יאַבלאָנאָווסקאַ. פון די טיקטינער קהילה־חשבונות איז צו זען, אז די שול איז אויפגע־שטעלט געוואָרן אין די 70קער יאָרן. אין יאָר תל"א (1671) איז פאַרשריבן, אז לויטן חשבון מיט די אלופים, ראשים און מנהיגים דק"ק סע־מיאַטיטש, האָט דער ועד הגליל [41] געגעבן 50 גילדן צושטייער צום אויפבוי פון דער שול סעמיאַטיטש. אין דער קהילה זיינען שוין געווען א צאָל רבנים. אין יאָר 1674 ווערט דערמאָנט א סעמיאַטיטשער רב (נאָמען ניט אָנגעגעבן), וואָס

האָט באַקומען אויפֿן חשבון פֿון די הוצאות דק״ק טיקטין 220 גילדן [42]. לויטן טיקטינער קהילה־פּנקס איז אין סעמיאַטיטש געווען אויך א קדוש (נאָמען ניט דערמאָנט), וואָס פֿלעגט קריגן, ווי עס ווייזט אויס, אויף חיונה 58 גילדן א יאָר [43].

פֿון די באַוואוסטע רבנים איז געווען הרב יושע העשיל הלוי בן ר׳ שמואל סגל אבדק״ק מעזריטש. דעם סעמיאַטיטשער כסא הרבנות האט ער פֿאַרנומען אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן. זייענדיק רב אין דאַבראָמיל האָט ער געהתמעט (אין יאָר 1713) א הסכמה אפּצודרוקן דעם חבור פֿון הרב פּנחס אב״ד וולאָדאַווע און פֿון הרב ישראל יהודה־לייב מקובל [44].

אין יאָר 1727 (תפ״ז, כ״ג אלול) האָט ער אין נאָמען פֿונעם ועד דד׳ ארצות — צוזאַמען מיט די איבעריקע נאמנים, העשל פֿון כעלעם, מרדכי בר׳ יצחק אב״ד פֿון בראָד און אליהו פֿון שעברעשין, געשיקט א בריוו צום פֿינאַנץ־מיניסטער [45].

אינעם יאָר 1728 (תפ״ח) האט ער בט״ו בשבט געגעבן א הסכמה אויפֿן ספר „חוקי דרך״ על ש„ע, אבה״ע פֿון ר׳ משה יקותיאל קויפֿמאַן, דיהרנפֿורט תק״ז [45]א. אין יענעם יאָר איז ער אויך געווען טעטיק ביים אויסגלייכן דעם סיכסוך צווישן די קהילות פֿון פּויזן און סווערזשענץ [45]ב. אינעם חשבון ההוצאות פֿונעם גאַנצן פּוילישן יידנטום פֿאַרן יאָר 1726 איז פֿאַרצייכנט א חוב, וואָס עס האָט אים געקומט ווי א נאמן דד׳ ארצות לויט דער אסיגנאַציע של ראשי דד׳ ארצות, בסך הכל 660 גילדן [49].

אין 1729 (י״ב תשרי תפ״ט) האָט ער געגעבן זיין הסכמה אויפֿן ספר „דברי הברית״ פֿון ר׳ אברהם צבי הירש בר׳ מאיר. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער געגעבן זיין הסכמה אויף נאָך א צאָל רבנישע ספרים. אינעם יאָר תצ״ט (1739) האָט ער געהתמעט אויף דער אָפּשאַצונג פֿון קאָפּשטייער [50].

זיין זון בעריש איז געווען רב אין ציעכאַנאָוויץ [51], און זיין איידעם איז געווען דער רב פֿון הוסקוב ר׳ זאב וואלף [52]. נאָך זיין טויט איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר רב אין סעמיאַטיטש זיין זון, שאול [53].

ג

סוף זיבעצנטן יאָרהונדערט — א קורצע צייט פֿאַרן יאָר תנ״ט (1699) — האָט זיך אָנגעהויבן אין פּוילן א גרויסע עליה קיין ארץ ישראל. אירע הויפּט־עלעמענטן זיינען געווען שבתי־צבי׳ניקעס. שוין אין יאָר 1695 האָט ר׳ צדוק בר׳ שמריהו פֿון גראָדנע, וואָס איז שפּעטער געווען פֿאַרבונדן מיט דער עלית־החסידים, מעורר געווען די עליה קיין ארץ ישראל מיט דער אמונה, אז אין יענעם יאָר וועט זיך אַנטפּלעקן משיח, „דאָס איז שבתי צבי און ניט קיין אנדערער״ [54]. די ידיעות וועגן שבתי צבי׳ס התגלות האָבן דערגרייכט די פּוילישע קהילות.

צוזאַמען מיט אים האָבן געגרופּן צו עליה אויך ר׳ חיים מלאך און ר׳ מרדכי אשכנזי. צו דעם קרייז האָט אויך געהערט ר׳ יהודה חסיד, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער מנהיג פֿון דער מאַסן־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פּוילן, דייטשלאַנד, מוראַוויע, עסטרייך, און האָט דעלעגירט משולחים איבער די קהילות. ר׳ יהודה חסיד, דער שעדלעצער מוכיח, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע דרשות, וואָס האָבן באַווירקט די מאַסן.

ער האָט אָרגאַניזירט זיין חברותא, וואָס האָט געציילט 31 משפּחות (120 נפשות), ווען זיי האָבן פֿאַרלאָזן פּוילן אין יאָר 1700 [55]. זייערע וואַנדערונגען איבער דייטשלאַנד האָבן גורם געווען אַן אויפֿרודערונג און זיי האָבן געפֿונען סימפּאַטיקערס און א סך שטיצערס. אין ווין האָבן זיי באַקומען הילף פֿון די נכבדי העיר. די משפּחות אָפּענהיים און ווערטהיים האָבן געהאָלפֿן מיט געלט און מיט פּאָליטישער השפּעה. דער קאַראַוואַן איז געוואַקסן און די צאָל מענטשן האָט שוין דערגרכט, לויט ידיעות וואָס זעען אויס צו זיין גוזמאדיק, צו 1300 נפשות. 500 זיינען אויסגעשטאָרבן אויפֿן וועג קיין ארץ ישראל. פֿאַקטיש זיינען אָנגעקומען קיין ירושלים ניט מער ווי 150 נפשות [56]. אין דריי טעג אַרום נאָך זיין אָנקומען קיין ירושלים (ראש חודש חשון תס״א, 1700), איז ר׳ יהודה חסיד קראַנק געוואָרן און אויפֿן ניינטן טאָג איז ער נפטר געוואָרן.

לויט ווי עס דערציילט ר׳ גדליה סעמיאַטיטשער, איז ר׳ יהודה חסיד געגאַנגען ערב שבת צו טבילה, דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן און איז מאַנטיק געשטאָרבן. אין משך פֿונעם ערשטן יאָר זיינען א סך פֿון די עולים אויסגעשטאָרבן, צווישן זיי אויך ר׳ יהודה חסידס פֿרוי און זיין זון.

צווישן דער חבורה, וואָס זיינען עולה געווען

מיט ר׳ יהודה חסיד, האָבן זיך געפונען די סעמיאטיטשער ר׳ גדליה, מחבר פונעם ספר „שאלו שלום ירושלים״, און זיין ברודער משה.

אין זיין ספר, וואָס איז ארויס אין בערלין אין יאָר תע״ו, האָט ר׳ גדליה באשריבן די געשיכטע פון דער חבורה פונעם טאָג פון איר אָנקום קיין ירושלים. ער האָט דאָרט געשילדערט דעם מצב פון ירושלים און חברון און אלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט פאר דער צייט פון זיין וואוינען אין לאנד. אינעם ספר איז פאראן אן איבערבליק וועגן דער אראביש־טערקישער באַציאונג צו די יידן און די באציאונגען צווישן די יידן גופא; וועגן דער אָרדענונג אין די קהלות און וועגן די שטייערן; די הייליקע ערטער און די לעגענדעס וועגן זיי. עס זיינען ניט ווייניקער אינטערעסאנט די פרטים וועגן די וואוינהייזער און דעם יידישן טאָג־טעגלעכן לעבן, קולינאַרע מנהגים, בגדים, מסחר, און וועגן דער אָרעמקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן די יידן אין לאנד.

לויט זיינע רייד האָט ער געשריבן דעם ספר, ווייל „איך האָב געזען אז די בני ישראל האָבן ליב דאָס לאנד, קליין און גרויס, מאַן און פרוי, און וואנדערנדיק פון שטאָט צו שטאָט האָב איך זיך באקאנט מיט די מנהגים פונעם לאנד און אירע קרענק וואָס גאָט האָט עס קראנק געמאכט, און דעם עם הקודש, וואָס וואוינט אין איר איצט אין איר חורבן, פון וואָס זיי זיינען זיך מפרנס און אויך וועגן אנדערע חידושים. דעריבער האָב איך עס אויפגעשריבן און געגעבן מען זאָל עס לייענען און זיך דערוויסן, ווייל עס פעלט גאָרניט און איך האָב וועגן אלץ געשריבן און ווייל מען איז צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל עס לאָזן דרוקן האָב איך באשלאָסן צו מבטל זיין על דעתי מפני כל אדם״.

זיין ברודער, ר׳ משה פון סעמיאטיטש, איז לויט ר׳ גדליה׳ס רייד, געווען „מפורסם אין זיין דור אין גאנץ מלכות פוילן און האָט געקעמפט קעגן די שבתי־צביניקעס. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט מבער געווען פון וויינגאָרטן די דערנערס, וואָס דאָס זיינען געווען ר׳ חיים מלאך מיט זיינע חברים און עס איז דאָרט איבערגעבליבן בלויז תבואה אָן שטרוי״.

אין יאָר תס״א איז ער געפאָרן צוזאמען מיט ר׳ יוסף ביאַלער קיין איזמיר און האָבן בוחן גע־ וועגן די שבתיאנישע ידיעות פון דניאל בונאפוס, קאַרדאָזוס תלמיד. ר׳ משה איז געווען איינער פון די צען חברים פון דער ראוויגער ישיבה צוזאמען מיט נאָך דריי תלמידי־חכמים פון פוילן: ר׳ לייב אַפּאטשנער, ר׳ יוסף ביאַלער און ר׳ שלמה לוקאָווער [57].

אין יאָר תע״א איז ר׳ משה געפאָרן אין שליחות פון דער אשכנזישער עדה, ער איז געווען אין מאַץ און האָט ווי עס ווייזט אויס זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט קיין ירושלים [57א]. ר׳ משה האָט געפירט א שארפן קאמף מיט די שבתי־צביניקעס און האָט זיך קעגנגעשטעלט מיט אלע זיינע כוחות קעגן די, וואָס האָבן געוואָלט מחדש זיין די שבתי־צבי באוועגונג.

ד

גרויסע שינויים זיינען פאָרגעקומען אין לעבן פון די שטאָט־איינוואוינערס און אויך אינעם יידישן ישוב אָנהייבנדיק פונעם יאָר 1750, נאָכן טויט פונעם שטאָט־אייגנטימער געאָרג סאפיעהאַ. סעמיאטיטש און די סביבה זיינען דעמאָלט ארייבער צו דער פירשטין אַנאַ יאַבלאָנאָווסקא פון די סאפיעהאָס (1728—1800). יאַבלאָנאָווסקא האָט זיך ניט פארלאָזן, ווי דאס רוב פריצים, אויף אירע אָנגעשטעלטע. זי האָט זיך באזעצט אין סעמיאטיטש און אָנגעווענדעט איר הויפט־אויפמערקזאמקייט אויף דער פארוואלטונג פון סעמיאטיטש און קאָצק.

די פירשטין האָט אָנגעשריבן א בוך אין 8 טיילן וועגן דער פארוואלטונג פון אַגראַרווירטשאפטן און אויך וועגן די אַדמיניסטראטיווע באדערפענישן אין אירע שטעט און שטעטלעך. אין אירע ביכער האָט זי זיך ניט באנוגנט מיטן בלויזן באשרייבן אירע פראקטישע דערפארונגען, נאָר זי האָט באהאנדלט אויך טעאָרעטישע פראָבלעמען, וואס זיינען פארבונדן מיט ערדארבעט, באוואָלדיקונג, אָרגאניזאציע, פינאנץ און דאס פירן חשבונות. אין ספעציעלע פארצייכענונגען האָט זי געגעבן אן איבערבליק וועגן ענינים פון בודזשעט און זיין צוזאמענשטעל.

די פירשטין יאבלאנאווסקא האָט זיך אינטערעסירט אויך מיט די יידישע ענינים אין אירע שטעט און שטעטלעך, שענקענדיק ספעציעלע אויפמערקזאמקייט סעמיאטיטש און קאָצק, הגם

עס האָבן צו איר געהערט אויך די וואָלינער שטעט אָסטרע, בערעזדאָווע און קראַסניסטאַוו.

אירע ספּעציעלע רעגולאַציעס פאַר די קהילות אין סעמיאַטיטש און קאַצק האָבן געשאַפן דעם אָרגאַניזאַציאָנעל־אַדמיניסטראַטיוון ווי אויך דעם בודזשעטאַרן יסוד פאַר די דאָזיקע קהילות. לויט די דערמאָנטע רעגולאַציעס האָבן יערלעך (חול המועד פסח) געדאַרפט פּאַרקומען וואַלן צו די קהילות, ס'איז פאַרבאָטן צו ווילן קרובים, אויך טאָר קיין געוויילטער ניט האַלטן צוויי פּאָסטנס . אויך שטרענג באַפוילן, אז די קהילה מוז אויסקלייבן ספּעציעלע גבאים, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויף וואָגן און מאָסן און אז אויף די וואָגן זאָלן זיין אויפשריפטן אויף יידיש וועגן געוויכט פון דער סחורה, כדי אויסצומיידן פעלשונגען.

די דאָקומענטן פון דער קהילה האָט מען נאָך א געוויסער צייט אוועקגעגעבן אין שטאָטאַרכיוו, זיי זאָלן דאָרט אויפגעהיט ווערן. דער „שקאָלניק" איז געווען דער ממונה איבערן ארכיוו און האָט געהאַט צו אים דעם שליסל. א צווייטער שליסל האָט זיך געפונען ביים שטאָט־שרייבער, ער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן, אז דער „שקאָלניק" זאָל פירן דעם ארכיוו מיט גרויס פּינקטלעכקייט.

די קהילה־געלטער זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין דריי סאָרטן: א) קהילה־פאָנד; ב) פאָנד פאַר מלוכה־שטייערן; ג) פאָנד פאַר שטייערן, וואָס געהערן דער פירשטין. צו די קהילה־שטייערן האָבן זיך גערעכנט: 1) פליייש־שטייערKRUPKA 2) סחורות־שטייערKRUPKA KUPIECKA 3) אָפּצאָל פון בעלי־מלאכות. 4) ראש השנה שטייער. 5) אָפּצאָל פאַר אתרוגים. 6) אָפּצאָל פון געוויכטגעלטער. 7) אָפּצאָל פאַר שחיטת עופות. 8) אָפּצאָל פאַר זיצערטער אין שול.

די פרנסי הקהילה זיינען געווען מחויב, אין הסכם מיט די איבעריקע חברי הקהילה, צו באַשטימען די גרייס פון די שטייערן יעדן יאָר און געבן עס דער פירשטין צום באַשטעטיקן. א ספּעציעלער בוכהאַלטער (rachmistrz) פלעגט קאָנטראָלירן די חשבונות און זיי איבערגעבן דער פירשטין, דורך אירע עקאָנאָמען, צום באַשטעטיקן.

צוויי נאָמנים זיינען באַשטימט געוואָרן אַכטונג צו געבן אויף די פאָנדן. די קאַסע פון דער קהילה האָט זיך געפונען אין דער פירשטינס פּאַלאַץ. די שליסלען צו דער קאַסע האָבן זיך געפונען ביי דרייען: ביים קאַסיר, ביים פינאַנץ־לייטער און ביים דאַרפעלטסטן. די פירשטין פלעגט אליין קאָנטראָלירן אלע הוצאות פון דער קהילה און פלעגט באַשטימען וועלכע פון זיי זיינען לויט איר מיינונג איבעריק. זי פלעגט ניט באַשטעטיקן די הוצאות־הדרך פון די פרנסים, אויב זיי האָבן געניצט די געלטער אויך פאַר זייערע פריוואַטע נסיעות. פאַר שמחות און סעודות פלעגט זי באַשטימען א חודשלעכע בצימצומדיקע סומע. יעדן 24סטן יוני האָבן די פרנסים געדאַרפט צושטעלן דער פירשטין דעם בודזשעט. מיטן עודף פון די הכנסות פלעגט מען דעקן די חובות פון דער קהילה.

ווי א צוגאָב צו די געלט־צאָלונגען האָט מען אויף די יידן אַרויפגעלעגט אויך צוגאָב־שטייערן אין שווה כסף. די קהילה האָט געדאַרפט צושטעלן צוויי וועגענער פאַרן טראַנספּאָרט פון זעלנערס אדער דער פירשטינס דינערשאַפט. דעם דאָזיקן שטייער האָט מען געקענט באַצאָלן מיט געלט, צוויי גראָשן א נפש. יעדער בעל־הבית האָט געדאַרפט געבן 8 טעפּ קאָרן פאַרן אלגעמיינעם שפּייכלער. די קהילה האָט יעדע וואָך געצאָלט דער פירשטין דריי גילדן — פיש־געלט. יעדן יום־טוב פלעגט די קהילה אוועקטראָגן דער פירשטין מתנות פאַר 100 גילדן (לויט איר באַשטימונג).

לויטן רעגולאַמין האָבן די יידן געהאַט אַן אייגענעם בית־דין, אָבער יעדער פסק־דין האָט געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן דורך דער פירשטין. לאָדענישן צווישן א ייד און א קריסט האָבן געדאַרפט פאַרקומען אין אלגעמיינעם געריכט. אין געריכט האָט זיך תמיד געפונען א יידישער פאַרשטייער. דאָס שטראָפגעלט, וואָס עס האָט געפסקנט דער געריכט, איז געווען באַשטימט פאַר די באַדערפענישן פון דער קהילה.

פאַר די סעמיאַטיטשער יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר און מלאכה, איז געווען פאַרבאָטן דאָס אריינקומען אין די דערפער און דאָס אויסקויפן ביי די פויערים. די ווירטשאַפט־פאַרוואַלטונג פונעם פּאַלאַץ האָט אלץ אויפגע־

קויפט, געבראַכט די פּראָדוקטן אין שטאָט און פארקויפט יעדן איינעם.

די יידן האָבן געמעגט אויפקויפן אין די דער־פער עופות און גרינסן. דאָס אָבער נאָר אין די ווירטשאַפטן, וואָס האָבן געהערט צו דער פּיר־שטין. אין שטאָט האָבן יידן ניט געטאָרט פאַר־קויפן קיין געוועלבער און הייזער אָן דער פּיר־שטינס הסכמה. די יידן האָבן געצאָלט אין דער שטאָטקאַסע „פּלאַץ־געלט" פאַר זייערע דירות. דער אָפּצאָל איז געווען נאָך אַ מאָל אַזוי גרויס פון דעם, וואָס עס האָבן געצאָלט די קריסטן.

אין יאָר 1776 זיינען דריי סעמיאַטיטשער יידן געפאָרן קיין ווארשע צוליב מסחר און האָבן דאָרט געחתמעט אָן ארענדע־אָפּמאַך. נאָך דעם האָבן זיי ארויסגעשיקט נאָך זייערע משפחות, וואָס זיינען פארבליבן אין סעמיאַטיטש. דער שטאָט־אַדמיניסטראַטאָר האָט זיך געווענדט צו דער פּירשטין און געפרעגט, צי ער מעג ארויס־לאָזן די משפחות פון שטאָט. די פּירשטין האָט געפּסקנט, אז דער וואָס וועט פארלאָזן די שטאָט דארף אָוועקגעבן אַ זעקסט חלק פון זיין פאַר־מעגן. אויב ער וועט זיך צוריקקערן אין משך פון דריי יאָר, דארף מען אים אומקערן דאָס געלט. אין איר באַשלוס האָט די פּירשטין געשריבן: „אַ סך יידן, וואָס וואוינען אין שטאָט און פּירן דאָ מסחרים, זיינען רייך געוואָרן — אויב זיי פארלאָזן זי און קלייבן זיך אריבער ערגעץ אַנ־דערש, טוען זיי אַ היזק דער שטאָט און אירע בירגער."

לויט די רעגולאַציעס האָבן יידן געמעגט ארייג־פּירן בראָנפן אין שטאָט אריין נאָר אין הורט און פארקויפן עס — אויסער דער פּירשטינס גיטער. דאָס פּאַכטן מילן איז געווען פריי און דער תבואה־האנדל — דערלויבט פאַר יעדן, דאָס אָבער נאָר מיט פּריצים.

אין שטאָט האָט זיך געפונען אַ קענטיקע צאָל בעלי־מלאכות. זיי זיינען געווען אָרגאַניזירט אין צוויי צעכן. דער קצבים־צעך און דער צעך פון קירזשנערס און שניידערס. אויסער דעם זיינען געווען אויך יידישע בלעכערס און גאַרבערס, אָבער זייער צאָל איז געווען צו קליין, זיי זאָלן קענען האָבן אייגענע צעכן. די קריסטלעכע בעלי־מלאכות האָבן געהאט 8 צעכן: בעקערס, קירזשנערס, קצבים. פישערס שוסטערס, גאַר־בערס, בלעכערס און שמידן.

אז די צעכן האָבן אָנגעהויבן צו פאָדערן צו גרויסן מיטגליד־אָפּצאָל, האט זיי די פּירשטין פונאנדערגעלאָזן און פארבאָטן די בעלי־מלאכות צו פאַרריכטן חפצים. די בעלי־מלאכות זיינען געווען רעפּרעזענטירט אין דער שטאָט־אַדמי־ניסטראַציע דורך זייערע פאָרשטייערס, איין ייד און איין קריסט. די יידישע צעכן האָבן געצאָלט דער פּירשטין אַ יערלעכן שטייער: די שניידערס און קירזשנערס — 20 גילדן, די קצבים — 80 גילדן.

די בעלי־מלאכות האָבן ניט געטאָרט פארלאָזן די שטאָט אָן דער פּירשטינס הסכמה [58]. אינטערע־סאנט איז, אז אויך די חברה קדישא האָט געהאט אַן אייגענעם צעך (Cech bratczyków).

דאָס קבורה־געלט איז געהאלטן געוואָרן אין אַ באַזונדערער קאַסע, וואָס האָט זיך געפונען ביים רב. די הכנסות פון דער חברה קדישא האָבן געמייגט גיין נאָר אויף צו פאַרשענערן די שול, פארן שפּיטאָל, צדקה, פאַר אָרעמעלייט און אויף איינקויפן זילבערנע כלים פאַר דער שול. יידן זיינען געווען מחויב, אַזוי גוט ווי קריסטן, צו־צושטעלן מענטשן פאַר נאַכט־שמירה.

אין יענער צייט האָט סעמיאַטיטש — אַ דאַנק דער עקאָנאָמישער אַקטיווקייט פון די יידן — מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם האנדלס־צענטער פון פּאָדלעסיע. די אָרענדע פון דער פּירשטינס נחלות און אויך דער מאָנאָפּאָל אין שטאָט האבן זיך געפונען אין די הענט פון אַ באַגרענעצטן קרייז יידן. אירע נחלות, וואָס האָבן זיך פאַר־שפּרייט איבער סעמיאַטיטש, קאָצק, וויסאָקע־ליטאָווסק, וואָלין, סטרעליסק, קוקיזוב, מאַ־ריאַמפּאָל און ויעזשופּול, האָבן אריינגעבראַכט נאָר אינעם יאָר 1773 פון די שטאָטישע פּאַכטערייען 103.987 גילדן — די דאָרפישע פּאַכטערייען האָבן אריינגעבראַכט 97.755 גילדן [59].

אין יאָר 1755 איז אויפגעבויט געוואָרן, מיט דער הילף פון דער פּירשטין יאַבלאָנאָווסקא. נאָנט פון איר פּאַלאַץ, די גרויסע שול, מסתמא נאָכדעם ווי די אַלטע שול האָט אָפּגעברענט. דער שול־בנין איז געווען העכער פונעם אוניטאַרן קלויסטער און כמעט אַזוי הויך ווי דער קאַטוי־

לישער, א זאַך, וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו די באַשטימונגען פון די סינאָדן.

די שול איז געבויט געוואָרן אין דער פאָרעם פון א פּיראַמיד, אין מזרחדיקן סטיל און די ווענט — באַפּוצט מיט געמעלן. צווישן די תשמישי־קדושה אין שול האָט זיך געפונען א האַנטאויסגעאַרבעטער כיור, דאָס אַלץ איז געווען דער פירשטינס געשאַנק.

מיטן שול־בנין איז פאַרבונדן די ווייטערדיקע געשעעניש: אויף א בערגל אין סאָסנע־וואלד, אַרומגערינגלט מיט סעדער און גערטנער, האָט די פירשטין (אין יאָר 1753) אויפגעבויט א נייעם פּאַלאַץ. ניט ווייט פון דאָרט האָט זיך געפונען דער יידישער בית־עולם. אין א קורצער צייט אַרום איז אויסגעבראָכן א סיכסוך צווישן דער פירשטין און דער קהילה. דער אָפּקלאַנג פון די געוויינען ביי די לוויות האָט געשטערט דער פירשטין אין איר רו, האָט זי באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם יידישן בית־עולם. זי האָט פאַרבעטן די פרנסי הקהילה און געלאָזט וויסן איר באַשלוס. זי איז געווען גרייט צו פאַרגיטיקן פאַרן היזק און אויפשטעלן אין שטאָט א צוויי־גאָרנדיקן טורעם מיט געוועלבן און דירות, ווי אויך צושטעלן פאַר די יידן אומזיסטן האָלץ פון אירע וועלדער.

די יידן האָבן אָפּגעוואָרפן אירע פאָרשלאָגן און שטאַרק זי געבעטן ניט מחלל צו זיין דעם בית־עולם און ניט צו שטערן די מתים אין זייער רו. דער פירשטין האָט זיך איינגעגעבן איבערצוקויפן איינעם פון די פרנסי־הקהילה, א געוויסן קאַדישאַוויטש, און ער האָט געגעבן זיין הסכמה אויף דער צעשטערונג פונעם בית־עלמין. אז מען האָט אויפגעגראָבן די קברים און אָנגעהויבן זיך עוסקן מיט די ביינער, איז אויסגעבראָכן צווישן די יידן א גרויסע מהומה. מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך צעלייגט אויף די קברים פון זייערע אבות און האָבן געצוואונגען די אַרבעטערס צו פאַרלאָזן דעם אָרט. לויט דער לעגענדע, האָבן אוועקגעפגרט די פערד, וואָס מען האָט מיט זיי געאַקערט דאָס פעלד.

אויף קאַדישעוויטשעס עצה האָט די פירשטין אַרויסגעשיקט צו דער אַרבעט א פויער, וועלכער איז געווען א בכור פון זיבעטען דור. ערשט דאַן האָט זיך איר איינגעגעבן ממשיך צו זיין דאָס גראָבן אָן שטערונגען. מען האָט אויסגעלייגט א ברייטן שאָסיי, וואָס האָט געפירט צום פּאַלאַץ. דער בית־עולם איז ליקווידירט געוואָרן, קאַדישעוויטשן האט די קהילה אריינגעלייגט אין חרם און פאַרמשפּט אויף קבורת־חמור.

די לעגענדע דערציילט, אַז קאַדישעוויטש איז געשטאָרבן אין יונגן עלטער. מען האָט אים באַגראָבן הינטערן פּלויט. נאָך דער לוויה איז זיין גוף אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון קבר און איז פאַרבליבן א לענגערע צייט אין א אָפענעם גרוב. מען דערציילט אויך, אַז דער פירשטינס בכור איז אין א קורצער צייט אַרום געשטאָרבן פון אַ געהיימער קראַנקייט. זי האָט עס אָנגענומען פאַר א שטראָף פון הימל און האָט דערפאַר באַשלאָסן אויפצובויען פאַר די יידן, אויף דער שלאָס־גאַס, א גרויסע, פּרעכטיקע שול. כאָטש די יידן האָבן עס ניט געוואָלט, איז די פירשטין צוגעטרעטן צום בויען די שול. געבויט האָט מען עס אויפן אָרט פון דער טהרה־שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן צעשטערטן בית־עולם. אין יאָר 1755 איז דער שול־בנין געווען פאַרטיק. מיט דער צייט האָט זיך די קהילה איבערגעבעטן מיט דער פירשטין און האָט איבערגענומען די שול. שבת ביים דאַווענען פלעגט מען דאָרט זאָגן א ספּעציעלע תפילה פאַר דער פירשטין און איר משפחה [60].

לויט דער ציילונג פונעם יאָר 1765 [61], האָבן געלעבט אין שטאָט 1015 יידן און אין אירע אָפּצווייגן, דראָהיטשין און די דערפער — 880 נפשות. בסך הכל האָט דעמאָלט געציילט די סעמיאַטיטשער קהילה 1895 יידן.

צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט האָט פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין סעמיאַטיטש הרב ר׳ קלמן. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1783. זיין זון, ר׳ מנחם־נחום גינזבורג, איז געווען רב אין ביאַלע, און ר׳ מנחם־נחומ׳ס זון, ר׳ משה גינזבורג, איז געווען רב אין סעמיאַטיטש. ער האָט געגעבן זיין הסכמה, י״ז אב תקנ״ב, 1792, אויפן ספר אבות דרב נתן פון בר נרמי מליסא [62].

אין יענער צייט האָט געלעבט אין סעמיאַטיטש ר׳ צבי־הירש בן שמואל זיינוויל, אַן אָפּשטאַמיקער פון רוסאַטיי, איינער פון דעם ווילנער גאונס תלמידים מובהקים [63]. ער האָט מתקן געווען פאַרשיידענע תקנות און מנהגים. אינעם אַלטן בית־מדרש, וואו ער האָט געדאַוונט, האָט ער פאַר־

באַטן אויפצובויען אַן „עזרת נשים". דער איסור איז פארבליבן אין קראפט ביז צום יאָר 1899. ער איז דער מחבר פונעם ספר „מרגליות התורה", ביאורים אופן תנ"ך בדרך קבלה (פּאַריצק, 1788). ער איז געווען א שארפער למדן, א בקי און מקובל [64]. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1819.

אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט האָבן יידישע סוחרים פון סעמיאַטיטש איינגעשטעלט ברייטע האנדלס־פארבינדונגען מיט אויסלאַנד. זיי זיינען געפאָרן אויף ירידים קיין פראנקפורט/מיין און לייפּציג [65]. ביים סוף פון יענעם יאָרהונדערט האָט אין סעמיאַטיטש זיך געפונען א קופער־פאַבריק אונטער יידישער אָנפירונג. אויסער דעם האָבן יידן געפירט א ווייט פארשפרייטן מסחר מיט מעטאַלן [66]. אין יאָר 1791 האָט די שטאָט פארמאָגט 302 הייזער און די באַפעלקערונג האָט געציילט 3500 נפשות. מער ווי א העלפט, 1800, זיינען געווען יידן [67].

נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פּוילן זיינען פּאָדלעסיע און סעמיאַטיטש צוקאָפּטירט געוואָרן צו פּרייסן. פון טיילן פון פּאָדלעסיע, זמודז', די וואָיעוואָדשאַפטן טראָקי און א טייל מאַזאָוויע איז אויפגעקומען דער לאַנדפּאַס „ניי אָסט־פּרייסן". סעמיאַטיטש האָט געהערט צום ביאַליסטאָקער דעפּאַרטאַמענט. אין יאָר 1795 האָט זי געציילט 2733 איינוואוינערס [68].

אונטער דער פּרייסישער הערשאַפט האָבן יידן געדאַרפט זיך רעגיסטרירן און באַקומען אַן ATESTAT (אידענטיפיקאַציע־דאָקומענט). דעם 15טן יולי, 1797, האָבן זיך פאררעגיסטרירט אַלע יידן פון ביאַליסטאָקער דעפּאַרטאַמענט און צווישן זיי אויך די סעמיאַטיטשער יידן. די וואָס האָבן זיך ניט רעגיסטרירט זיינען באַשטראָפט געוואָרן מיט איין טאַלער. די שטאָט־עלצטע און די סאָלטיסן האָבן אכטונג געגעבן אויף די יידן. יידישע ענינים זיינען באַשטימט געוואָרן לויט א ספּעציעלן רעגולאַמין פון 5 פּאַראַגראַפן.

דער „רעגולאַמין פאר יידן" האָט שטאַרק באַגרענעצט די טעטיקייטן פון די קהילות. דאָס משפּטן זיך איז אריבער צו דער שטאָט. די פּראַטעקציע פונעם שטאָט־אייגנטימער פאר די יידן איז בטל געוואָרן. פון די שטאָטישע פּריווילעגיעס האָבן די יידן ניט גענאָסן.

אין יאָר 1807 האָט זיך, מחמת די נצחונות פון נאַפּאָלעאָנס ארמייען, געענדיקט די פּרייסישע הערשאַפט. די פּרייסן האָבן זיך צוריקגעצויגן און אין פּאָדלעסיע האָט זיך געפונען דאָס פראַנצייזישע מיליטער. פאַרן מושל פונעם קרייז איז דורך נאַפּאָלעאָנען באַשטימט געוואָרן דער פראַנצייזישער גענעראַל פּעריע. מיטן אויפקום פון וואַרשעווער פירשטנטום אין 1808 איז סעמיאַטיטש אריבער צו פּוילן.

די איבערגאַנגס־תקופה 1808—1815 איז געווען א שווערע. אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט סעמיאַטיטש געליטן א סך צרות און אָנשיקענישן. אין 1824 איז אויסגעבראָכן א שריפה און עס איז חרוב געוואָרן א גרויסער טייל פון דער שטאָט. דער יידישער וואוינפערטל האָט ספּעציעל געליטן. עטלעכע יאָר נאָך דער שריפה (1830) איז געקומען די כאָלערע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין פּאָדלעסיע.

די וואָס האָבן באַזוכט סעמיאַטיטש אין יענער צייט אונטערשטרייכן, אז „די איינוואוינערס פון סעמיאַטיטש, א קליין שטעטעלע אין פּאָדלעסיע, זיינען בעיקר יידן, זיי פארנעמען זיך מיט מלאכה און ספּעציעל — מיט מסחר". יידישע סוחרים פלעגן פירן סחורה קיין ריגע, פראַנקפורט, ברעסלוי, קיניגסבערג, לייפּציג און אויך און רוסישע שטעט, פון דאָרטן פלעגן זיי ברענגען כלערליי סחורות קיין פּאָדלעסיע [69]. דער דאָזיקער מסחר האָט געשפּייזט א סך בעלי־עגלות, וואָס האָבן פארמאָגט ביי א 700 פערד. א וויכטיקער פרנסה־קוואַל פאר יידן זיינען געווען די ירידים, וואו עס פלעגן צונויפפאָרן ביי א טויזנט ווענענער.

די סעמיאַטיטשער יידן האָבן א סך געליטן אין די צייטן פון פּוילישן אויפשטאַנד (1861—1863). אין שטאָט האָט זיך געפונען די קרייז־קאָמאַנדע פון די אויפשטענדלערס, וואָס זיינען אַקטיוו געשטיצט געוואָרן דורך די פריצים, וואָס אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען וויצענטאַ. די יוגנט, וואָס איז צוגעשטאַנען צו די אויפשטענדלערס, פלעגט באַפאַלן די רוסן. דאָס רוסישע מיליטער האָט זיך קודם־כל אָפּגערעכנט מיט די יידן, געראַבעוועט זייערע קלייטן און זיך איזדיעקעוועט אָן רחמנות. די אויפשטענדלערס, ווידער, האָבן געצוואונגען די יידן צו באַזאָרגן זיי מיט שפּייז און מלבושים.

די יידן האָבן זיך ניט באטייליקט אין אויפשטאנד און אָנגענומען א נייטראלע שטעלונג.

דעם 27סטן יאנואר, 1863, האָט דער רוסישער גענעראל מאניוכין אָנגעגריפן די שטאָט, אויפ־געריסן דעם שלאָס, וואו עס האָט זיך (אין די קעלערן) געפונען א שפּיטאָל פון די אויפשטענד־לערס. לויט די ידיעות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט פארשפּרייט, האָבן דאָרט געפונען זייער טויט ארום 800 אויפשטענדלערס. דער שלאָס איז אין גאנצן חרוב געוואָרן.

אין די זעכציקער יאָרן האָט זיך אין סעמיא־טיטש אנטוויקלט די טעקסטיל־אינדוסטריע. עס זיינען אויפגעקומען א צאָל פאבריקן צום באאַר־בעטן דעם שעפּסן־וואָל[70]. די פּראָדוקציע איז פארשפּרייט געוואָרן דורך די ביליקע טראַנס־פּאָרט־מיטלען, וואָס עס האָט צוגעשטעלט דער בוג. אז די אייזנבאַן־ליניע האָט דערגרייכט ביא־ליסטאָק, איז די אינדוסטריע אריבער אהין.

ה.

אין די 70קער און 80קער יאָרן פון פארגאנגע־נעם יאָרהונדערט זיינען ניט פאָרגעקומען קיין קאָנטיקע שינויים אינעם לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג. אין די פּאָגראָם־יאָרן פון —1880 1881 און ווי א רעזולטאַט פון די מיי־געזעצן וועגן גירוש פון יידן פון די דערפער, האָבן זיך באַזעצט אין סעמיאטיטש א צאָל ארויסגעטרי־בענע משפּחות פון דער געגנט. די באציאונגען צווישן דער קהילה און די רוסישע מאַכטאָרגאנען זיינען געווען זייער שלעכטע.

בעת א באזוך פון גובערנאַטאָר אין שטאָט (1884) האָבן די גבאים זיך געווענדט צו אים מיט א בקשה, אז די מלוכה זאָל אסיגנירן טויזנט רובעל צו רעמאָנטירן די שול. האָט דער גובער־נאָטאָר גערופן די גבאים מיטן רב צו זיך אין האָ־טעל און איז זיי באפאלן מיט גראָבע זידלערייען, פאר וואָס זיי טוען גאָרניט, אז דער רב זאָל זיך אויסלערנען רוסיש. די דעלעגאציע האָט גע־פּרואווט זיך צו פארענטפערן, ס'האָט זיך איר ניט איינגעגעבן צו שטילן דעם מושלס רציחה.[71]
אין אויגוסט 1884 איז די שטאָט שווער גע־טראָפן געוואָרן פון א פייער. 60 יידישע היי־זער, און בתוכם דער בית־מדרש, זיינען אוועק מיטן פייער. די הייזער זיינען ניט געווען אסע־

קורירט, כאָטש אין שטאָט האָט זיך שוין געפונען א „פייער־קאסע” צו פארזיכערן פון שריפות. די נשרפים זיינען געבליבן „ווי זיי גייען און שטייען”. פון דעמאָלט אָן האָט די רעגירונג פאר־באָטן צו בויען הילצערנע הייזער. אין דריי יאָר ארום (1887) איז ווידער פאָרגעקומען א שריפה. דאָס מאָל זיינען די בנינים צוריק אויפגעבויט געוואָרן אין פארלויף פון א יאָר צייט.

סוף נײַנציקער יאָרן און אָנהייב 20סטן יאָר־הונדערט זיינען געשטאנען בראש פון דער קהילה: מאיר סעלסאָווסקי, שלמה מאיר זילבער־בערג, שמאי יאבלאָן, מענדל אווערבוך, מענדל רובינס.

שווער האָט די שטאָט געליטן פון דער כאָ־לערע. אין 1899 האָט מען, אויף הרב שחורס איניציאַטיוו, צעוואָרפן דעם אלטן בית־מדרש און מען האָט אויפגעבויט א נייעם (”חיי אדם”). אין דאָזיקן בית־מדרש האָט זיך שוין געפונען אָן עזרת־נשים.

צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט און אָנהייב 20סטן איז די עקאָנאָמישע לאגע פון די יידן אין סעמיאטיטש געווען זייער א געדריקטע. חוץ א קליינע צאָל פארמעגלעכע מענטשן, ווי די ברי־דער מיקיצינסקי, צוקער, פאַכטער און וויינשטיין, וואָס האָבן געפירט וואלד־מסחרים, געהאלטן אָ־רענדעס און אויך געהאנדלט מיט אויסלאנד—איז די יידישע באפעלקערונג געווען שטארק פאר־אָרעמט. אין צענטער פון שטאָט און אין א צאָל זייטיקע גאסן האָבן זיך געפונען יידישע שפּייז־קרעמלעך, טיילוויז זיינען עס געווען געשטעלן פון קליינהענדלערס, וואָס פלעגן ברענגען פון די דערפער ווייץ, קאָרן, קארטאָפל, אייער, עופות. אנדערע, ווידער, האָבן געהאנדלט מיט גאלאנ־טעריי־ארטיקלען און געצויגן זייער חיונה פון די וועכנטלעכע מארקטעג און ירידים. א קענטי־קער טייל פון די איינוואוינערס האָט זיך גע־שפּייזט פון מלאכה. א סך שוסטערס פלעגן פּראָ־דוצירן שיך און שטיוול פארן מאַרק, זיי האָבן אפילו באשעפטיקט געדונגענע ארבעטערס. עס זיינען געווען שניידערס. מעבל־סטאָלערס, שמידן, צווישן די לעצטע א צאָל פאכלייט, וואָס פלעגן אויסארבעטן אָגראַר־מכשירים, מעסערס וכדומה. א ספּעציעלער פאַך איז געווען קצבות. די קצבים פלעגן אליין אויפקויפן די בהמות פאר

שחיטה. צווישן די אנדערע באַשעפטיקונגען דאַרף מען דערמאָנען מעקלעריי און פאַרמיטלער. פרויען און יונגע מיידלעך פלעגן שטריקן זאָקן און הענטשקעס צום פאַרקויף אויף די ירידים. מען האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן טעפּ און שטובשיך.

אין שטעטל גופא און אין דער סביבה האָבן זיך געפונען אין יידישע הענט א צאָל וואַסער־מילן, וואו די אַרטיקע פּויערים און די מעל־הענדלערס האָבן געמאָלן זייער תבואה [72].

אין גרויסן סך־הכל האָבן די יידישן מאסן גע־לעבט אין דחקות און עקאָנאָמישער נויט. א שווע־רער קריזיס האָט געטראָפן דער שטאָט אין דער צייט פון די וואַלן צו דער פערטער דומע (1907), ווען די פּאָליאַקן האָבן פּראָקלאַמירט א באָיקאָט אויף די יידן אין פּוילן, ווייל זיי האָבן געהאָלפן צו דערוויילן אין וואַרשע דעם סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישן דעפּוטאַט יאַגעלאָ (Jagielo). אויך אין סעמיאַטיטש האָט דער פּוילישער גלח גע־העצט די פּאָליאַקן און זיי אָנגעזאָגט ניט צו קויפן ביי יידן. די פּאָליאַקן האָבן זיך אַרגאַני־זירט און אויפגעשטעלט אַן אייגענעם קאָאָפּע־ראַטיוון געוועלב. דווקא א ייד האָט פּאַרדונגען זיין הויז, וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטאָט, דעם קאָנקורירנדיקן קלייט.

די עקאָנאָמישע נויט, די שוועריקייטן צו גע־פינען פּרנסה, דער פּאָליטישער מצב, די נגישות פון דער מאַכט. די דיסקרימינאַציע לגבי דעם אַרבעטנדיקן מענטשן און דאָס אויסנוצן אים קעגן די אַרבעט־געבערס, אפילו די בעלי־מלאכות צו די פּועלים — דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אין סעמיאַטיטש ווי אין אַנדערע שטעט אין שטעטלעך, צו א געזעלשאַפטלעכער אויפ־רודערונג. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אויפגעקומען אין פּוילן אין די נייינציקער יאָרן, האָבן געפונען א באָדן פאַר פּראָפּאַגאַנדע אויך אין סעמיאַטיטש. פון וואַרשע איז אַראָפּגע־קומען א סטאָלער, זיין צונאָמען איז געווען ניל־טשע, און ער האָט אָרגאַניזירט די אַרבעטערס און די בעלי־מלאכות — שניידערס, שוסטערס, סטאָלאַרעס — אינעם „בונד". צווישן די אַקטי־ויסטן אין „בונד" זיינען געווען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה יעקב אַרישעס און משה ווייסמאַן. דער „בונד" און שפּעטער דער ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישער ס.ס., האָבן זיך פאַרנומען מיט דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט אין דער תקופה 1903—1905.

נאָך אין די נייינציקער יאָרן האָט די ציוניס־טישע באַוועגונג פאַרנומען א קענטיקן אָרט אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָרגאַני־זאַציאָנעל האָט סעמיאַטיטש געהערט צום גראָד־נער ועד הגליל. בראש פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זיינען געשטאַנען שלום פּאַכטער און משה פונדיק, וואָס האָט עולה געווען קיין א״י און געאַרבעט אין סג׳רה, האָט זיך אומגע־קערט קיין סעמיאַטיטש און ממשיך געווען זיין ציוניסטישע אַרבעט. עס האָט זיך אויך געגרינ־דעט א פּועלי־ציון פאַראיין, ווי אַן אָפּצווייג פון דער באַראַכאָוו־גרופּע. אין שפּיץ פון דאָזיקן פאַראיין זיינען געשטאַנען עלקע און דאָבע קאָפּ־לאַן ווי אויך משה פּאַכטער. צום פאַראיין האָבן געהערט א גרויסע צאָל חברים און אין 1905 האָט ער זיך פאַראייניקט מיט דער טאַבענקין־גרופּע.

עס איז אינטערעסאַנט, אז אין שטאָט האָט זיך געשאַפן, מיטן רשות פון דער רעגירונג, אַן אָפּטייל פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אין פּעטערסבורג „יעווריעיסקאָיע ליטעראַטורנאָיע אָבשטשעסטוואָ". יעדן שבת צו נאַכט פלעגט מען זיך צונויפקומען ביים סוחר און משכיל ראובן מאַנטשער. מען פלעגט דאָרט פּאָרלייענען פון דער ליטעראַטור און דיסקוסירן.

דער צעטרייסלטער עקאָנאָמישער מצב און די פּאָליטישע רדיפות אין די יאָרן 1914—1950 האָבן אַרויסגערופן אַן עמיגראַציע־באַוועגונג קיין אַמעריקע און אַן עליה פון יחידים קיין ארץ־ישראל. מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און מיט דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זיך אָנגעהויבן א ספּעציעל קאַפּיטל אין דער גע־שיכטע פון די סעמיאַטיטשער יידן.

באַמערקונגען און מראה־מקומות — זייטן 36—37.

ד. פּריסטאַר

סעמיאַטיטש צווישן ביידע וועלט־מלחמות

אין דער תקופה פון דער פוילישער אומאָפּהענגיקייט האָט זיך דאָס יידישע לעבן אין סעמיאַטיטש שטאַרק צעבליט. באַפרייט פון צאַריזם און פון זיינע גזירות און באַגרענצונגען זיינען פאַרן יידישן קיבוץ אין א פריי און דעמאָקראַטיש פוילן געשאַפן געוואָרן קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, און דאָס ניט נאָר אין שטעט מיט גרויסע מאַסן יידן, נאָר אויך אין די קלענערע קהילות. אפילו נאָכן אויפקום פונעם פּילסודסקי־רעזשים, פון וועלכן די פוילישע יידן האָבן נאָך מער געליטן ווי די אָרטיקע באַפעלקערונג, האָבן די יידישע שטעט און שטעטלעך נאָך אַלץ געברויזט און געשפּרודלט מיט אויפטוערישע טעטיקייטן אויף די פאַרשיידנסטע שטחים, וועגן וועלכע מען האָט גאָר פריער ניט געקענט חלומען אפילו. אזוי אין אנדערע ערטער, אזוי אין סעמיאַטיטש. באַזונדערס איז דאָס חל אופן פונאנדערבלי פון דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטעטל, אויפן פונאנדערוואוקס פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן חינוך, אויף דער פאַרצווייגונג פון א גרויסער פּאַרטייאישער טעטיקייט און אויף דעם אויסערגעוויינלעכן אויפשטייג פון ציוניסטישע אַקטיוויטעטן.

די יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין סעמיאַטיטש האָט זיך קאָנצענטרירט ארום צוויי צענטרען: די קהילה און די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס.

די קהילה, וואָס איז געווען א האַלבע רעגירונגס־אינסטיטוציע, מיט רעכט ארויפצולייגן שטייערן אויף אלע יידן פון סעמיאַטיטש און זיי רעפּרעזענטירן, איז אייגנטלעך געווען די אַקס, אַרום וועלכער עס האָט געדרייט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין שטעטל. כאָטש די קהילה האָט זיך פון צייט צו צייט באַשעפטיקט מיט אלגעמיינע יידישע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו כלל־ישראל, איז אָבער איר הויפּט־טעטיקייט געווען קאָנצענטרירט בעיקר אויף די לאָקאַלע באַדערפעניש פון די סעמיאַטיטשער יידן. שולן, סאַניטאַרע ענינים. מעטריקאַציע, רבנות, שחיטה, שטייערן — מיט די דאַזיקע אַלע ענינים האָט זיך באַשעפטיקט די קהילה און געווען זייער פוסק אחרון. פאַרשטייט זיך, אז די דאַזיקע אלע זאַכן, וואָס האָבן אָנגערירט די קולטורעלע, רעליגיעזע און עקאָנאָמישע יסודות פון שטעטל, האָבן אָפט ארויסגערופן שאַרפע און היציקע דיסקוסיעס מצד די פאַרשיידענע פּאַרטייאישע פאַרשטייערס אין דער קהילה. דאָס איז געווען נאַטירלעך, נעמענדיק אין באַטראַכט. אַז די קהילה איז געווען די צענטראַלע און דעצידירנדיקע אינסטיטוציע אין שטאָט. פונדעסטוועגן איז דער פּאַרטייאישער שלום־בית אין דער קהילה פון סעמיאַטיטש געווען אַ סך שטאַרקער און אַנהאַלטנדיקער ווי די רייסערייען און צאַנקערייען. די סעמיאַטיטשער קהילה איז געווען פון די געציילטע קהילות אין פוילן, וואו מען איז לייכטער און גיכער דורכגעקומען אויך מיט די בונדישע פאַרשטייערס.

שאַרפע קאַמפן פלעגן תמיד אויסברעכן, ווען די קהילה פלעגט באַטראַכטן די פראַגע, ווי איינצוטיילן די שטייערן פאַר אַלע יידישע תושבים פון שטאָט. מען האָט זיך געאַמפערט פאַרן באַשטימען די שטייערן פון יעדער משפחה, ווייל טייל מיטגלידער פון דער קהילה זיינען געווען דערפאַר, אַז אויף די אָרטיקע רייכערע יידן זאָל אויספאַלן וואָס אַ גרעסערער חלק שטייערן צו צאָלן.

מען האָט זיך אויך ניט ווייניק געריסן אַרום דער פראַגע פון צ ע ט י י ל ן די געלטער פון די איינגעמאָנטע שטייערן פאַר די פאַרשיידענע שטעטלשע הצטרכותן. די פרומע האָבן געוואָלט וואָס מער געלט פאַר די רעליגיעזע מוסדות און

די וועלטלעכע פאַרשטייערס — פאַר אנדערע באַדערפענישן.

איינע פון די ניט זעלטענע פראַגעס, מיט וועלכע די קהילה האָט זיך געמוזט פאַרנעמען, איז געווען שחיטה. סיי די באַציאונגען מיט די שוחטים און קצבים, סיי דאָס אָננעמען נייע שוחטים, האָבן אָפט געפירט צו פאַרשיידענע קאַמפן אין דער קהילה און אויסער איר. אַביישפּיל פון אַזאַ קאַמף זעען מיר אין אַ געדרוקטער מעלדונג, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1929 דורך „די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה אין סעמיאַטיטש". אין יענער מודעה ווערט געזאָגט, אַז כדי צו זיכערן די שכירות פון רב (רע־מיגאַלסקי, וואָס איז דעמאָלט געווען קראַנק), און כדי צו קענען נעמען נאָך אַ חזן־שוחט האָט

צו דער יידישער באַפעלקערונג. אין סעמיאַטיטש

אויף דער גרויסער אַסיפה אין נייעם בית־המדרש מיט'ן אַנטייל פון סובאַלקער רב, הרב יאָסעלעוויטש שליט"א, אום כדי צו זיכערן די שכירות פון אונזער רב שליט"א, ווי אויך אַנטקעגן צו קומען. דעם פאַרלאַנג פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג וועגע, צונעמען אַ חזן־שוחט, איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, איינצופירען אַ קאָנטראָל איבער דער שחיטה מיט דעם, דאָס די שחיטה־געלד זאָלן די קצבים צאָלן ניט דירעקט די שוחטים נאָר אין דער יידישער קהלה, בעשטימענדיג דערביי דאָס אָרט אויף אויסצו־קויפן קוויטלאַך ביי ר' ביניש יאַבלאָן.

צו די פריערדיגע פרייזן אָן שום הוספה.

די קצבים אָבער האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, (הגם זיי האָבן דערביי קיין שום שאָדן ניט) אויסדריקענדיג זיך ביים סטאַראָס־טע, דאָס איצט איז קיין רב נישטאָ דאַרף מען קיין שכירות ניט צאָלן, און גלייכצייטיג ברענגען זיי אריין בשר חוץ, וואָס עס איז שוין לאַנג געאַסרט דורך אַלע רבנים און מיט דעם גראָבן זיי אונטער דעם עגזיסטענץ פון אונזער קראַנקן רב שליט"א און אויך די אָרדנונג פון דער גאַנצער שטאָדט.

דעריבער אַפעלירן מיר צו דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון סעמיאַטיטש זיי מענער אַזוי פרויען, אום נישט צו צוברעכן די אחדות פון דער שטאָדט און דעם קיום פון אונזער קראַנקן רב שליט"א, נישט צו קויפן קיין פלייש ביז עס וועט נישט פערווירקליכט ווערן דער אויבענ־דערמאָנטער בעשלוס וועגן נעמען קוויטלאַך דורך דער קהלה ביי ר' ביניש יאַבלאָן.

די פערוואַלטונג
פון דער יידישער קהלה אין סעמיאַטיטש.

Druk. Orlanski Siemiatycze

די קהילה אַנגענומען אַ רעזאָלוציע איינצופירן אַ קאָנטראָל איבער דער אָרטיקער שחיטה. לויט דער נייער פאַראָרדענונג זיינען די קצבים אויפ־געפאָדערט געוואָרן ניט איבערצוגעבן דאָס שחיטה־געלט צו די שוחטים, נאָר עס אריינצו־טראָגן אין דער קאַסע פון דער קהילה. עס איז אויך באַשטימט געוואָרן אַן אָרט, וואו אויסצו־קויפן שחיטה־קוויטלעך — ביי ר' ביניש יאַב־לאָן. די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה האָט זיך געווענדט צום עולם מיט אַ בקשה ניט צו קויפן קיין פלייש, כל־זמן די קצבים מיט די שוחטים וועלן ניט פאַרווירקלעכן דעם דערמאָנטן באַ־שלוס.

די קצבים האָבן אַרויסגעשטעלט אַ גרויסן ווי־דערשטאַנד. זיי זיינען אפילו אַוועק צום סטאַ־ראָסטאַ און אים דערציילט, אַז היות ס'איז איצט ניטאָ קיין רב, דאַרף מען אים ניט צאָלן קיין שכירות, ממילא פאַלט אָפּ יעדער גרונט פאַר דער נייער פאַראָרדענונג פון דער קהילה. אָבער די קצבים האָבן סוף־סוף זיך געמוזט אונטערגעבן, ווי ס'איז צו זען פון אַ צווייטער געדרוקטער מעלדונג, אַז די שטאָט האָט צוגענומען אַ דריטן שוחט (זע ביידע פאַטאָסטאַטן פון די מודעות).

בעקאַנטמאַכונג.

אַזוי ווי עס איז יעדן באַקאַנט אַז די שחיטה איז די הכנסה־קוועלע פון הרב אב"ד, המו"צ, השוב"ים והש"ץ, און יעדער וואָס שעכט אַ עוף איז פעראינטערע־סירט אין דעם אַז די הכנסה זאָל רעגולירער איינפליסן, דעריבער איז דער רב והמו"צ און די שוחטים והש"ץ אין הסכם מיט דעם ועד־הקהל געקומען צום באַשלוס זיך ווענ־דען צו דער גאַנצער אידישער באַפעלקע־רונג פון סעמיאַטיץ אַז קיינער זאָל ניט גיין צום שוחט שעכטן אָהן אַ קוויטל.

גלייכצייטיג ווערט געמאָלדן אַזוי ווי מען האָט שוין צוגענומען אַ דריטן שוחט אין די שחיטה יעצט אַזוי פאַרטיילט אַז איינער פון די שוחטים וועט זיך געפינען אין דער עופות־באָינע פון 8.30 ביז 11.30 פריה און פון 2.30 ביז 5 נ. מ.

דאָנערשטאָג און די ערב יו"ט טעג וועט זיין די עופות־באָינע אָפען דעם גאַנצן טאָג.

הרב אב"ד והועד הקהל
דפה סעמיאַטיץ.

Druk. Orlanski Siemiatycze.

איינער פון די שוחטים אין יענער צייט איז געווען ר׳ אשר שושן פון פרוזשאנע, וואָס איז אַ סך יאָרן געווען שוחט אין סעמיאַטיטש. עס זיינען באַקאַנט געווען אויך די שוחטים ר׳ ישראל מאיר, ר׳ יאַנקל פּאַמעראַנץ, ר׳ משה הערש און אַנדערע.

מען פלעגט שוין אָבער ווי ס׳איז קומען צו אַ הסכם. פונקט ווי מען איז דורכגעקומען וועגן עצם צוזאַמענשטעל פון דער קהילה, אַז יעדע אַקטיווע פּאַרטיי אין סעמיאַטיטש זאָל האָבן אין איר אַ גלייכע צאָל מיטגלידער — צוויי.

אין דער קהילה זיינען געווען פאַרטראָטן די פּאַרטייען: אַלגעמיינע ציוניסטן, „מזרחי״, „בונד״, האַנטווערקער־פאַראיין און „אגודת־ישראל״. די פאַרשטייערס פון די פּאַרטייען זיינען כמעט תמיד געווען די זעלביקע די גאַנצע צייט: פון „מזרחי״ — לוי ביעליצקי און אלחנן קמחי; פון אַלגעמיינע ציוניסטן — משה פונדיק און דוד נח גרוסקין; „בונד״ — יאַנקל אורשעס און מאָטל מאַלינאָוויטש; „אגודת ישראל״ — שלמה מענדעלסאָן און יהושע פוקס; האַנטווערקער־פאַראיין — יעקב טיקאָצקי, אליהו באַדני, משולם ציפּעלעוויטש. דער רב האָט זיך באַטייליקט „עקס־אָפיציאָ״ אין אַלע זיצונגען פון דער קהילה.

אין דער ערשטער קהילה זיינען אַ טייל פון די מיטגלידער געווען: יעקב רובינס, פריערדיקער צ׳לען אין אופּראַווע, משה מרדכי רובינס, שמואל סאַלאַט, הרב קוסעלעוויטש, בייניש יאַבלאָן.

דער ערשטער פּרעזידענט פון סעמיאַטיטשער קהילה איז געווען צבי בעלקעס. נאָך אים זיינען געשטאַנען בראש פון דער קהילה: פייוול ראַדזינסקי, הרב לוי ביעליצקי. משה פונדיק און משה מלאך.

אין אַ בריוו פון הרב יאָסעלעוויטש ווערט געזאָגט, אַז די צאָל יידן אין סעמיאַטיטש אין 1926 איז געווען אַן ערך 800 משפּחות. אַ צווייטער סעמיאַטיטשער רב, הרב רעמיגאַלסקי, שרייבט אין אַ בריוו פון 1928, אַז אין שטעטל לעבן אַרום טויזנט יידישן משפּחות. די ציפער פון 5־6 טויזנט יידן אין סעמיאַטיטש איז מער ווייניקער די ריכטיקע, כאָטש סעמיאַטיטשער לאַנדסלייט ריידן וועגן אַכט און אפילו צען טויזנט יידישע נפשות אין שטעטל.

דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סעמיאַטיטש, ווי אין די מערסטע פּוילישע שטעט און שטעטלעך, האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר. עס איז אָבער אויך געווען אַ קענטיקער פּראָצענט בעלי־מלאכות, ווי דאָס איז צו זען פון דער ליסטע יידישע תושבים, וואָס ווערט דאָ ווייטער געגעבן.

לויט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ש. לאַכאָוויצקי, זיינען אין 1932 געווען אין סעמיאַטיטש 9 פאַבריקן (כמעט אַלע יידישע) מיט 299 אַרבעטערס. פון זיי 73 יידן (24,4%). אין 1937 האָט סעמיאַטיטש פאַרמאָגט 12 פאַבריקן, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט 538 אַרבעטערס, 37,9% — 204 פון זיי זיינען געווען יידן („יידישע עקאָנאָמיק״, ווילנע, 1937, ב׳ 2־3, זייט 75).

גלייך נאָכן סוף פון ערשטן וועלט־קריג האָבן די סעמיאַטיטשער יידן באַקומען אַ רעכט ביסל הילף סיי פון „דזשוינט״, סיי פון דער סעמיאַטיטשער רעליף סאָסייעטי אין אַמעריקע. אין 1919 אָדער 1920 איז געקומען אין שטאָט אַ ספּעציעלער שליח פון דער סעמיאַטיטשער רעליף־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, מאַקס ראָזנטאַל. ער האָט געבראַכט געלט סיי פאַר קהלשע מוסדות, סיי פאַר יחידים פון זייערע קרובים. עטלעכע יאָר שפּעטער איז מיט דער זעלביקער מ׳סיע געקומען אלתר פעלדמאַן, געוועזענער פּרעזידענט פון סעמיאַטיטשער רעליף אין ניו־יאָרק. אַרום 1924 איז געקומען קיין סעמיאַטיטש ווי אַ דעלעגאַט פון די לאַנדסלייט אין אַמעריקע אהרון גרינשטיין. ער האָט דאָס געבראַכטע געלט איבערגעגעבן צו די אָרטיקע עסקנים, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ניט צו זיין דער פּאַסיקער וועג פאַר אַזאַ אַרבעט. ווען עס זיינען דערנאָך געקומען קלמן, איידעם פון לוי דעם שמש, און מאַנעס דעם שינדלמאַכערס, האָבן זיי שוין אויסגעמיטן דעם פעלער פון גרינשטיינען און האָבן אַליין צעטיילט דאָס געלט פאַר די נויט־באַדערפטיקע.

מיטן געלט פון אַמעריקע האָט קהל זיך באַניצט אויך צו שאַפן אַ גרויסע קיך, וואו הונדערטער סעמיאַטיטשער האָבן געגעסן מיטאָג אין משך פון א לאַנגער צייט. די קיך האָט זיך געפונען אין הויז פון מרדכי אשר גרינבערג דעם פּאָסטעליאָן.

אין די ערשטע יאָרן פון דער פוילישער אומאָפּהענגיקייט, נאָך די מלחמות מיט די באַלשעוויקען און מיט ליטע, איז דער עקאָנאָמישער מצב פון די שטעטלשע יידן ניט געווען קיין שלעכטער. אויס אייגענער איניציאַטיוו און מיט דער הילף פון אמעריקאנער לאנדסלייט צו קרובים־יחידים און צו קהל, האָט מען זיך גיך אויפגעבויט פון די חורבנות פון ערשטן וועלט־קריג, און די יידישע אָרטיקע עקאָנאָמיק האָט זיך גענומען אויספּאַרעמען און סטאַביליזירן. דער פּראָצעס פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון יידישן סעמיאטיטש האָט זיך זינט די גראַבסקי־גזירות — און וואָס ווייטער אַלץ מער — אַנגעשטויסן אויף אַלץ שטאַרקערע שטערונגען און נגישות סיי מצד דער צענטראַלער מאַכט אין ווארשע, סיי מצד די אָרטיקע פוילישע קרייזן, ביחוד פון זייער עקאָנאָמישן סעקטאָר. דאָס האָט שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל פון די יידן, באַזונדערס פון דער יוגנט, אין סעמיאטיטש, וואָס האָבן געזוכט א וועג פאר א בעסערער צוקונפט דורך עמיגראַציע אָדער עליה.

לויט איר ראָלע און אירע אויפגאבעס האָט די קהילה געהאט אַן איינפלוס אויך אויפן עקאָנאָמישן לעבן פון די אָרטיקע יידן. אָבער די צענטראַלע פונקציע אין דער יידיש־שטעטלשער עקאָנאָמיק האָט אויסגעפירט די אָרטיקע יידישע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקסבאַנק. דער סוחר, דער קרעמער, דער פעדלער, דער האַנטווערקער — אלע האָבן געמוזט אָנקומען צו א הלואה אין באנק, האָבן שווער געקענט אויסקומען אָן אירע קורצטערמיניקע קרעדיטן.

שוין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן איז געשאפן געוואָרן די יידישן פאָלקסבאַנק אין סעמיאטיטש. איר ערשטער דירעקטאָר איז געווען ד״ר געלבוים. אין דירעקטאָרן־ראַט — הרב ביעליצקי, ר׳ בן־ציון מאָנדרע און נאָך.

די יידישע פאָלקסבאַנק האָט פאַרמאָגט עטלעכע הונדערט מיטגלידער. יעדער יאָר זיינען פאַרגעקומען וואַלן פון א פאַרוואַלטונג. ארום אָן אָרט אין דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך שטאַרק געריסן סיי די פאַרטייאישע, סיי די אומפאַרטייאישע אָרטיקע יידישע קרייזן, די ערשטע — כדי צו געווינען א פּאָזיציע אין א מוסד מיט אזאַ גרויסער השפעה אויפן לאָקאַלן יידישן לעבן, די לעצטע — צוליב זייערע פשוטע עקאָנאָמישע אינטערעסן.

אין מיטן די דרייסיקער יאָרן האָט זיך עפּעס געטראָפן מיט דער באַנק, וואָס האָט שטאַרק אונטערגעגראָבן דעם צוטרוי פון דער יידישער באַפעלקערונג צו איר, און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

בדרך כלל זיינען ניט געלעגן קיין צו גרויסע סומעס געלט אין דער קאַסע פון באַנק. פאר מאַרקטעג, יאַרידן אָדער גרויסע קריסטלעכע חגאות פלעגט די פארוואלטונג פון באנק זיך באַזאָרגן מיט אַזויפיל, וואָס זיינען מער־וועניקער געווען אויסגערעכנט אויף ארויסצוגעבן ביי טאָג; ביי נאַכט פלעגט בלייבן ווייניק געלט אין דער קאַסע. האָט זיך איין נאַכט געטראָפן, אז אין באַנק האָט זיך געפונען די גרויסע סומע פון 21,000 זלאָטעס. דאָס געלט איז געווען באַשטימט פאר א נדן פון א סעמיאטיטשער כלה. די סומע איז ארויסגעפאָדערט געוואָרן פון ווארשעווער צענטראַלער יידישער באַנק. און מאָדנע: פונקט אין דער נאַכט, ווען דאָס געלט איז אריינגעלייגט געוואָרן אין דער קאַסע פון סעמיאטיטשער פאָלקסבאנק, איז געשען א גניבה און די גאנצע סומע איז נעלם געוואָרן.

די פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס — אָבער אָן הצלחה. עס זיינען געפאלן שטאַרקע פאַרדאַכטן אויף די נאָענטסטע מענטשן פון דער פּאָלקסבאנק, ווייל נאָר זיי האָבן געקענט וויסן וועגן דער גאנצער טראַנסאַקציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן בסודי סודות — אָבער קיין קאָנקרעטע באַווייזן זיינען דאָך ניט געווען קעגן זיי. אויף אַ קונציקן אופן איז מען געקומען אויף די שפּורן פון א יידישער אונטערוועלט־באנדע אין ווארשע, וואָס האָט געהאַט א חלק אין דער „שטיקל ארבעט". מען האָט געפירט מיט זיי פאַרהאַנלונגען, אז זיי זאָלן אומקערן כאָטש די וועקסלען, וואָס זיינען געווען אויף א גרויסער סומע, און מען וועט זיי פאַרגיטיקן פאר דעם. דער „מסחר" האָט זיך איינגעגעבן — אָבער דערגיין פון זיי אָדער פון אנדערע קרייזן וועגן די סעמיאטיטשער מיטהעלפערס איז ניט געלונגע עד היום הזה.

אין סעמיאטיטש איז אויך געווען א יידישע לייקאַסע, וואָס איר אָנהייב איז געווען אין די

צייטן פון רעליף. די לייקאַסע האָט געהאַט באַגרענעצטע מיטלען, פונדעסטוועגן האָט זי געבראַכט א סך נוצן, באזונדערס פאַר די אָרימערע קרייזן פון דער יידישער באפעלקערונג, וואָס האָבן דאָרטן באקומען הלוואות אָן פּראָצענט און אָפּט אויך אויף א לענגערער צייט. די לייקאַסע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך איטשע וויזענבערג.

שולן

אין סעמיאַטיטש, ווי אין אלע מזרח־אייראָפּעישע שטעטלעך, איז דער חדר און די תלמוד־תורה נאָך אַלץ פאַרבליבן די רעליגיעזע גרונטשול פאַר די פרימערע טיילן פון שטאָט. אין דער צייט פון דער פוילישער אומאָפּהענגיקייט איז זייער ווירקונגסקרייז אַ רעכט ביסל פאַרקלענערט געוואָרן, אָבער זיי זיינען ניט אונטערגעגאַנגען, ניט געקוקט אויף דער געפערלעכער קאָנקורענץ פון מאָדערנע יידישע און העבראַישע שולן אין שטאָט, מיט זייערע יונגע לערערס, שענערע בנינים און אנדערע צוציאונגס־מיטלען פאַר קינדער. דער כוח פון דורותדיקער טראַדיציע.

אין תלמוד־תורה זיינען געווען 8 כיתות. אַ לאַנגע צייט איז געווען דער מנהל פון תלמוד־תורה הרב משה מאיר גוטמאַן. אין דער הנהלה זיינען געווען טעטיק הרב לוי ביליצקי, ר׳ אשר שושן, ר׳ הירש כאָמסקי דער אַפּטייקער, ר׳ אליהו אברינסקי, ר׳ קלמן ראָזנבלום און אנדערע. ווי מלמדים אין תלמוד־תורה און אין די חדרים גע־דענקען זיך: גוטמאַן (איצט אין ישראל), ר׳ פנחס פּאָסטערנאַק, מענדל דעסל, יצחק לייזער גאָלדבערג, ר׳ זעליק גוניש דער מלמד, אליהו טראַטש, ר׳ יואל מארמאר, ר׳ אליהו אַברינסקי, ר׳ בערל ריבאָווסקי, משה פונדיק, אייערווייס, ר׳ באבל יאַשיכעס, ר׳ איצע דער תלמוד־תורה מלמד, ישעיה מאיר ווײנשענקער.

פון מיטן די צוואַנציקער יאָרן האָט עקסיסטירט אין סעמיאַטיטש א ישיבה קטנה „אור תורה״. אין איר האָבן געלערנט ניט בלויז די סעמיאַטיטשער, וואָס האָבן געענדיקט דעם חדר אָדער די תלמוד־תורה, נאָר אויך יינגלעך פון דער ארומיקער סביבה.

די ישיבה קטנה האָט געהאַט עליות און ירידות. איר מאַטעריעלער מצב איז קיין מאָל ניט געווען קיין גוטער. א געוויסע צייט האָט זי באַקומען שטיצע פון אמעריקאנער רעליף־געלטער, וואָס אַ דאַנק דעם האָט מען אויך אויסגעהאַלטן א בית־התבשיל פאַר דער ישיבה. אין 1926 האָבן אין דער ישיבה־קיך געגעסן 75 בחורים. די ישיבה האָט אויך יאָרן לאַנג געקריגן תמיכה פון צענטראַלן ועד הישיבות אין ווילנע, אָבער ווייט פון גענוג, אז איר עקסיסטענץ זאָל זיין געזיכערט. אין די בריוו, וואָס זיינען פאַרבליבן אין אַרכיוו פון ועד הישיבות און זיי געפונען זיך איצט אין ניו־יאָרקער ייוואָ, באקלאָגן זיך תמיד די ראשי־ישיבה אויפן ביטערן עקאָנאָמישן מצב פון דער ישיבה קטנה. ווען אליהו מאזור איז געפאָרן קיין אמעריקע אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט מען אים מיטגעגעבן א בריוו פון הרב הגאון ר׳ חיים גראָדזענסקי צו טאָן עפּעס פאַר דער ישיבה קטנה.

אין 1929־30 איז די צאָל בחורים אין דער ישיבה „אור תורה״ שטאַרק געפאַלן. ווי צבי שאַרפשטיין גיט אָן אין זיין „תולדות החינוך בישראל״ (חלק ג׳, ניו־יאָרק, תש״ט, ע׳ 207), האָבן דעמאָלט געלערנט נאָר 35 בחורים.

פון די ערשטע ראשי־ישיבות אין „אור תורה״ זיינען געווען הרב ר׳ בנימין אליהו רעמיגאָלסקי, דער אב״ד פון שטאָט, הרב יצחק שמידמאַן, איידעם פון שמאי יהודה יאַבלאָן, הרב זיסקינד שווארצבערג, וואָס איז אויך געווען דער משגיח. די לעצטע ראשי־ישיבה זיינען געווען הרב ר׳ אשר זעליג מעלניק און הרב ר׳ יוסף ראובן זאַבלאָצקי. אין ווילנער „דאָס וואָרט״ פון מערץ 1939 איז נאָך דאָ זייערע א באַגריסונג, אין נאָמען פון „אור תורה״, צו דער חתונה פון הרב לוי ביליצקעס טאָכטער.

עטלעכע יאָר, פון מיטן די צוואַנציקער ביז אָן ערך 1930, האָט אפילו עקסיסטירט א צווייטע ישיבה אין סעמיאַטיטש — דאָס איז געווען די נאוואַרעדקער מתיבתא רבתא „בית יוסף״. איר ראש־ישיבה און מנהל איז געווען הרב ר׳ שמואל ווײנטרויב.

צוויי ישיבות אין אזא שטאָט ווי סעמיאַטיטש איז אוודאי געווען שוין צו פיל, און ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואָס אויך „בית יוסף״ האָט דאָרטן געהאַט א בידנעם קיום. אין בריוו צום ועד הישיבות אין ווילנע ווערט ביטער געקלאָגט אויפן מצב פון ״בית יוסף״, וואָס אפילו איר ראש־

ישיבה און מנהל האָט פּשוט ניט מיט וואָס אײַ־בערצוקומען דעם טאָג. פרויען גייען יעדן טאָג איבער די הייזער קלייבן פאַר אים און זיין משפחה.

אויף איין זאַך האָט זיך ניט געהאַט צו קלאָגן די ישיבה „בית יוסף" — אויף מאַנגל אין בחו־רים. אין 1927 האָבן געלערנט אין איר 160 בחו־רים. צווישן זיי זיינען געווען, ווי עס ווערט גע־זאָגט אין א בריוו פון 1927, א סך „בחורים נוד־דים מרוסיא". זיי האָט מען געמוזט באַזאָרגן ניט נאָר מיט עסן, נאָר אויך מיט קליידער און שיך.

ראש־ישיבה אין „בית יוסף" איז אויך געווען הרב ר' יעקב קאַנעווסקי.

ארום אָנהייב 1930 איז די ישיבה „בית יוסף" אריבער קיין פינסק.

די בעלי־בתים פון סעמיאַטיטש האָבן זיך שטאַרק מתעסק געווען ארום דיביידע ישיבות און האָבן געפּרואווט זיי העלפן מיט וואָס עס לאָזט זיך. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרטיקער ועד־הישיבה, וואָס איז געווען זייער אַקטיוו. אין 1928 איז ער באַשטאַנען פון: מו"ץ ר' מאיר זאב סמאַליאַטינסקי, הרב לוי ביליצקי, ר' יצחק אלי־עזר גאָלדבערג. משה מרדכי רובינס, ר' יהושע פוקס, ר' דוד פעלכאָוויטש, ר' יצחק און ר' זלמן מאַנדלבוים, ר' משה דוד פּאַם, ר' אלחנן בריינ־סקער, ר' אלחנן קמחי און ר' יצחק באַש. עסקנים פון אָרטיקן ועד הישיבה זיינען געווען ר' אלתר קלעפּאַצקי, ר' אשר שושן, ר' בן־ציון מאַנדרע, ר' נטע קראַמער, דער גבאי ראשון פון חברה קדישא ר' שמואל בעקער און גבאי שני ר' ליפּע אָרלינסקי, ר' זיידל שאַפּראַן, יהושע סוקעניק פון חברה ש"ס און ש. לאַנדאַו פון חסידישן בית־המדרש, ר' צבי כאָמסקי, ר' ישראל משה סוראַצ־קי, ר' משה געווירצמאַן, ר' אליהו מינעוויצקי, ר' דוד ווינדעלאָוויטש. אין דעם אַרכיוו פון צענ־טראַלן ועד הישיבות זיינען פאַרבליבן רשימות מיט הונדערטער נעמען פון סעמיאַטיטשער מנדבים פאַר די ישיבות אין שטאָט.

געווען אויך סעמיאַטיטשער, וואָס זיינען גע־פאָרן לערנען אין אַנדערע ישיבות. אין דער באַ־קאַנטער קאַמעניצער־סלאָבאָדקער ישיבה „כנסת בית יצחק" האָבן אין 1938 געלערנט די ווייטער־דיקע בחורים און יינגלעך: יעקב קאָטלער, יצחק ראַדזינסקי. רפאל ביליצקי. שמואל טאָלווינסקי, בנימין מאַרער. אין דער מכינה פון דער ישיבה: יעקב גאַרבער, יעקב ראַדזינסקי, יעקב בענדער, צבי קאַפּלאַן, שמואל רויזעל, יעקב ליטמאַן. אַ גאַנצע „קאָלאָניע" פון סעמיאַטיטש (ספר הזכרון של הישיבה הגדולה „כנסת בית יצחק", וואַרשא, תרצ"ח).

★

די יידיש־וועלטלעכע דערציאונגס־אַנשטאַלטן אין סעמיאַטיטש זיינען, נאַטירלעך, געווען א סך יינגער ווי די טראַדיציאָנעלע יידישע רעליגיעזע חינוך־מוסדות. פּאַקטיש איז זייער אויפקום און עיקר טעטיקייט באַגרענעצט צו דער תקופה פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

אויף וויפיל ס'איז אונדז באַקאַנט, איז נאָר גע־ווען איין יידיש־וועלטלעכע שול אין סעמיאַטיטש פאַרן ערשטן וועלט־קריג. דאָס איז געווען די יידיש־רוסישע פּראָגימנאַזיע פאַר מיידלעך, וואָס האָט דאָרטן עקסיסטירט שוין אין 1912. איר די־רעקטאָר איז געווען איינער מיטן נאָמען אוווער־בוך, א געקומענער פון רוסלאַנד. זי האָט געהאַט פינף קלאַסן. זי האָט געהאַט רעכט נאָר פון אַ פּריוואַטער שול, און אירע שילערס האָבן גע־מוזט אָפּגעבן עקזאַמענס אין וואָלקאָווישקער מלוכה־שול. די שול איז אונטערגעגאַנגען ארום יאָר 1917.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז געשאַפן געוואָרן אין שטאָט א דייטשע צוואַנג־שול. דער דירעקטאָר פון שול איז געווען א גע־קומענער דייטש, אָבער אלע לערערס זיינען גע־ווען אָרטיקע יידן: פייגע גאָזדיק, לאה זאַבלאָ־דאָווסקי, שאַפּירא, אסתר קיילעס, אסתר סלאָ־כאָווסקי און מלכה מיקוצינסקי־וויינשטיין. די שול האָט געהאַט זיבן קלאַסן.

די צענטראַלע חינוך־אינסטיטוציע אין סע־מיאַטיטש איז געווען די „תרבות"־שול „בית ספר עממי עברי „קדימה". זי האָט געהאַט אַן אויסער־געוויינלעכע השפּעה אויף דעם גרעסטן טייל פון דער אָרטיקער יידישער יוגנט. אויב סעמיאַטיטש איז געווען אזוי שטאַרק ציוניסטיש און חלוציש, איז דאָס קודם כל צו פאַרדאַנקען דער דערצי־אונג, וואָס די יידישע יוגנט דאָרטן האָט באַקומען אין דער „קדימה"־שול. נאָך איצט קענען די פאַרבליבענע פון סעמיאַטיטש ניט ריידן אָן ליבע און פאַרערונג וועגן דער דאָזיקער שול און איר

גרינדער און מנהל ביזן לעצטן טאָג, יהודה קאַהוט.

יהודה קאַהוט איז געווען א שטאַרקע פּעדאַגאָגישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געהאַט אַ גע־וואַלטיקן איינפלוס אויף זיינע תּלמידים. ער איז אָבער געווען ניט נאָר א לערער, נאָר האָט זיך אויך שטאַרק אָפּגעגעבן בכלל מיט אַרבעט אויפן געביט פון יידישע שולן, ווי אויך מיט אַלגעמיינער יידיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין דער ליסטע דעלעגאַטן צו דער ערשטער קאָנפערענץ פון „תרבות"־לערערס אין פוילן, אין יאָר 1922, איז שוין פאַראַן זיין נאָמען („תרבות, ווארשא, תרפ"ב, חוברת ג׳).

דער „הועד המרכזי של „תרבות" בפולין" האָט ניט זעלטן מאָביליזירט קאַהוטן אויף צו באזוכן אנדערע שטעט, כדי דאָרטן אויפצושטעלן נייע „תרבות"־שולן אָדער פארשטארקן אָפּגעשוואכטע שולן פון אָט דער אָרגאַניזאַציע. א דאַנק דער פּירערשאַפט און אַקטיוויטעט פון י. קאַהוט האָט סעמיאַטיטש כמעט תמיד זיך באַטייליקט אין אַלע „תרבות"־קאָנפערענצן אין פוילן („תרבות", ווארשא, תרצ"ג, חוברת 13 ; תרצ"ה, חוברת 23).

אין איר איבער צוואַנציק־יאָריקער עקסיסטענץ האָבן אין דער „תרבות"־שול געאַרבעט א סך לערערס, צווישן זיי — אסתר שטיין, מרגליות, רחל האַלצמאַן, משה פישמאן, קייזער, זאב טשערניאַצקי, אסתר סלאָכאָווסקי, אייזנבערג, זילבערבערג, לאה זאַבלאָדאָווסקי, פייגע ניע־פלאָטניק, ווייסמאַן .

די „תרבות"־שול, אין וועלכער עס האָבן זיך געלערנט א 200—250 קינדער, האָט עקסיסטירט ביזן אריינקומען פון די באָלשעוויקעס אין שטאָט אין 1939. די שול האָט ווייטער פונקציאָנירט ביזן חורבן, אָבער זי איז אין גאַנצן רעאָרגאַניזירט געוואָרן. העברעאיש האָט מען באַזייטיקט פון די לימודים. אלץ האָט מען גענומען לערנען אויף יידיש. די שול גופא איז אָנגערופן געוואָרן: „יידישע ניט פולע מיטלשול". ווי דער דירעקטאָר פון שול איז באַשטימט געוואָרן א רוסישער ייד. דער גאַנצער לערער־פּערסאָנאַל איז געביטן גע־וואָרן. צווישן די נייע לערערס זיינען געווען: שמערל לאָכאָוויצקי, ר. אייזנבערג, הערשל דזשערזינסקי.

אין די דרייסיקער יאָרן איז אין סעמיאַטיטש געשאַפן געוואָרן א „יבנה"־שול, וואָס איז גע־שטיצט און אויסגעהאַלטן געוואָרן בעיקר פון די קרייזן פון „אגודת ישראל". זי האָט געהאַט אַ ניטקשהדיקע צאָל קינדער. פון א ליסטע פון אַ באַשפייזונגס־אַקציע פאַר די תלמידים פון דער „יבנה"־שול איז צו זען, אז אין 1936 איז זייער צאָל געווען העכער פון 120. („סאָציאַלע מעדי־צין", ווארשא, 1936, נומער 9—10).

געווען אויך א פאָלקשול מיט יידיש ווי די לי־מודים־שפּראַך. זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך בונדיסטישע און ניט־ציוניסטישע קרייזן. אירע לערערס זיינען געווען יאַנקל טיקאָצקי, העניע טיקאָצקי, יאַנקל אורשעס. צוליב מאנגל אין געלט־מיטלען האָט די יידישע פאָלקשול זיך פארמאַכט אין 1924, ווי יאַנקל אורשעס גיט עס איבער אין א בריוו צו משה ווייסמאַן. („פון בריסק ביז סעמיאַטיטש", משה ווייסמאן, אַנטאָ־רא, 1952, ז׳ 124).

פון צייט צו צייט זיינען אויפגעקומען פּריוואַ־טע יידישע שולן אין סעמיאַטיטש. איינע פון די בעסטע צווישן זיי איז געווען די שול פון מיכאל סקורע, וואו זיין זון בערל האָט אים ארויסגע־האָלפן אין לערנען. זי איז פאַר דעמאָלטדיקע באַדינגונגען געווען א מאָדערנע שול, מיט „סקאָ־מייקעס" פאַר די קינדער, אָבער האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן.

אין סעמיאַטיטש זיינען אויך געווען פּריוואַטע לערערס, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שולן, אָבער האָבן געגעבן „שטונדן". ביי זיי האָבן זיך גע־לערנט קינדער פון די רייכערע קלאַסן.

פּאַרטייען

סעמיאַטיטש איז געווען א ציוניסטישע שטאָט. די ניט־ציוניסטישע עלעמענטן פון רעכטס און פון לינקס האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך בלויז אַ קליינע מינדערהייט. די ציוניסטן, דורך זייערע פארשיידענע פאַרטייען, האָבן געגעבן דעם טאָן אין אָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די ארבעט פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל האָט פאַרנומען אַ צענטראַלן אָרט אין די אָרטיקע יידישע טע־טיקייטן.

אין דער צייט, ווען די גאַנצע יידישע וועלט איז ארומגעכאַפּט געוואָרן מיט פרייד דורך דער

בשורה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, זיינען אויך אין סעמיאַטיטש פאַרגעקומען יובל־דעמאָנסטראַציעס. די אַקציע פון „קרן הזהב", וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער יידישער וועלט, האָט אויך אין סעמיאַטיטש געפונען אַ ביז גאָר וואַרעמען אָפּקלאַנג. דער אָפּרוף האָט זיך אויסגעדריקט אין דער סומע געלד, וואָס סעמיאַטיטשער יידן האָבן דעמאָלט געגעבן פאַרן „קרן הזהב".

אויך אין צייטן פון יידישן אַלגעמיינעם טרויער איז דאָס ציוניסטישע סעמיאַטיטש ניט געבליבן אָן אַ זייט. אין די יאָרן פון די אַראַבישע פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל — אין 1929 און 1936 — זיינען אין שטאָט פאַרגעקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס, אויף וועלכע ס'איז פּראָטעסטירט געוואָרן קעגן דער פּאַסיוויטעט פון דער ענגלישער מאַנדאַטאָר־מאַכט. קלאָר, אַז אויך די גאַנצע אַרבעט פאַר די ציוניסטישע פאָנדן איז געפירט געוואָרן בשותפות דורך אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען.

אין די און ענלעכע אַקציעס האָט זיך בשותפותדיק באַטייליקט די גאַנצע ציוניסטישע מחנה אין סעמיאַטיטש, אָבער דער גרעסטער טייל פון ציוניסטישער אַרבעט איז געטאָן געוואָרן ספּעציעל דורך יעדער ציוניסטישער פּאַרטיי אויף אָן אָרט — און ציוניסטישע פּאַרטייען זיינען דאָרטן געווען גענוג און גענוג.

די השפּעה פון דער אָדער יענער ציוניסטישער פּאַרטיי אין סעמיאַטיטש איז ניט תמיד געווען די זעלביקע. געווען ציוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן תחילת געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין שטאָט, אָבער שפּעטער זיינען זיי ניט נאָר געוואָרן קלענער און שוואַכער, נאָר זיינען בכלל אַראָפּ פון דער סצענע. אַזאַ פּאַרטיי זיינען, למשל, געווען די צעירי־ציון.

גלייך אין די ערשטע יאָרן פון נאָכן ערשטן וועלט־קריג זיינען די צעירי־ציון אין סעמיאַטיטש געווען אפשר די סאַמע אַקטיווסטע ציוניסטישע גרופּירונג. אין יענער צייט האָט י. קאַהוט געהערט צו אָט דער פּאַרטיי און איז געווען איינער פון אירע פירערס. אַקטיוו אין צעירי־ציון זיינען דעמאָלט געווען משה פונדיק, יאָסל גאָרבער, הערשל סאַלאַט, הערשל סיר, דבורה קמחי, לאה סיני. וואָס כמעט אַלע פון זיי זיינען דערנאָך אַריבער צו אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען, ביחוד צו די אַלגעמיינע ציוניסטן. גאָר אַ גרויסער טייל פון דער פּראַקטישער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל איז אין יענער צייט דורכגעפירט געוואָרן דורך חברים פון צעירי־ציון. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל, וואו זיי פלעגן איינאָרדענען קעסטל־אָוונטן, וואָס זיינען געווען זייער פּאָפּולער ביי דער אָרטיקער יידישער יוגנט, ווייל דאָרטן פלעגן פאָרקומען אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס וועגן די אַקטועלסטע יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען.

אין אַ רשימה פון שטעט אין פּוילן, וואָס האָבן אין 1921 אריינגעשיקט געלט פאַרן אַרבעטס־שקל, איז אויך דאָ סעמיאַטיטש. („באַפרייאונג", וואַרשע, 1921, נומער 22).

די צעירי־ציון אין סעמיאַטיטש האָבן ווידער גענומען שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע נאָך זייער פאַראייניקונג מיט אַנדערע ראַדיקאַלע ציוניסטישע פּאַרטייען — אָבער דעמאָלט שוין אונטער אַן אַנדערן נאָמען און אַן אַנדער פּראָגראַם.

אַ וויכטיקע און אַנהאַלטנדיקע ראָלע אין סעמיאַטיטשער ציוניסטישן און אַלגעמיין־יידישן לעבן האָבן געשפּילט די אַלגעמיינע ציוניסטן. אויסער די פריער־דערמאָנטע צעירי־ציוניסטישע טוערס, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען אַריבער צו די אַלגעמיינע ציוניסטן, זיינען נאָך געווען אַקטיוו ביי די ציונים כלליים משה פּנחסאָוויטש, ביילע פירער, דוד נוח גרוסקין. אין דער אָרטיקער אַלגעמיין־ציוניסטישער פּאַרטיי איז י. קאַהוט געווען די צענטראַלע פיגור.

ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן איז געווען איינגעפירט אַ מנהג פון לערנען יעדער שבת תנ"ך.

אין די רייען פון די אָרטיקע אַלגעמיינע ציוניסטן און „מזרחי" איז געווען בעיקר קאָנצענטרירט דער באַלעבאַטישער עלעמענט. זיי האָבן טאַקע פאַרמאָגט אַ סך חשובע און אָנגעזעענע יידן פון שטאָט, אָבער דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט האָט זיך גרופּירט אַרום די פּועלי־ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס. — התאחדות) און די רעוויזיאָניסטן. דעריבער איז די לעבעדיקערע און צאַפּלדיקערע א"י־אַרבעט און פּאַרטייאישע טעטיקייט אָנגעפירט געוואָרן דורכן לאַגער פונעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און פון די זשאַבאָטינסקי־אַנהענגערס.

די הויפטבאַזע פון דער פועלי־ציוניסטישער שטאַרקייט און השפעה אין סעמיאַטיטש איז געווען דער „החלוץ" און זיינע הכשרה־קיבוצים אין און ארום שטאָט.

דער סעמיאַטיטשער „החלוץ" איז געשאַפן געוואָרן אין 1922־23. מנחם פונדיק איז געווען איינער פון זיינע גרינדערס. ס'האָבן אים געהאָלפן אין דעם משה פינחסאָוויטש, מאיר מאַרמער, חנה גאָלדבערג.

אין דעם שטאָטישן הכשרה־קיבוץ האָבן זיך געפונען ניט בלויז חלוצים פון אנדערע מקומות, נאָר אויך פון סעמיאַטיטש גופא, ווי מנחם פונדיק. יאָסל יאַבלאָן, ראָט און אנדערע.

דער חלוצישער ווערט פון סעמיאַטיטשער הכשרה־קיבוץ אויסרן שטאָט, וואָס זיך גערופן „שחריה", איז ניט געווען בלויז אַ לאָקאַלער. דער דאָזיקער קיבוץ האָט שפעטער געשפילט אַן ערשטראַנגיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער חלוצישער באַוועגונג אין פוילן.

דער קלאָסאָווער הכשרה־קיבוץ איז געווען אַ שם־דבר אין פוילן און אויסער איר. ער האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף דער גאנצער חלוצישער באַוועגונג ניט נאָר אין פוילן, נאָר ווייט־ווייט איבער אירע גרענעצן. דער צווייטער הכשרה־קיבוץ, וואָס איז געקומען אין חשיבות און השפעה נאָך קלאָסאָווע, איז געווען „שחריה" לעבן סעמיאַטיטש. און אָט וואָס עס ווערט געזאָגט וועגן אים אין בוך „חלוצים אין פוילן" פון לייב שפיזמאַן (ניו־יאָרק, 1959, באַנד 1, זייט 197):

„דער צווייטער קיבוץ (נאָך קלאָסאָווע), וואָס האָט אויסגעפירט אַ וויכטיקע ראָלע אין הכשרה־ווערק און אין דער פאַרטיפונג פון קיבוצישער קריסטאַליזאַציע, איז געווען „שחריה" לעבן סעמיאַטיטש. די אַנטוויקלונג פון דאָזיקן קיבוץ האָט זיך אָנגעהויבן פון אָרגאַניזירן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצה דורך די חברים פון סניף „החלוץ" אין סעמיאַטיטש, וועלכע האָבן אריינגעלעגט אין דער דאָזיקער ארבעט פיל ענערגיע און איבערגעבנקייט. די חברים האָבן געאַרבעט אין טאַרטאַקן פיל שעהן אין טאָג און דעם גרעסטן טייל פון פאַרדינסט האָבן זיי אינוועסטירט אין דער ווירטשאַפט. לויט דער איניציאַטיוו און מיט דער הילף פון די חברים פון דער

ווירטשאַפט זיינען אין משך פון דער צייט געשאַפן געוואָרן פלוגות אין די טאַרטאַקן, וואָס האָבן זיך געפונען ניט ווייט פון דער ווירטשאַפט. אויף אַזאַ אופן האָט זיך געשאַפן אַ קאָנטאַקט צווישן דער ווירטשאַפט און די פלוגות, א בשותּפותדיקע קאַסע, א מענטשן־איבערבייט צווישן די פאַרשיידענע פלוגות און עס איז געשאַפן געוואָרן דער קיבוץ „שחריה".

איינער פון די אַקטיווסטע אין „שחריה" איז געווען מנחם פונדיק.

ווען ס'איז פאָרגעקומען דער גרויסער פויליש־חלוצישער כינוס אין ביאַליסטאָק אין 1935, האָבן עולה־רגל געווען אַהין א סך חברים פון סעמיאַטיטשער קיבוץ — א מרחק פון וואָסערע 100 קילאָמעטער.

אַקטיוו זיינען אויך געווען אין סעמיאַטיטש דער „החלוץ הצעיר" און די „פרייהייט", יוגנט־פּאַרטיי פון די פועלי־ציון. אירע אָנפירערס זיינען געווען: יעקב וויינגערש, לאָלעק טיקאָצקי, העשל אקערמאַן.

אין „החלוץ הצעיר" זיינען געווען טעטיק: עובדיה יאַסעלעוויטש, ווילי רובין, בן־ציון מאַזור, מנחם סעמיאַטיצקי, שרה מגיד, מאשע קאָפּלאַן, ליפּטשע זאַבלאָדאָווסקי, יוסף קופערשמיד, משה מאַנדלבוים, שמחה דאָלינער, חיים רוזמאַן און אנדערע.

דער אָרטיקער „החלוץ הצעיר" איז געווען אויף אַזוי פיל אַקטיוו און ענערגיש, אַז ער האָט געקענט נעמען אויף זיך די אחריות פון צוגרייטן די ערשטע זומער־מושבה פון דער גאַנצער באַוועגונג אין פוילן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1930 לעבן סעמיאַטיטש. („חלוצים אין פוילן", ב', 1, זייט 514).

אין דער פועלי־ציוניסטישער „פרייהייט" זיינען אין 1930 געווען 65 חברים און 22 סקויטן. אין א קאָרעספּאָנדענץ אין „יוגנט פרייהייט" (וואַרשע, יוני 1930, נומער 6) ווערט געזאָגט, אַז דער מצב אין דער סעמיאַטיטשער אָרגאַניזאַציע איז א גוטער. א געוויסע פאַרשטאַרקונג פון אָרטיקן סניף איז געקומען ווי א רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל אין 1929. צוליב דער פּראָ־אַראַבישער שטעלונג פון די קאָמוניסטן און דער פאַקטישער רעכטפאַרטיקונג פון די אַראַבישע פּאָ־

גראַמען איז געוואָרן אַן ערנסטער קריזיס אין די רייען פון יידישע יוגנטלעכע קאָמוניסטן אין סעמיאַטיטש. אין „החלוץ״ אליין זיינען דעמאָלט אַריבער 15 מיטגלידער פון דער אָרטיקער יידיש־קאָמוניסטישער יוגנט־פּאַרטיי און אין „פרייהייט״ — 8, צווישן זיי אַ געוועזענער מיטגליד פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. אויך פון דער בונדיסטישער „צוקונפט״ זיינען אריבער צו דער „פרייהייט״ 4 מיטגלידער, איינער פון זיי אַ קאָמיטעט־מיטגליד. („יוגנט פרייהייט״, נומער 1).

די סעמיאַטיטשער חברים פון „פרייהייט״ האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג אין דער גאַנצער סביבה. דעם 18טן אויגוסט, 1928, איז פּאַרגעקומען אין בריינסק דער ערשטער קרייז־צוזאַמענפלי פון די פרייהייטיסטן. דער קאָמענדאַנט פון צוזאמענפלי איז געוועזן ס. ליטעווסקי פון סעמיאַטיטש. דעם באַריכט וועגן דער טעטיקייט אין סעמיאַטיטש האָט אָפּגעגעבן מאיר פעלכאַוויטש. ס. ליטעווסקי איז אויסגעקליבן געוואָרן אין ראַיאָן־קאָמיטעט. (דאָרטן, 1928, נומער 9).

צוויי חברים פון סעמיאַטיטשער „פרייהייט״ האָבן אפילו געמאָלדן וועגן זייער אָנטייל אין צוזאמענפלי פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער יוגנט־פעדעראַציע אין ווין, וואָס איז פּאַרגעקומען אין מיטן 1929. (דאָרטן, 1929, נומער 4).

אין „פרייהייט״ זיינען געוועזן אַקטיוו יאַנקל וויינגערש, מאיר פּעלכאָוויטש, משה פּארבער, לייזער וויינגערש, משה בעקער און אנדערע.

די אַקטיוועסטע און גרעסטע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין סעמיאַטיטש איז געוועזן דעד „השומר הצעיר״. איר לכתחילהדיקער אומפּאַרטייאישער און ריין־סקויטישער כאַראַקטער האָבן צוגעצויגן א סך יוגנטלעכע, ביחוד פון דער שול־יוגנט. איר שטאַרקייט איז אויך געקומען צוליב דעם, וואָס ביז די מיטן צוואַנציקער איז דער „השומר הצעיר״ פּאַקטיש געוועזן די איינציקע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און ווי אַזאַ איז זי געשטיצט געוואָרן מיט מענטשן און געלט דורך אַלע אָן אויסנאַם ציוניסטישע פּארטייען. די שטאַרקייט פון „השומר הצעיר״ האָט אָנגעהאַלטן אויך שפּעטער, ווען ער איז שוין געוואָרן א פּאָליטישע פּארטיי, כאָטש, פּאַרשטייט זיך, די ניי־אַנטשטאַנענע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעצויגן פון אים אַ רעכט ביסל מיטגלידער.

דער סעמיאַטיטשער „השומר הצעיר״ האָט געהאַט אַ הכשרה־קיבוץ (טאַבאַק־גאָרטן) ניט ווייט פון שטאָט, און איז אויסער דעם געוועזן אַ זאַמלפּונקט פאַר אַלע שומרים פון דער סביבה. באריכות וועגן דער טעטיקייט פון סעמיאַטיטשער „השומר הצעיר״ שטעלט זיך אָפּ יצחק קאַפּלאַן.

אין 1926 איז אין סעמיאַטיטש געגרינדעט געוואָרן דער „ברית תרומפלדור״ דורך דוד קמחי און אברהם מאנדלבוים. אַקטיוו אין אָרטיקן בית״ר זיינען געוועזן לייבל שפּיאלטער, מענדל ווינשענקער, מאיר ביעליצקי, משה זאם, משה ראדזינסקי, מאיר זאַבלאָדאָווסקי, משה שווארצבערג.

אין 1934 איז פּאַרגעקומען א רעאָרגאַניזאַציע פון קן בית״ר. דער מפקד הקן איז געוועזן אליעזר טרעשטשאַנסקי. אין דער מפקדה זיינען אריין: סגן־מפקד און מזכיר הקן אשר דאָלינער, סגן־מזכיר — מוליע מאנצער, גזברית — צירל קמחי, די מורשים פון „קרן תל חי״ — נתן בזשעזינסקי און גדליה מוזיקאַנט. דער בעל המעון איז געווען גדליה מאזור. („די וועלט״, ווארשע, 1934, נומער 32).

סעמיאַטיטשער „בית״ר״ האָט זיך ניט באַגרענעצט נאָר מיט אָרטיקער ארבעט, נאָר איז געוועזן אַקטיוו אויך אין די ארומיקע שטעטלעך. אזוי, למשל, האָט ער געשאַפן „בית״ר״־קנים אין טשעכאַנאָווצע, ברײנסק, דראגאטשין, באָדקע און סאַרנאַק.

דער „בית״ר״ אין סעמיאַטיטש האָט געהאַט אַן אייגענעם אָרקעסטער און איז געוועזן די איינציקע אָרטיקע יוגנט־אָרגאַניזאציע, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענעם מנין.

אין 1933 האָבן דוד קמחי, מ. שקד (מאנדלבוים) און נחום בזשעזינסקי באַגריסט די רעדאַקציע פון דער רעוויזיאָניסטישער צייטשריפט „די וועלט״ און פּאַרגעלייגט זי צו פארוואנדלען אין א פארטייאישער טאָגצייטונג. (דאָרטן, 1933, נומער 29).

מיטן אויפקום פון רעוויזיאָניזם אין סעמיא־

טיטש האָבן זיך גאַנץ שטאַרק פאַרשאַרפט די פאַרטייאישע רייסערייען אין שטאָט. ניט איין מאַסן־פאַרזאַמלונג האָט זיך ניט געקענט ענדיקן צוליב שטערונגען פון קעגנערישע פאַרטייען און ניט זעלטן איז אויך געקומען צו געשלעגן.

די סעמיאַטיטשער רעוויזיאָניסטן זיינען געווען שטאַרק אַקטיוו ניט נאָר אין קאַמף מיט די איבעריקע ציוניסטישע פאַרטייען. אויסער זייער אינעווייניקסטער פאַרטיי־אַרבעט האָבן זיי פון צייט צו צייט געמאַכט גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען צו פריידיקן די נייע אידייען פון זייער פירער וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. זיי האָבן אויך דורכגעפירט עטלעכע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס ווי א פראָטעסט קעגן דער ענגלישער פאָליטיק אין ארץ־ישראל.

אין אויפרייסן ציוניסטישע מיטינגען האָבן זיך אויסגעצייכנט די יידישע קאָמוניסטן אין שטאָט. כאָטש זייער צאָל איז ניט געווען גרויס, זיינען אָבער אירע חברים געווען דיסציפלינירט און איבערגעגעבן זייער פאַרטיי, און צוליב דעם זיינען זיי געווען א געווויסער פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער כוח. זייער גאַנצע אַרבעט איז געפירט געוואָרן אומלעגאַל, ווייל די פוילישע רעגירונג האָט זינט פילסודסקיס פוטש ניט דערלויבט קיין קאָמוניסטישע פאַרטיי־טעטיקייט.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי אין סעמיאַטיטש איז געשאַפן געוואָרן דורך שמחה שידניצקי. שפּעטער זיינען געווען אַקטיוו אין איר יאָסל פיש, אברהם גאַרבער, סאשא לעווין, אליהו שמוקלער.

סעמיאַטיטש איז געווען א ציוניסטישע שטאָט, פונדעסטוועגן האָט דאָרטן דער „בונד" פאַרנומען א גאַנץ וויכטיקע פּאָזיציע. די בונדישע השפעה איז געווען באַזונדערס שטאַרק אין די קרייזן פון די יידישע אַרבעטערס און האַנטווערקערס אין שטאָט. די בונדיסטן האָבן אָרגאַניזירט א שוסטער־פאַראיין, א שניידער־פאַראיין און אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. ביי זייער אייגענעם האַנטווערקער־פאַראיין האָבן זיי געשאַפן א קראַנקן־קאַסע. דער פאָרזיצער פון אָט דער קראַנקן־קאַסע איז די לעצטע יאָרן געווען מאָטל מאַלינאָוויטש, סעקרעטאַר — משולם סטאָליאַר.

דער סעמיאַטיטשער „בונד" האָט פון צייט צו צייט דורכגעפירט בשותפותדיקע אַקציעס מיט דער אַלגעמיין־פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פ.פ.ס.). דעם ערשטן מאַי פלעגן „בונד" און פ.פ.ס. מאַכן געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציעס. אויך שטרייקן פלעגן זיי אָפט דורכפירן בשותפותדיק.

דער סעמיאַטיטשער „בונד" האָט זיך אָבער ניט באַגנוגנט נאָר מיט אַרבעט אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט. ער האָט זיך אויך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט יידישער קולטור־אַרבעט. די קרוין פון אָט דער דאָזיקער אַרבעט איז געווען די יידישע שול. אָבער אין אַזאַ ציוניסטישער שטאָט ווי סעמיאַטיטש איז דעם „בונד" אָנגעקומען זייער שווער זי אויסצוהאַלטן.

א וויכטיקע קולטור־פּאָזיציע פון אָרטיקן „בונד" איז געווען די מעדעם־ביבליאָטעק מיט אירע קרוב צו טויזנט ביכער. זי איז באַזונדערס פאַרגרעסערט און באַרייכערט געוואָרן נאָך דעם, ווי די רעגירונג האָט אין 1928 פאַרמאַכט די מאַסקירט־קאָמוניסטישע פרץ־ביבליאָטעק. אַ גרויסער טייל ביכער פון דער פרץ־ביבליאָטעק איז אריינגעפאַלן אין רשות פון דער מעדעם־ביבליאָטעק, וואָס איר ביבליאָטעקאַר איז געווען הערשל אורשעס.

די בונדיסטן האָבן געפירט א פאַרביסענע טעטיקייט. וואו זיי האָבן געקענט, האָבן זיי געפּרואווט אָנווענדן אפילו צוואַנג. זיי האָבן, למשל, געדראָט א ריי יידישע פאַבריקמאַכערס זיך ניט צו שערן ביי זיי, אויב זיי וועלן ניט אבאָנירן די בונדישע „פאָלקסצייטונג". זיי האָבן אויך געלאָזט שטאַרק הערן פון זיך אויף פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן אויפבוי פון ארץ־ישראל.

אין א באַריכט, וואָס דער בונדישער אינסטרוקטאָר ל. קערש האָט אָפּגעגעבן אין 1934, ווערט געזאָגט, אַז דער סעמיאַטיטשער „בונד" איז א „פּרעכטיקע אָרגאַניזאַציע מיט העכער 100 חברים". („יוגנט־וועקער", וואַרשע, 1934, נומער 24).

אין לעצטן קאָמיטעט פונעם „בונד" זיינען געווען יאַנקל אורשעס, פאָרזיצער, הערשל שעוויץ, סעקרעטאַר, און אידית קאַפּלאַן, פייוול פאַרבער, דאָבע קראַוועץ. עס זיינען אויך געווען אַקטיוו אין אָרטיקן „בונד" בצלאל קאָטלער, איצל באַטשאַן, ראובן ראַבינאָוויטש, יאַנקל עסטרייך.

דער פריערדיקער סעקרעטאר איז געווען פייוול פארבער.

אין סעמיאטיטש איז אויך געווען שטארק די בונדישע יוגנט־ארגאניזאציע „צוקונפט". די צו־קונפטיסטן פלעגן זיך אויך באטייליקן אין די בונדישע דעמאנסטראציעס און בכלל מיטהעלפן דעם „בונד" אין טייל פון זיינע טעטיקייטן. אין 1936 איז לויט דער איניציאטיוו פון סעמיאטי־טשער „צוקונפט" ארגאניזירט געווארן א ראיאן־צוזאמענפלי ארום ברייינסק. („יוגנט־וועקער", 1936, נומער 19; 1928, נומער 10, 28).

די סעמיאטיטשער „צוקונפט", ווי אלע אנטי־ציוניסטישע פארטייען אין גאנץ פוילן, האבן גע־פּרואווט אויסניצן די ירידה־שטימונגען אין די יארן פון די ארץ־ישראל־פּאגראמען אין 1936 און 1937, ווי אויך די פארקלענערטע קוואטעס פון עליה־סערטיפיקאטן. א פירער פון דער שטעטלשער „צוקונפט", הערשל שעווץ, שרייבט אין 1936, אז מיטגלידער פון ארטיקן „החלוץ הצעיר" און „פרייהייט" גייען לעצטנס איבער צו זיי. („יוגנט־וועקער", 1936, נומער 1). אין א קארעספּאנדענץ פון 1938 ווערט געשריבן וועגן אן אויפלעבונג פון סעמיאטיטשער „צו־קונפט" און וועגן צוקום פון נייע מיטגלידער. (דארטן, 1938, נומער 5).

אין „צוקונפט" זיינען געווען אקטיוו: ישעיה טראטש, אנשל צאבינאוויטש, פסח שעווץ, מענדל אקאם, פנחס קראוועץ, אשר וועלוול ווינער, העשל אורשעס, יאסל מאלינאוויטש, זשווי־ראווסקי.

די לעצטע רבנים

הרב הגאון צבי יהודה קוסעלעוויטש

פארן ערשטן וועלט־קריג איז געזעסן אויפן סעמיאטיטשער כסא־הרבנות הרב הגאון ר' יצחק צבי יהודה קוסילעוויטש. פאר דעם איז ער גע־ווען רב, פון 1890, אין פודזעלווע, ראצק און טיקטין. ער איז דער זון פון הרב משה פון לוקע־ווע. געווען פון די באקאנטע רבנים, וואס זיצן באהלה של תורה און לערנען טאג און נאכט. אויסער מיט זיין תורה איז ער געווען באוואוסט מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע מידות טובות.

הרב הגאון ר' יצחק צבי יהודה קוסעלעוויטש איז געווען רב אין סעמיאטיטש צען־עלף יאר, פון תרס"ח ביז תרע"ט. ה' טבת תרע"ט איז ער נפטר געווארן אין עלטער פון ארום 56 יאר און געקו־מען צו זיין אייביקער רו אויפן סעמיאטיטשער בית־עולם.

הרבנית רחל־מיכלה קוסעלעוויטש איז די טאכ־טער פון ר' יעקב מעלער פון דער ליטווישער סלאבאדקע. זי איז געשטארבן אין ירושלים כ"ו אב, תרצ"ו.

הרב הגאון צבי יהודהס זון, הרב הגאון ר' שמואל קוסעלעוויטש, איז דער מחבר פון א סעריע ספרים אונטערן נאמען „נתיבות שמואל", וואס זיינען געווען שטארק פארשפרייט אין אמע־ריקע, וואוהין ער איז געקומען אין 1920. ער איז געווען רב אין בראנקס און ראש־מתיבתא אין דער ישיבה „תורה ודעת" אין ניו־יארק. נפטר געווארן אין ניו־יארק דעם 31טן דעצעמ־בער 1962, אין בראנקס, אין עלטער פון 76 יאר.

הרב ר' מאיר זאב סמאליאטינסקי.

נאכן טויט פון הרב הגאון ר' צבי יהודה קוסע־לעוויטש אין 1919 איז סעמיאטיטש געווען אן אן ראב"ד עטלעכע יאר. דעם ארט פון רב האט דעמאלט פארנומען הרב ר' מאיר זאב סמאלא־טינסקי, וואס איז געווען מו"צ אין סעמיאטיטש פון די אנהייב ניינציקער יארן. אין א בריוו, וואס הרב סמאלאטינסקי האט געשריבן אין 1921, חתמעט ער זיך „היושב על כסא מדין בסעמיא־טיטש". ער קלאגט זיך ביטער אויף זיין שווערער לאגע און דערמאנט, אז ביי אים אין שטוב גע־פינט זיך אויך „חמותי הרבנית, אלמנת ר' יצחק צבי, שכהן פאר בעירתי עשר שנים בתור אב"ד". („זכרון בספר", ניו־יארק, תרפ"א).

די ערשטע פאר יאר נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען געווען שווערע צייטן פאר יידן אין סעמיאטיטש. מען האט געמוזט אנקומען אן הילף, ביחוד פון אמעריקאנער יידן און לאנדס־לייט. אין די הענט פון הרב סמאליאטינסקי איז דעמאלט קאנצענטרירט געווען די שטיצע, וואס איז באקומען געווארן פון „עזרת תורה" אין אמעריקע. („זכרון בספר", ניו־יארק, תרפ"א, זייט 306).

הרב סמאליאטינסקי איז נאך לאנגע יארן שפעטער געווען מו"צ אין סעמיאטיטש. ער איז נפטר געווארן אין די דרייסיקער יארן.

פון 1922 ביז 1926 האָט פאַרנומען דעם סעמיאַטיטשער כסא־הרבנות הרב הגאון ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש, וואָס וועגן אים וועט באַזונדער געשריבן.

הרב הגאון ר׳ בנימין אליהו רעמיגאָלסקי

אָנהייב 1927 איז געוואָרן רב אין סעמיאַטיטש הרב הגאון ר׳ בנימין אליהו רעמיגאָלסקי, איינער פון די זיילן פון „מזרחי" אין פוילן. פון 1909 איז ער געווען רב אין טריעסטינע, סטאָוויסק און גראַיעווע. הרב הגאון רעמיגאָלסקי האָט ניט זעלטן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דער אָרטאָדאָקסער פרעסע. זיין ערשטער מאמר איז געדריקט געוואָרן אין דעם באַוואוסטן תורה־זשורנאַל „הפסגה", וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן פון הרב הגאון ר׳ הלל הכהן טריוואַש.

הרב ר׳ בנימין אליהו איז דער מחבר פון ספר „הדרת בנימין" (שני חלקים: א) חידושי הלכה בעניני קדשים; ב) הדרנים על דרך ההלכה ועל דרך הדרוש. ורשה, תר״ץ). פון דער הקדמה אין ספר דערוויסן מיר זיך א ביסל ביאָגראַפישע פרטים וועגן אים:

ר׳ בנימין אליהו איז געבוירן געוואָרן אין 1871 אין קיידאַן, ליטע. ער איז אַן אור־אייניקל פון באַקאַנטן גאון ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן, דעם בעל „כנסת יחזקאל", אב״ד אין אה״ו. געלערנט מיט אויסצייכנונג אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. מען האָט אים גערופן דער „ריגער עילוי", ווייל יענע צייט האָבן זיינע עלטערן געלעבט אין ריגע. ער האָט באַקומען סמיכה פון די גאונים ר׳ יצחק אלחנן ספעקטאָר און ר׳ שלמה פון ווילנע. צו 23 יאָר איז ער געפאָרן לערנען אין קאָוונער כולל. אין עלטער פון 12 יאָר האָט ער זיך א נדר געטאָן ניט צו זאָגן קיין ליגן און זיך ניט צו שווערן — און ער האָט דאָס מקיים געווען זיין גאַנץ לעבן. עס זיינען געבליבן פון אים וויטערע פופציק חיבורים, אלע אין כתב־יד.

הרב הגאון רעמיגאָלסקי איז געווען רב אין סעמיאַטיטש נאָר עטלעכע יאָר. כמעט א העלפט פון אָט דער צייט איז ער געווען זייער קראַנק, און כ״ה סיון תר״ץ איז ער נפטר געוואָרן אין עלטער פון 59 יאָר.

זיין ברודער, ר׳ לייב רעמיגאָלסקי איז געווען א יודע תורה, עסקן און בעל־טובה. די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן איז ער געווען גבאי ראשון אין ריגער „אלטנייע שול". אומגעקומען אין ריגער געטאָ. („יהדות לטביה", תל־אביב, תרי״ג, זייט 415).

הרב הגאון ר׳ חיים ברוך גערשטיין.

דער לעצטער סעמיאַטיטשער רב איז געווען הרב הגאון ר׳ חיים ברוך גערשטיין. ער האָט חתונה געהאַט מיט הרב הגאון ר׳ בנימין אליהו רעמיגאָלסקיס טאָכטער שרה, און נאָך זיין שווערס פטירה האָט ער איבערגענומען יענעמס כסא־הרבנות.

הרב ר׳ חיים ברוך גערשטיין איז געבאָרן געוואָרן ארום 1894 אין יאַנאָווא, גראָדנער גובערניע. זיין פאָטער, ר׳ שלמה אביגדור, שטאַמט פון בעל „הר הכרמל". זיין מוטער איז די טאָכטער פון הרב הגאון ר׳ מאיר יוסף קוטקין, אב״ד יאַנאָווא, ברעסטאָוויץ און ראַש, מחבר פון „פנים מאירות" אויפן ירושלמי, אַן אָפּשטאַמיקער פון הגאון ר׳ שלמה חריף פון זאַמעט.

הרב ר׳ חיים ברוך האָט געלערנט אין די ישיבות פון ראַדין און סלאָבאָדקע. אין יאַנאָווא האָט ער געגרינדעט א ישיבה מיט עטלעכע און דרייסיק בחורים, וואָס איז אונטערגעגאַנגען נאָכן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אָנהייב צוואַנציקער יאָרן האָט ער געלערנט אין בריסק, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט די דאָרטיקע בתי־חינוך. שפּעטער איז ער אוועק קיין בערלין, וואו ער האָט געלערנט עטלעכע יאָר ביי הרב הגאון ר׳ חיים העלער, אין בית־מדרש לרבנים. דערנאָך האָט ער שטודירט אין באַנער אוניווערסיטעט, וואו ער האָט געענדיקט דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט און באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פילאָזאָפיע.

הרב גערשטיין האָט עטלעכע יאָר געלערנט אין קעלן, וואו ער האָט אויפגעשטעלט און אָנגעפירט א ישיבה לויטן נוסח ליטע, אָבער אָפּגעגעבן א סך אָרט אויך פאַר מוסר. פון אָט דער ישיבה זיינען שפּעטער ארויסגעקומען חשובע רעליגיעזע פירערס פון דייטשן יידנטום.

הרב גערשטיין איז געווען פון די אַקטיווע רבנים אין פוילן. ער האָט זיך באַטייליקט אין

א סך אסיפות פון „מזרחי" אין לאַנד. ער איז געווען א טייערער בעל־דרשן און האָט געהאַט א גרויסע השפעה אויף דער סעמיאַטיטשער יוגנט.

דער לעצטער סעמיאַטיטשער רב איז אימגע־קומען מיט זיין גאנצער קהילה קדושה אין דער אַקציע פון א׳ און ב׳ כסלו, תש"ב.

זיין ברודער, הרב ר׳ יהודה לייב כהן־גער־שטיין, וואָס איז געווען ראב"צ אין אַנטווערפּן, איז די לעצטע יאָרן ראש מתיבתא אין ניו־יאָרקער „ישיבת יעקב יוסף".

★

אויסער הרב ר׳ מאיר זאב סמאָליאַטינסקי איז די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר פאַרן חורבן גע־ווען מו"צ אין סעמיאַטיטש אויך הרב ר׳ אשר אייזנשטיין, וואָס איז פריער געווען ר"מ ביי הרב הגאון ר׳ שמעון שקאָפּ אין גראָדנע. ער איז נפטר געוואָרן אין 1939, האַרט פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ז׳ אווערבוך

מעשיות פון סעמיאַטיטשער שול

דאָס קליינע שטעטל סעמיאַטיטש האָט א פיינע שול, מיט וועלכער ס׳זיינען פאַרבונדן אייניקע היסטאָרישע זכרונות מיט מופתים.

די שול איז אינעווייניק געבויט אין אָריענ־טאַלישן סטיל. די ווענט מיטן סופיט זיינען א מאָל געווען באַמאָלט אויך אין אַלטן סטיל. די לעצטע צייט האָט מען די שול רעמאָנטירט און די געמעלן פאַרקאַלכט. קליינשטעטלדיקע יידן בכלל האָבן ניט קיין זין פאַר אַנטיקן. איינעם אזא אַנטיק — א שטיינערנעם כיור, א פיין־געשניצטע אַרבעט — האָבן די גבאים שיער ניט פאַרקויפט פאַר 200 רובל. עטלעכע מענטשן האָבן זיך אריינגעמישט און עס ניט דערלאָזן. אויסער דעם פאַרמאָגט נאָך די שול פון אַנטיקן: א פרוכת, א צדקה־פושקע און א כסא של אליהו הנביא.

דאָס שטעטל איז געווען קליין און אָרעם. האָט געטראָפן א נס: דער פריץ איז געשטאָרבן. די פריצטע, פירשטין יאבלאָנאָווסקא־סאַפּיעגא, האָט זיך נאָך זיין טויט באַזעצט אין סעמיאַטיטש און זיך געסטאַרעט מיט אַלע קרעפטן צו מאַכן דאָס שטעטל פאַר א הויפּטצענטער פון דער גאַנצער סביבה.

אזוי האָט זי אויסגעפּועלט א דערלויבעניש פון פּוילישן קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט צו איינפירן אין שטעטל א גרויסן יאַריד, וואָס זאָל אָנהאַלטן א גאַנצן חודש.

זי האָט זיך אויסגעבויט אין סעמיאַטיטש א פּרעכטיקן פּאַלאַץ, ארומגערינגלט מיט א גרויסן פּאַרק און פרוכטגאָרטן. אָט דאָ הייבט זיך ערשט אָן די מעשה מיט די נסים: דער יידישער בית־עולם איז געלעגן האַרט ביים געמויערטן פּאַרקאַן פון שלאָס. די פירשטין האָט ניט געקאָנט פאַר־ליידן די אָפטע קולות און יללות, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון היילִיקן אָרט. האָט זי פאַררופן די „פּני" פון שטאָט און זיי פאָרגעלעגט, אז די קהילה זאָל איר אָפּטרעטן דעם בית־עולם, דער־פאַר וועט זי די שטאָט קאָמפּענסירן מיט דעם, וואָס זי וועט אויסבויען א גרויסן בנין אין צוויי שטאָק, וואָס זאָל זיין דער יידישער ראַטוש (קהל־שטיבל), מיט קלייטן און דירות, אויף הכנסה פאַר קהל. אויסער דעם וועט די גאַנצע שטאָט באַקומען אומזיסט האָלץ פון פריצישן וואַלד.

די גבאים האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די אַלע חסדים און ניט מסכים געווען צו פאַרשוועכן דאָס היילִיקע אָרט.

די פירשטין האָט אונטערגעקויפט איינעם א פּרנס־חודש קאַדישעוויטש, און דאָס טרויעריקע אויסגעפירט.

זי האָט זיך גענומען אָפּרוימען די מצבות און אויסגראָבן די מתים פון די קברים. די יידן האָבן

זיך צעלייגט אויף די קברים מיט יאָמערן און געוויין — האָט די פּריצטע ארויסגעשיקט אירע היידוקן, וואָס האָבן די יידן פאַרטריבן מיט זייערע נאגייקעס.

דערציילט די לעגענדע אזוי: מען האָט אָנגעהויבן צו אקערן דאָס „פעלד". ווען דער ערשטער אקער־אייזן מיט שפּאַנאַקסן איז צוגעקומען צום קבר פון א פאַרבאָרגענעם צדיק, א שניידער א למד־וואָווניק, זיינען די אָקסן אויפן אָרט געפאלן טויט. אזוי איז געשען מיט די איבעריקע שפּאַנען. אויך די אָנטרייבערס זיינען געבליבן טויט אויפן אָרט.

דער עוכר־ישראל קאַדישעוויטש האָט דער פּריצטע אָן עצה געגעבן: מען זאָל צו ערשט לאָזן גיין מיטן שפּאַן אָן אָנטרייבער, וואָס זאָל זיין א בכור בן בכור פון גאנצע זיבן דורות כסדר. די פּריצטע האָט אויסגעזוכט צווישן אירע לייבאייגענע פויערים אזא זיבן־שטאָפּלדיקן בכור — און דאָס האָט טאַקע געהאָלפן. אזוי ארום האָט מען דורכגעפירט דעם ערשטן אקעריץ.

אין מיטן בית־עולם האָט מען דורכגעשניטן א לאַנגע, ברייטע גאַס, פאַרזעצט מיטביימער פון ביידע זייטן. פון ביידע זייטן אַלייע איז דער בית־עולם געבליבן גאַנץ, מיט אלע מצבות אויפן אָרט. אָבער ווייטער מקבר זיין האָט מען שוין ניט דערלויבט.

די קהילה האָט קאַדישעוויטשן מחרים געווען און פאַרמשפּט אויף „קבורת חמור". ער איז באלד געשטאָרבן פאַר דער צייט און קיין דור נאָך זיך ניט געלאָזן. די לעגענדע דערציילט, אז מען האָט אים באַגראָבן הינטערן פּאַרקאַן פון נייעם בית־עולם, אָבער די ערד האָט אים ארויסגעוואָרפן. אזוי איז ער א צייט געבליבן ליגן אין א גרוב, ניט פאַרשאָטן אפילו.

אין א צייט ארום איז דער פּריצטעס עלטערער זון געשטאָרבן. זי האָט עס אָנגענומען פאַר גאָטס שטראָף און באַשלאָסן אויסצוקויפן אירע זינד דורך אויסבויען א גרויסע שול.

תחילת האָט די קהילה ניט געוואָלט אָננעמען קיין מתנות פון דער גאָטס־לעסטערנדיקער פּירשטין. זי האָט אָבער דאָס איריקע געטאָן. די שול האָט זי אויסגעבויט טאַקע אויפן אלטן הייליקן אָרט, וואו דער אוהל איז געשטאַנען. ביים צעווארפן דעם אוהל זיינען אויך געפאלן עטלעכע קרבנות.

שפּעטער האָט זיך די קהילה איבערגעבעטן און דער פּריצטע מוחל געווען. מען האָט אפילו אלע שבת געמאכט א „מי שברך" פאַר דער פּירשטין מיט איר פאַמיליע.

דער „מי שברך", געשריבן אויף פּאַרמעט, איז נאָך געבליבן גאַנץ ביזן יאָר 1901. דערנאָך איז ער פאַרפאַלן געוואָרן ביי איינעם פון די גבאים.

וועגן דער פּריצטעס טויט דערציילט מען ווידער אָ מופת: זי איז געפאָרן שפּאַצירן איבערן ברעג בוג אין א פאַרמאַכטער קאַרעטע. באַגלייט האָבן זי פיר היידוקן, די אייגענע, וואָס האָבן אָ מאָל רואינירט דאָס הייליקע אָרט. די היידוקן האָבן זיך געוואונדערט, וואָס מען פאָרט שוין אזוי לאַנג און די פּריצטע שווייגט אלץ, הייסט ניט פאַרקערעווען זיך צוריק. עפענען זיי די קאַרעטע און דערזען, אז זי איז ליידיק. די פּריצטע איז פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי זי זאָל געוועזן ארויספליען גלייך אין הימל אריין.

די היידוקן האָבן זיך דערשראָקן, די פערד האָבן אויסגעטראָגן, אריינגעפאָרן גלייך אין בוג אריין, און אלע זיינען דערטרונקען געוואָרן..

בעתן פּוילישן אויפשטאַנד אין 1863 האָבן 9000 פּאָליאַקן זיך באַפעסטיקט אין פּריצישן פּאַלאַץ, וואָס איז געשטאַנען אויף א הויכן באַרג, ארומגערינגלט מיט געמויערטע ווענט, ווי אָן עכטע פעסטונג. דאָס רוסישע מיליטער האָט מיט א שטאַרקער ארטילעריע באָמבאַדירט דעם שלאָס און אים אין גאַנצן חרוב געמאכט.

דאָס גאַנצע שטעטל איז דעמאָלט כמעט חרוב געוואָרן, נאָר די שול איז גאַנץ געבליבן.

נאָך אָן אינטערעסאַנטער פּרט: סעמיאַטיטשער יידן זיינען פון דער באָמבאַרדירונג אויפן שטעטל רואינירט געוואָרן. אָבער האָבן דאָך געדאַרפט אויף אייגענע הוצאות אויסבויען א קאַפּעלע אין אָנדענק פון דעם זיג פונעם „רוסישן געווער".

(פון „יעווריעיסקאַיא סטאַרינאַ", 1911).

ר׳ צבי הירש פון סעמיאטיטש

א וויכטיקע היסטאָריש־אינטערעסאַנטע פיגור איז געווען דער בעל־מקובל ר׳ צבי הירש פון סעמיאטיטש, וועלכער האָט געלעבט אין די צייטן פון ווילנער גאון.

ר׳ צבי הירש איז געווען פארעכנט פאר איי־נעם פון די חשובסטע גאון׳ס תלמידים. דער גאון ר׳ אליהו האָט מיט אים געלערנט תורה שבנגלה און תורה שבנסתר, און אים פארטרויט סודות, וועלכע ער האָט ניט מגלה געווען צו קיינעם פון זיינע תלמידים. ר׳ צבי הירש האָט זיך מתעסק געווען מיט נסתרות און איז אליין געווען א גרויסער סוד. אן אַכט מאָנאַטן פון יאָר פלעגט ער נעלם ווערן אין סודות׳דיקע שליחות׳ן דורכן גאון, אין פארשיידענע לענדער, אויך אין ארץ־ישראל. ווי שטאַרק דער ווילנער גאון האָט פון אים געהאלטן, קען דינען דער פאָלגענדער פאַקט:

איינמאָל נאָך זיין צוריקקומען פון א לאַנגער נסיעה, האָט ר׳ צבי הערש מיטגעבראכט א טאָר־בעצ׳קע מיט ערד. דעם גאון׳ס תלמידים האָבן גלייך פארשטאַנען, אז ער איז געווען אין ארץ־הקדושה. זייענדיק נייגעריק צו וויסן חדשות פון ארץ־ישראל אין דער עיקר צי מ׳קען שוין עולה זיין, און זייענדיק איבערצייגט, אז פון ר׳ צבי הערש׳ן וועט מען קיין איין וואָרט ניט ארויסבאקומען, האָבן זיי דעלעגירט ר׳ ישראל שקלאָווער׳ן, אז ער זאָל ארויסגעפונען ביים רבי׳ן אליין.

„רבי, — האָט ר׳ ישראל זיך געווענדעט צום גאון, — מיר שיינט, אז ר׳ צבי הערש איז גע־קומען פון ארץ הקדושה. אפשר האָט ער גע־בראכט א בשורה טובה ? און אויב אפילו ער וועט דאָס האַלטן בסוד, איז דאָך דאָס גופא, וואָס ער איז פון דאָרטן געקומען בשלום, שוין א בולט׳ע ראיה, אז אין הייליקן לאנד איז שוין רואיק און דעם מענטשענס לעבן איז שוין דאָרט מער ניט הפקר״.

דער גאון האָט אויסגעהערט דעם שקלאָווער און אים געענטפערט:

„מ׳קען ניט ברענגען קיין ראייה פון ר׳ צבי הערש סעמיאטיטשער. ער געהערט ניט צו דער ערדישער וועלט. ר׳ צבי הערש איז פון דעם עולם הפליאה, טאָ ווי קען א מענטשענס האַנט דערגרייכן צו טאָן אים שלעכטס ? א קשיא אויפן סעמיאטיטשער, ער איז מסתמא אויך דעם ים אריבערגעגאנגען צופיס״...

(לויט „הייליקע ירושה״ פון פסח מארקוס, ניו־יורק, „טאג״, 18 מערץ 1953).

דוד קמחי

עפּיזאָדן אין ערשטער וועלט־מלחמה

אין דער צייט פון ערשטן וועלטקריג און גלייך נאָך דעם האָבן יידן אין סעמיאַטיטש דורכגעמאַכט די אַלע צרות, וואָס איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון אַלע יידן אין מזרח־אייראָפּע אין יענער תקופה.

כאָטש ס'איז גאָרניט קיין פאַרגלייך צווישן די ווילהעלמישע סאָלדאַטן און די היטלעריסטישע חיילות, פונדעסטוועגן איז די דייטשישע אָקופּאַציע געפאַלן זייער שווער אויפן קאָפּ פון די סעמיאַטיטשער יידן. אמת, אַ טייל שטעטלשע תושבים האָבן זיך געוואוסט ווי צוצופּאַסן צו דער ניי־געשאַפענער לאַגע און ס'איז זיי געלונגען צו מאַכן אַ גוט לעבן, אָבער די צרות און גזירות האָבן דאָך געלייגט זייער סטעמפּל אויף דער מערהייט יידן פון סעמיאַטיטש.

באַזונדערס האָט מען געליטן פון די דייטשישע כאַפּענישן אויף צוואַנגסאַרבעט. מען פלעגט די געכאַפּטע אויסנוצן ניט נאָר פאַר אַרבעטן אין שטאָט גופא אָדער אַרום איר, נאָר מען פלעגט זיי אָפּט אַוועקשיקן צענדליקער קילאָמעטער פון שטאָט, ווי: קיין גאַינעווקע, ביאַלאָוועזשער וועלדער און אַנדערע, אויך אין געפערלעכע ערטער, וואָס האָבן זיך געפונען נאָנט צו די פראָנט־ליניעס. דאַריבער פלעגן די יידן נוצן אלע מעגלעכע מיטלען, כדי זיך אַרויסצודרייען פון דער דייטשישער צוואַנגסאַרבעט. ס'איז אויך געווען א סך פרואוון פון סעמיאַטיטשער יידן צו אנטלויפן פון דער אַרבעט, וואָס טייל פון זיי האָבן זיך געענדיקט מיט דערשיסן די אַנטלאָפענע.

געווען אויך צרות פון פּראָוואָקאַציעס און בילבולים. איין בילבול — און דאָס נאָך אונטער די רוסן — איז געווען אויפן לערער יהודה קאָהוט. אין יאָר 1915 זיינען געפאַלן עטלעכע שאָסן פון א פענצטער אין סעמיאַטיטש. ס'איז ניט געווען באַקאַנט צי אַ רוס איז געטראָפן געוואָרן פון די קוילן, צי מען האָט טאַקע באמת געשאָסן — אָבער דער רוסישער קאָמענדאַנט האָט געהייסן אַרעסטירן דעם לערער יהודה קאָהוט ווי אַ פאַרדעכטיקן אין יענער שיסעריי. מען האָט קאָהוטן ארויסגעפירט אויף אַ בערגל הינטערן שטאָט צום שיסן, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט מען אים באַפרייט.

פאַרן פאַרלאָזן סעמיאַטיטש האָט דער רוסישער גענעראַל געגעבן אַ באַפעל צו פאַרברענען די שטאָט. די סאָלדאַטן האָבן גענומען באַשפּריצן די הייזער מיט בענזין. די גאַסן זיינען געווען אָפּגעטויט, ווייל שיסנדיקע קוילן זיינען געפלויגן פון אַלע זייטן. ווי נאָר די ידיעה האָט דערגרייכט צום הרב קוסעליעוויטש ז"ל, האָט ער מפקיר געווען זיין לעבן. ער איז געלאָפן כמעט דורכן גאַנצן שטעטל ביז בעלקעסעס הויז — דאָרט איז געשטאַנען דער גענעראַל־שטאַב. — מיט גרויס מסירת־נפש האָט ער זיך דערשלאָגן צום גענעראַל. דער רב האָט געמוזט פאַלן צום גענעראַלס פיס. פּשוט געוויינט פאַר אים ווי אַ קינד, איידער ס'איז אים געלונגען אָפּצושרייען די שרעקלעכע גזירה.

דער ביישפּיל פון הרב קוסעליעוויטש ז"ל, וואָס האָט ריזיקירט מיט זיין לעבן לטובת הכלל, און די ווייטערדיקע פאַקטן וואָס וועלן דערמאָנט ווערן, איז אַ באַשטעטיקונג פאַר אונדזער גייסטיקער ירושה, פאַרן פאַרזעצונג פון יידיש טראַדיציאָנעלער מסירת־נפשדיקע אָפּפער־אַקטן, פון פאַמיליע־טרייהייט און ליכטיקע דערשיינונגען פון מאַן און פרוי איבערגעגעבנהייט.

די פיינע און איידעלע פרוי חיה מאָנטשער איז דערשאָסן געוואָרן דורך רוסישע רויבער־סאָלדאַטן, בעת זי האָט מיט איר קערפּער באַשיצט איר מאַן ראובן מאָנטשער און דערמיט אים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

פּונקט דאָס זעלבע — אָבער מיט דערפאָלג — האָט געטאָן העניע טיקאָצקי, ווען די פּוילישע

אַרמיי האָט פֿאַרנומען סעמיאַטיטש. דורך אַ פּראָוואָקאַציע, איז יעקב טיקאָצקי אַרויסגעפֿירט געוואָרן אינמיטן מאַרק צום דערשיסן. זיין פֿרוי העניע האָט אים פֿאַרשטעלט מיט איר קערפּער, שרייענדיק: „פֿריער וועט איר מוזן מיך דערשיסן!" און נאָר אַ דאַנק איר מסירת נפֿשדיקן געראַנגל מיט די סאָלדאַטן, איז יעקב טיקאָצקי געבליבן לעבן.

די רוסישע סאָלדאַטן, פּונקט ווי די דייטשישע, האָבן ראַבירט יידיש האָב־און־גוטס. סיי פֿון די קראָמען און סיי פֿון די הייזער.

איידער די רוסישע אַרמיי האָט אָפּגעטראָטן, האָבן די סאָלדאַטן אויפֿגעבראָכן די טירן פֿון די יידישע קראָמען און אויסראַבירט די סחורות. אַ סאָלדאַט, וואָס האָט גראָד ראַבירט אונדזער קראָם, איז דורך די דייטשן געכאַפּט געוואָרן מיט די סחורה. די דייטשן האָבן דעם סאָלדאַט פֿאַרמשפּט צום שיסן, פֿאַר ראַבירן. אָבער די סחורה צוריק, האָבן מיר קיין מאָל ניט באַקומען...

אין דער צייט פֿון דער דייטשישער אָקופּאַציע איז משה פֿאַכטער באַשטימט געוואָרן דורך די דייטשן פֿאַרן בירגערמייסטער פֿון שטאָט. ער איז געווען אַ געלערנטער מענטש, אָבער זייער אַ שטרענגער. ער האָט געפֿאָדערט פֿון די שטעטלשע איינוואוינערס אַרונטערצונעמען פֿאַר אים דאָס היטל.

משה פֿאַכטער האָט געהאַט הינטער זיך אַ רעכט שטורמיש לעבן. אונטערן צאַרישן רעזשים האָט ער זיך באַטייליקט אין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. די פּאָליציי האָט אים שטאַרק געזוכט, דעריבער איז ער אין 1905 אַנטלאָפֿן קיין ארץ־ישראל. דאָרטן איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פֿון „השומר", וואו ער איז געווען אַקטיוו. אין אַ צוזאַמענשטויס האָט ער דערהרגעט אַן אַראַבער, וואָס האָט אים געצוואונגען צו אַנטלויפֿן פֿון ארץ־ישראל און ער איז צוריק געקומען קיין סעמיאַטיטש.

ווען די פּאָליאַקן האָבן איבערגענומען די מאַכט אין סעמיאַטיטש, נאָכן צוריקציִען זיך פֿון די באָלשעוויקעס, האָבן זיי אַרעסטירט משה פֿאַכטער. מען האָט אים אָפּגעשיקט קיין וואַרשע, וואו ער איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין תּפֿיסה. ס'האָבן צירקולירט קלאַנגען, אַז דאָרטן איז ער דערשאָסן געוואָרן.

בילבולים און פּראָוואָקאַציעס זיינען געווען אויך אין דער צייט פֿון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. איין מאָל האָבן די באָלשעוויקעס צונויפֿגענומען אייניקע הונדערט תּושבים פֿון סעמיאַטיטש צולים דעם, וואָס אַן אַרטיקער פּאָליאַק, מיטן נאָמען באַגאַשעווסקי, האָט געשאָסן אויף אַ באָלשעוויק. די אַרעסטירטע זיינען שפּעטער באַפֿרייט געוואָרן. אָבער די שטאָט האָט געליטן פֿון שריפֿות, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן דעמאָלט אונטערגעצינדן אַ ריי הייזער.

אברהם מאזור

דער גירוש פֿון סעמיאַטיטשער יידן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

דאָס איז געווען אין יאָר 1916 אָדער 1917, איך געדענק שוין ניט די גענויע דאַטע. די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן פּלוצלינג אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז די סעמיאַטיטשער יידישע קהילה דאַרף אַרויסשיקן אַרום 70 משפּחות אין די אַרומיקע דערפֿער. מען האָט זיך אויך באַלד דערוואוסט די סיבה פֿון דער גזירה. די רוסישע באַפֿעלקערונג איז אַנטלאָפֿן אין טיף רוסלאַנד און אַזוי ווי די דייטשן האָבן געדאַרפֿט האָבן אַרבעטערס צו באַאַרבעטן די פֿעלדער און אויסצוהאַקן די וועלדער, האָבן זיי באַשלאָסן אויסצונוצן די יידן צו דעם צוועק.

איך בין נאָך דאַן געווען אַ קליין יינגעלע, אָבער דאָך איז ביי מיר יענער גירוש געבליבן איינגעקריצט טיף אין זכרון.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז צווישן די צענדליקער אַרויסגעטריבענע יידישע משפּחות האָט זיך אויך געפֿונען אונדזער פֿאַמיליע. מען האָט

אונדז פאַטריבן אין דאָרף מאַשציאַנע, וואָס האָט זיך געפונען צווישן סעמיאַטיטש און מילייציק.

ס׳איז שווער איצט צו שילדערן די יסורים, וואָס מיר האָבן אַלע דאַן דורכגעמאַכט. די מוטער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן און האָט בשום אופן ניט געוואָלט פאַרלאָזן איר טייערע היים. ס׳האָט אונדז געווייטיקט דאָס האַרץ איבערצולאָזן אויף הפקר האָב און גוטס און גיין זיך וואַלגערן אין די פויערישע כאַטקעס.

ס׳האָבן אָבער ניט געהאָלפן קיין תחנונים. די דייטשן האָבן שנעל געבראַכט וועגענער און אויף זיי ארופגעלייגט אַ ביסל מטלטלים און באַלד האָבן מיר זיך אַלע געלאָזן אין וועג אַריין. פון ביידע זייטן זיינען געריטן אויף פערד דייטשע סאָלדאַטן און שטרענג אויפגעפּאַסט, אז מיר זאָלן ניט אַנטלויפן.

יעדע משפחה האָט זיך באַזעצט אין אַ פּוערישער יידיקער כאַטקע — און שוין אויף מאָרגן אין דער פרי האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, אַ לעבן פון שווערער אַרבעט אין וואַלד און אין פעלד.

די דייטשע זשאַנדאַרמען האָבן אונדז איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ פאַרוואַלטער און אונדז דערביי שטרענג געוואָרנט, אז מיר זאָלן אויספירן אַלע זיינע באַפעלן. אנדערש וועט אונדזער לאַגע זיין זייער שלעכט.

אַזוי ווי מען האָט אונדז ניט געגעבן קיין פערד צו אַקערן, האָבן מיר געמוזט גראָבן דעם באָדן מיט די לאָפּאַטעס און פאַרזייען קאַרטאָפל. יעדע משפחה האָט באַקומען אַ באַשטימטן שטח און האָט אים געמוזט באַאַרבעטן. אלע האָבן געאַרבעט שווער, אָבער אין קורצן האָבן די קאַרטאָפּל אָנגעהויבן וואַקסן.

א גאָר אנדער כאַראַקטער האָט געטראָגן די אַרבעט אין וואַלד. דאָרט האָבן מיר געדאַרפט מאַכן לעכער אין דיביימער און אין זיי אַריינזעצן אַזעלכע בלעכלעך און דערביי שאַפן גריבעלעך. אין דער קאָרע פון בוים האָט מען געמאַכט טיפע שניטן, ביז זיי זיינען דערגאַנגען צו דער הויט פון בוים. די סמאָלע פלעגט דאַן אַריינרינען אין די גריבעלעך און מיר פלעגן גיין יעדן טאָג מיט גרויסע עמערס און דאָס צונויפזאַמלען.

ביי דער אַרבעט האָבן אויך געמוזט מיטהעלפן די פרויען. די סמאָלע פלעגט מען אָפּגעבן אין אַ מין ביוראָ און דערביי באַקומען אַ קליינעם געהאַלט.

יעדע משפחה האָט אויך באַקומען צוגעטיילט אַ ביסל ברויט מיט קאַרטאָפל, אָבער דאָס איז ווייט ניט געווען גענוג צו זיין שטענדיק זאַט, און גאַנץ אָפט האָט מען געמוזט גוט צוהונגערן.

אַזוי ווי די כאַטקעס זיינען געווען זייער אָפּגעלאָזן, האָבן זיך שנעל פאַרשפּרייט קראַנקהייטן צווישן די פאַרטריבענע יידן. בעיקר האָבן מיר געליטן פון דיזענטעריע און טיפוס און דערביי אויך באַצאָלט מיט עטלעכע קרבנות, צווישן זיי אויך מיין ברודער.

ביסלעכווייז זיינען אונדז געקומען צו הילף דווקא די יידיקע פעלדער. מיר פלעגן גיין צונויפקלייבן שטשאַוו און די מוטער האָט געהאָט וואָס צו קאָכן. אין די וועלדער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן יאַגאָדעס און שוואָמען און אין די פאַרלאָזענע גערטנער האָבן מיר געפונען גוטע פּרוכט. א סך יידן האָבן אויך אָנגעהויבן צו האַנדלען, מען פלעגט אַראָפּנעמען פון די עמערס א ביסל סמאָלע און אַוועקפאָרן אין שטאָט און דאָס אויסבייטן אויף זייף, צוקער, טיי און אנדערע אַרטיקלען.

דאָס לעבן האָט מיט דער צייט אָנגעהויבן ווערן אַ ביסל לייכטער און דער הונגער קלענער. אויך די עפּידעמיעס זיינען ביסלעכווייז פאַרשוואונדן. פאַר די פאַרטריבענע יידן האָבן זיך דאַן באַוויזן נייע זאָרגן און זיי האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן „תכלית” פון די קינדער אויפן דאָרף. כל זמן דער הונגער און די קראַנקהייטן האָבן געבושעוועט, האָט מען ניט געהאַט קיין צייט און קיין געדולד וועגן דעם צו טראַכטן. איצט, ווען דאָס לעבן איז לייכטער געוואָרן, איז געוואָרן אַקטועל די פראַגע, וואָס צו טאָן מיט די קינדער. אין א קורצער צייט אַרום האָט מען געבראַכט א מלמד און געעפנט א „חדר”.

אין א קליינער דאָרפישער הייזקע, וואָס איז געשטאַנען ליידיק, האָט מען אַוועקגעשטעלט א טיש מיט א פּאָר בענקלעך און דער מלמד האָט אָנגעהויבן לערנען יידישע קינדער תורה. איך בין דאַן געווען איינער פון זיינע תלמידים.

דעם מלמד איז אָבער ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. די נאַטור אַרום איז געווען צו שיין, די פעלדער אַרום און אַרום זיינען געווען באַדעקט

מיט גרינס, אלע טייכן — פול מיט פיש און אין וואַלד האָבן געזונגען פייגעלעך. די יידישע דאָרפסקינדער האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו זיצן מיטן מלמד אין חדר און געוואָלט הנאה האָבן פון דער נאַטור. גאַנץ אָפט פלעגט מען טאַקע אַנטלויפן פון חדר און אַוועקגיין צום טייכל אָדער פאַרשווינדן צווישן די פעלדער. אמת, דער מלמד האָט מיט מוט מלחמה געהאַלטן מיט דער נאַטור, אָבער ניט זייער אָפט פלעגט ער אָפּ־האַלטן א נצחון.

אין יענע צייטן האָט מען אויך געשאַפן אין דאָרף א מנין, וואו מען פלעגט דאַווענען שבת און יום־טוב. מען האָט געבראַכט פון שטאָט א ספר־תורה אוןביים פעטער ר' חיים גרשון שמש אין שטוב האָט מען איינגעאָרדנט דעם ערשטן מנין.

ס'האָט זיך שוין אויסגעדוכט, אז דאָס לעבן גייט ווערן נאָרמאַל און הייבט אָן באַקומען עפּעס א יידישן טעם. אויך צום גירוש האָט מען זיך צוגעוואוינט. די יוגנט האָט געפונען מיטלען, ווי אזוי זיך צו פאַרווײַלן און פאַרברענגען די צייט. דער עלטערער דור האָט געטאָן אַלץ, כדי אויך אויפן דאָרף צו קענען פירן א יידיש לעבן. אָבער אין איין שיינעם פרימאָרגן איז פלוצלינג צע־שטערט געוואָרן די אידיליע. אין דאָרף האָט זיך פאַרשפרייט אַ שרעקלעכע ידיעה, אז „סעמיא־טישט ברענט". ס'איז געוואָרן א יללה, א גע־



ערשטער מאי־דעמאָנסטראַציע

וויין מען האָט תיכף אַוועקגעשיקט שליחים זען, וואָס ס'האָט פּאַסירט און פאַר נאַכט האָט מען זיך דערוואוסט דעם גאַנצן אמת. איבער 300 הייזער זיינען אין סעמיאַטיטש אַוועק מיט פייער און רויך און צווישן זיי האָט זיך געפונען אויך אונ־דזער שטוב.

א טרויער האָט באַהערשט אונדזער קליין דערפל. באַזונדערס האָט דאָס אומגליק שווער געטראָפן אונדזער פאַמיליע. דאָס גאַנצע פאַר־מעגן, וואָס מיר האָבן דאָרט איבערגעלאָזן, איז פאַרברענט געוואָרן. מיר זיינען געבליבן אָן א היים און פון דאַן אָן געוואוסט, אז מיר וועלן מוזן בלייבן אויף שטענדיק אין פאַרוואָרפענעם דאָרף.

א ביסל שפעטער איז אויך באַקאַנט געוואָרן די סיבה פון דער שריפה. א ייד האָט געקאָכט סמאָ־לע און פון די פונקען האָט זיך אָנגעכאַפּט דער שולהויף און פון דאָרט האָט זיך די שריפה פאַר־שפרייט ווייטער.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער און מיר האָבן זיך געמוזט צואיילן ארויסצונעמען די קאַרטאָפל פון די פעלדער. אין יענעם יאָר האָבן די דייטשן געבראַכט אויפן דאָרף א סך קריגס־געפאַנגענע צו ארבעטן פאַר די דייטשן און מיר האָבן געמוזט העלפן ארויסנעמען די קאַרטאָפל. מיר האָבן אויסגעגראָבן טיפע גריבער און דאָרטן אריינגעלייגט די צונויפגעקליבענע קאַרטאָפל.

כמעט יעדע משפחה האָט געהאַט א שליטן און מען איז געפאָרן אין וואַלד זיך אָנהאַקן האָלץ און זיך צוגרייטן צום קאַלטן ווינטער.

דער גאַנצער ארום איז טאַקע אין גיכן באַ־דעקט געוואָרן מיט א געדיכטן, טיפן שניי. די ארבעט אין וואַלד און אין פעלד האָט זיך אָפּ־געשטעלט. די יידישע מגורשים האָבן געהאַט צייט זיך צו פאַרטראַכטן איבער זייער גורל און קוקן אין דער צוקונפט מיט אָפענע אויגן.

אונדזער משפחה האָט ניט געהאַט קיין אילו־זיעס. מיר האָבן געוואוסט, אז אויך ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר זיך ניט צוריק־קערן אין דער אלטער היים — ס'האָט דאָך אַלץ אָפּגעברענט...

קולטור און לעבן

אריה שפּיאלטער

דאס רעליגיעזע לעבן

די אלטע שול

שטאָלץ ווי א פעסטונג איז געשטאַנען די שול. איין ווינקל פאַרקאָפּטשעט פון דער גרויסער שריפה, וואָס האָט אראָפּגעווישט די גאנצע „שול-הויף-געגנט", לאָזנדיק בערגלעך אָפּגעברענטע גרוז און חורבות. זי, די הייליקע פעסטונג, איז ארויס פון די פלאַמען גאַנץ.

איינזאם איז זי געשטאַנען אויף די גרענעצן פון אלטן בית הקברות, ווי א באַשיצערין פון די אלע נשמות אויף אייביקער רו. און באָבעס האָבן דערציילט זייערע אייניקלעך די געשיכטע פון דער שול, לעגענדעס פון דער „פּריצטע", וואָס אירע אָקסן זיינען געפאַלן ביים אקערן דעם וועג דורכן בית-הקברות, בכדי צו בויען דעם שאָסיי צווישן פּאַלאַץ און ראַטוש. אלע יידן האָבן זי געראָטן תשובה צו טאָן און בעטן סליחה ביי די באַליידיקטע מתים, בכדי אויסצומיידן א גרויסע שטראָף פון גאָט. די פּריצטע האָט דאָן, נאָך א סך מיסטעריעזע אומגליקן, באַשלאָסן צו בויען פאַר די יידן א שול — גרויס, הויך, שיין, מיט זייער אַן אָריגינעלן ארון-קודש.

קליינע חדר-יינגעלעך פלעגן איינער דעם צווייטן דערציילן, ווי אין מיטן דער נאַכט ווערט פּלוצלינג ליכטיק אין שול און די מתים קומען זיך צונויף לייענען די תורה. און טאָמער טרעפט א מאָל א פאַרשפּעטיקטער דורכגייער דורך דער שול, ווערט ער איינגעלאַדן מיט א ברייטן „יעמוד", און מען איז אים מכבד מיט אן עליה, און אז אַך און ווי וועט זיין צו איינעם, וואָס וועט זיך, חלילה, אָפּזאָגן...

זייט די שול איז געבויט געוואָרן, אין יאָר 1755 ביז אונדזערע יאָרן, האָט דאָס שטעטל דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. די גאַנצע אומגעגנט איז אייניקע מאָל אָפּגעברענט געוואָרן, אָבער די שול איז געבליבן שטיין. צוויי לאַנגע רייען טרעפּ אין פראָנט האָבן געפירט צום עזרת נשים. אינעם ברייטן אריינגאנג האָבן אייניקע ברייטע טרעפּלעך אראָפּגעפירט אין היכל אריין, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט פאַרשיידענע מאָלערייען פון תנ"ך-בילדער. אין מזרח איז א האלבע וואַנט אין מיטן געווען פאַרדעקט מיט א גרויסן ארון קודש, געמאַכט פון פאַרשיידענע האָלץ-שניצערייען, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מוזיק-אינסטרומענטן, לייבן, הערשן און פרוכטן פון חומש. דער גאנצער ארון-קודש איז אין גאָלדפאַרב און פאַר אים — א פאַרפּוצטער עמוד פאַרן שליח-צבור. אין מיטן דער שול איז געשטאַנען א גרויסער בעלעמער, וואו באַבל דער שמש פלעגט ארומנעמען מיט טליתים די צענדליקער „כל הנערים".

כמעט א גאנץ יאָר איז די שול געווען געשלאָסן. ווינטער איז אוממעגלעך געווען אזא בנין צו באַהייצן. אָפן איז זי געווען נאָר אין ימים-טובים, ימים נוראים און, להבדיל, ביי פּאָליטישע פייערונגען.

ימים-נוראים איז די שול געווען פול געפּאַקט מיט מתפללים. הונדערטער וואַקסענע ליכט פאַר „הזכרת נשמות" האָבן פאַרפולט די פענצטער, טישן און ספּעציעלע זאַמדקעסטלעך. עלטערע יידן מיט זין און אייניקלעך, איינגעוויקלט אין טליתים, האָבן זיך געשטעלט צום יום-הדין. די דרשה פון רב, פאַר „כל נדרי", פלעגט דערוועקן געפילן פון „התעוררות" אין די הערצער פון קהל און א גרויס געוויין אין „עזרת נשים". דער חזן, ר' שיע, א נידעריקער יידל מיט א גרויסער ווייסער באָרד, אונטער דער באַגלייטונג פון די משוררים, האָט געמאַכט די תפילות נאָך האַרציקער און רירנדיקער.

בתי-מדרשים

נישט ווייט פון דער שול, אויף דער דראָגיטשינער גאַס, איז געשטאַנען דער לאַנג-יאָריקער



ר' אברהם לייב ראדזינסקי,
גבאי פון „חיי אדם" בית־מדרש

בית המדרש „חיי אדם", א מאסיווע געביידע מיט א יחוסדיקער פארגאנגענהייט, וואו ס'האָט אויך געדאווענט דער הרב דמתא. די הויפט־גבאים זיינען דאָרטן געווען אין מיין צייט: ר' יצחק באַש, זלמן מאנדלבוים און ראדזינסקי (דער פאָטער פון מיכאל). לויט דער געשיכטע, איז דער „חיי אדם" איבערגעבויט געוואָרן נאָך א גרויסער שריפה, און לויט דעם היתר פון רב איז אויך געבויט געוואָרן די עזרת־נשים. אין „המליץ" פון 1884 לייענען מיר פארשיידענע קאָרעספּאָנדענציעס פון סעמיאטיטש, וואָס שילדערן, ווי פארשיידענע שטאָטישע געשעענישן שפּילן זיך אָפּ צווישן די מתפללים אין „חיי אדם". דאָס באַווייזט, אז דאַן האָט דער בית־המדרש קאָנצענטרירט די בעסערע בעלי־בתים אין שטאָט.

נאָכן „חיי אדם" איז זייער פּאָפּולער געווען דער אלטער בית־המדרש. אין 1884, בעת דער דער גרויסער שריפה, איז אויך דער בית־המדרש אָפּגעברענט געוואָרן, אָבער איז באלד איבערגעבויט געוואָרן פון דאָס ניי, פיל שטארקער, מיט דיקע טאָפּלטע ווענט און שיינע איינריכטונגען פון אינעווייניק. די גבאים אין אונדזער צייט זיינען געווען: פייוול ראדזינסקי און מרדכי קאפּילושניק. אין אלטן בית־המדרש האָבן זיך מערסטן טייל קאָנצענטרירט די ציוניסטיש־געשטימטע בעלי־בתים, מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע און יוגנט. אין דעם בית־המדרש איז געווען דער בארימטער מענדעלע דער שמש.

איינער פון די בעסער געהאלטענע בתי־מדרשים איז געווען דער נייער בית־המדרש אויף דער וועסאָלע־גאס. דאָ זיינען געווען זייער טעטיק די גבאים בייניש יאָבלאָן, אליה מאַזור און ניסל נאָוויק. די הויפט בעלי־תפילות זיינען געווען: בייניש יאָבלאָן און משה מאַזור. זאָל אויך דערמאָנט ווערן דער שמש שודל, וועלכער פלעגט שטענדיק ארומקאָמאַנדעווען מיט די קינדער, וואָס האָבן אים געשטערט, און ער האָט שטענדיק געדראָט מיט יאַנקל קאנאך, וועלכער פלעגט מוראדיק שלאָגן דעם יעניקן, אויף וועמען שודל האָט אָנגעוויזן ווי א „שייגעץ".

אַן אינטים בית־המדרשל איז געווען הינטערן בריק, שטענדיק פול מיט מתפללים פון יענער גרויסער אומגעגנט. די גבאים זיינען געווען: ר' שכנא און מרדכי קאָטלאר.

א חסידים־שטיבל איז געווען אויף יאַטקאָווסקע גאס, וואו די חסידים פלעגן זיך צונויפקומען פרייטאָג צו נאכטס און שבת, דאווענען אויף זייער שטייגער, זינגען די חסידישע ניגונים, מאכן א כוסה און כאַפּן א טענצל.

באזונדערע מנינים זיינען געווען ביים גביר און פאבריקאַנט הערשל בעלקעס, ביי ר' מאיר אביגדורען, ביי מאס דעם שניידער, ביי זאַנענפעלדן און ביי פ. ל. וואַלאכן.

יעדן טאָג, צווישן מנחה און מעריב, פלעגן זיך די בתי־מדרשים אָנפילן מיט מתפללים און יוגנט, וועלכע פלעגן נאָכן טאָג ארבעט קומען דאווענען, הערן א „יידיש וואָרט", אָדער סתם נייעס. אין די שעהן זיינען אין אלע בתי־מדרשים געווען פארשיידענע חברות, וואָס פלעגן לערנען אַ דף גמרא, משניות, עין יעקב, ש"ס. אין „חיי אדם" פלעגט אליה יאקירס און ר' זלמן מאנדלבוים לערנען א בלאַט גמרא, אין אלטן בית־המדרש — ר' יואלקע לעוו, אין נייעם — בערל ריבאָווסקי און שמאי יודל יאָבלאָן. כדאי צו דערמאָנען די חברה „תפארת בחורים" אין נייעם בית־המדרש, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך הרבֿ שמידמאַן, שמאי יודלס איידעם, און וואָס

איז געווען פּאָפּולער און האָט צוגעצויגן א גרויסן עולם פון בעלי־מלאכות און יוגנט.

די בתי־מדרשים זיינען געווען דער בית־היוצר פון ידישקייט און דער קוואַל פון כוח און לעבן אינעם שטעטל.

די תלמוד־תורה

הינטער דער שול, נישט ווייט פון דיין ר׳ מאיר וועלוועלס הייזל, איז געשטאַנען די גרויסע גע־ביידע פון תלמוד־תורה, א כמעט צוויי־שטאָקי־קער בנין מיט הויכע פענצטערס, ארומגערינגלט פון איין זייט מיט א געדיכטן פּלויט און א גרויסן טויער. די תלמוד־תורה איז געווען בעיקר אין די הענט פון דעם אפּטייקער הערש כאַמסקי. צווישן אירע טיכטיקע פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער זיינען געווען די בעלי־בתים זעליג באַש, זלמן מאַנדלבוים, זאַבלודאָווסקי און אנדערע.

אין תלמוד־תורה האָט מען אין דער ערשטער ריי געלערנט יידישע לימודים: עברי, חומש, רש״י, גמרא. מען האָט אָבער אויך געלערנט חשבון, געאָגראַפיע, יידישע געשיכטע און עב־רית. א געוויסע צייט איז דאָרטן געווען לערער דער ציוניסטישער עסקן משה פונדיק. די תלמוד־תורה האָט געהאַט 5־6 צימערן און דורכשניטלעך זיינען געווען 4־5 קלאַסן מיט אן ערך 150 תלמידים.

חדרים

העכער א טוץ חדרים, מיט סטאַזש און א גוטן נאָמען, זיינען געווען אין שטאָט. דער גרעסטער טייל מלמדים זיינען געווען גמרא־מלמדים, פרו־מע יידן, בעלי־תורה און בעלי־יכולת צו לער־נען. פון זיי טייל וועלטלעכע, ווי מיכל סקורה און י״ה טאַש, וואָס זייערע חדרים האָבן אויס־געזען ווי קליינע שולן. ביי די מער־באַוואוסטע גמרא־מלמדים ווי משה מאיר גוטמאַן, דעסל און אנדערע, האָבן די בעסערע „תורה־קעפּ״ זיך מכין געווען צו לערנען אין ישיבה.

קיין סטאַבילע ישיבה איז אין שטאָט נישט גע־ווען, נאָר אין צייט פון קריג האָט זיך אויפגע־האַלטן אין סעמיאַטיטש די נאָוואַרדאָקער ישיבה מיט א הונדערט תלמידים, און די שטאָט האָט זיי אויסגעהאַלטן בכבוד. זייערע פייערלעכע שמחות ביי פאַרשיידענע ימים טובים האָבן צוגעצויגן א גרויסן עולם און האָבן פאַרשטאַרקט דעם כבוד התורה.

די רבנים

אין אן אנדער פּלאַץ ווערט דערציילט וועגן די רבנים אין סעמיאַטיטש. זיי זיינען שטענדיק גע־ווען די גייסטיקע פירערס פון דער שטאָט. גע־זאָרגט פאַר אלע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, בתי־מדרשים, מקוה, חברה קדישא, תלמוד־תורה וכדומה. די רבנים זיינען געווען די גרעסטע אוי־טאָריטעטן און געניאָסן פון צוטרוי אפילו מצד דער קריסטלעכער מאַכט, ווי פון דער קריסטלע־כער באַפעלקערונג אין אלגעמיין. די רבנים האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס אהבת־ישראל און רדיפת־שלום, און דער קהל פלעגט זיי ארומ־רינגלען מיט כבוד און ליבע און טרינקען מיט דורשט זייערע דרשות און שעורים. דאָס וואָרט פון די רבנים איז געווען הייליק ביים קהל.

אין שטאָט פלעגן אויך קומען פאַרשיידענע מגידים, משולחים און שליחים פון ארץ־ישראל, וועלכע פלעגן „נעמען״ דעם קהל מיט זייערע דרשות; זיי האָבן שטענדיק געפונען א וואַרעם יידיש האַרץ און גרייטקייט צו העלפן און שטיצן ברידער־יידן.

שבת יום־טובדיק

די שטעטלשע יידישקייט האָט זיך צום בעסטן אַנגעזען אין שבתים און ימים־טובים. די בתי־מדרשים, מנינים און שטיבלעך פול מיט מת־פללים. דער שבת איז כמעט פול געווען אין שטעטל, וואו דער גרעסטער טייל באַפעלקערונג זיינען געווען יידן.

מער ווי תמיד האָט זיך געפילט די יידישקייט אין ימים־נוראים, ווען די לופט אין שטעטל איז געווען פול מיט פחד פארן יום־הדין, ווען „אַ פיש אין וואַסער האָט געציטערט״. אלע בתי־תפילה זיינען געווען אויפגעפרישט און צוגעגרייט אויפ־צונעמען די מתפללים. אין די פרימאָרגנס האָבן זיך געטראָגן די קלאַנגען פון שופר. צו „כל נדרי״ איז דאָס גאנצע שטעטל פאַרוואנדלט אין איין מאַסע מתפללים אינעם גרויסן „יום נורא ואיום״.

אנדערש האָט די שטאָט אויסגעזען אין שמחת תורה. דאַן האָט מען פון שולן, בתי־מדרשים און מנינים געהערט אנדערע תפילות, געזאַנג און

פרייד. דאָ און דאָרט האָט מען געטרונקען „לחיים", אזוי ווי שמחת־תורה „מעג מען".

ספּעציעלע פריילעכע ימים־טובים זיינען געווען פורים, מיט דער גרויסער טראַדיציאָנעלער פורים־סעודה און די פורים־שפּילערס. סוכות און פסח, ספּעציעל אין די חול־המועדן, זיינען געווען טעג פון „געסט" און קעגנזייטיקע באַזוכן, ווען די אָמניבוסן האָבן אַראָפּגעלאָזט אין מארק נייע פּנימער פון די ארומיקע שטעטלעך, „ווייסע גענדז".

דער גרעסטער יום־טוב איז געווען פסח. דאַן האָט ר' ישראל אליך געכשרט, געמאָלן, געוואשן, געטוישט די בגדים, ספּעציעל פאר קינדערלעך. געבאַקן מצות אין „שיוואלניעס". מבער חמץ געווען, און נאָכן דאווענען זיך געזעצט ווי בני־מלכים אָפּריכטן דעם סדר.

שמואל פּיעקער

זכרונות פון רעוואלוציאָנערע יארן

איך געדענק, ווי מיין טאַטע פלעגט מיר מיטנעמען יעדן שבת אויף די ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען אין סעמיאַטיטש. די רעדנערס זענען ס'רוב געווען: פּרץ, ר' תנחום און משה פונדיק. מען פלעגט פאָרלייענען געוויסע שטעלן פון תנ"ך מיט קאָמענטאַרן, דיסקוסירן און רעדן וועגן ארץ־ישראל. דאָס זענען געווען די ערשטע ציוניסטישע אקטיוויטעטן אין אונדזער שטאָט. א צייט שפּעטער איז פונדיק געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

מיין פאָטער האָט געהאט א סטאָלערייפאַבריקל מיט צוויי־דריי ארבעטערס. איין מאָל האָב איך אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן די ארבעטערס, אז שבת וועט פאָרקומען אַ פאַרזאמלונג אויפן „סמיק". אויס נייגעריקייט בין איך געגאַנגען אַהין. ס'זיינען דאָרטן געווען אַ צוואַנציק מענטשן. די רעדנערין איז געווען מאיר קאַזשעלס טאָכטער. זי האָט גערעדט מיט היץ און פּאַטאָס. דאָס איז געווען די גרינדונגס־פאַרזאמלונג פון „בונד".

דעם ערשטן מאַי איז א גרופּע יידישע ארבעטערס אַוועק אין וואלד פייערן דעם יום־טוב. ס'איז געווען אומלעגאַל. ווי נאָר די פּאָליצייי האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, זיינען פינף בחורים אַרעסטירט געוואָרן. צווישן די אַרעסטירטע זיינען געווען: יאַנקל ארישעס און **סימע באַנדע**. שפּעטער זיינען זיי באפרייט געוואָרן.

די אַקטיוויסטן פון „בונד" זיינען געווען: מאיר קיריטשקעס א זון (א פּעאיקער רעדנער מיט סמיכות אויף רבנות), די ברידער שפּיאַלטער, משה ווייסמאַן און יאַנקל ארישעס. די איבעריקע געדענק איך ניט.

כמעט אין דער זעלביקער צייט, ווען עס האָט זיך אָרגאַניזירט דער „בונד" אין סעמיאַטיטש, איז אויך געשאַפן געוואָרן ביי אונדז א פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. תחילת האָט זי געהאַט א קליינעם דערפאָלג. איר הויפּטטוער איז געווען פאַכטער, שפּעטער פלעגן די פּועלי־ציון אראָפּברענגען גוטע רעדנערס און דורך דעם האָבן זיי צוגעצויגן א גרויסן טייל פון דער יוגנט.

די סעמיאַטיטשער רעוואָלוציאָנערע יידישע יינגלעך און מיידלעך האָבן אין 1905 דורכגעפירט אַן אמתן אויפשטאַנד. אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: ראש־השנה ביי נאַכט, ווען די יוגנט שפּאַצירט אין שטאָטישן פּארק אויף דער הויפּטשער גאַס, איז אָנגעלאָפן פּאָליציי און אַן שום וואָרענונג גענומען שיסן אויפן פרידלעך־שפּאַצירנדיקן עולם. איינער, צאַלקע דעם ציגאַרעטןמאַכערן אַן אייניקל, איז געפאַלן טויט און א צען מענטשן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די פּאַניק איז געווען געוואלדיק גרויס און אלע זיינען זיך צעלאָפן.

אין משך פון דער נאַכט האָט זיך דער ארבעטער־קלאַס אָרגאַניזירט, געשאַפן באַוואָפנטע „באָיואוקעס" און געמאַכט אַן אמתן אויפשטאַנד. גלייך פון פרימאָרגן זיינען די „באָיואוקעס" געווען אויף דער וואך און יעדן פּאָליציאַנט, וואָס

זיי האָבן געכאַפּט, האָט מען אַנטוואָפנט און גוט צעשלאָגן. די איבעריקע פּאָליצײ־לייט זיינען זיך צעלאָפן און די יידישע אויפשטענדלערס האָבן איבערגענומען די אָרדענונג פון שטאָט.

אין די לעצטע טעג פון סוכות זיינען אָנגעקומען צוויי פורן פּאָליציי מיטן ציל צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד און צוריק איינשטעלן אָרדענונג אין שטעטל. די „באַיואווקעס" האַבן זי „אויפגענומען" מיט א שטארקער שיסעריי און נאָך א קורצן פייערדיקן קאַמף פוןביידע צדדים האָט די פּאָליציי געכאַפּט די הענט און די פיס און אַנטלאָפן אַהין פון וואנען זיי זיינען געקומען.

קנאַפּע דריי וואָכן האָט אָנגעהאלטן דער אויפשטאנד. איין טאָג זיינען ארייגעריטן אין שטאָט צוויי ראָטעס דראַגאָנער. דורכגעריטן די שטאָט אָנצוואָרפן א שרעק און אַוועק אין די קאזארמעס אונטערן בריק. נאָך זיי איז אריינגעקומען א גרויסע צאָל פּאָליציי. אמת, די יוגנט האָט באַוויזן גרויסע העלדישע טאַטן, אָבער מער ווי פיר טעג האָבן מיר זיך ניט געקענט האַלטן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פיל אַרעסטן. צוליב דעם ווי אויך צוליב דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן א שטאַרקע עמיגראַציע פון סעמיאטיטשער יוגנטלעכע קיין אמעריקע, צווישן זיי א סך פון די פירערס. די פארבליבענע זיינען געבליבן ווי שעפּסן אָן אַ פּאַסטעך. די אקטיוויטעטן פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין שטאָט זיינען געוואָרן פּאַראַליזירט.

אייניקע יאָר שפּעטער האָט ישעיה צירולניק ווידער גענומען אָרגאַניזירן די יוגנט. ער איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אויף אַכט יאָר קאַטאָרגע. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין 1920 איז ער דערשאָסן געוואָרן אין מאָסקווע פאר זיין אַן אקטיווער אַנאַרכיסט.

אין 1918, זעקס יאָר נאָך מיין פאַרלאָזן סעמיאטיטש, קום איך צוריק אין מיין היימשטאָט. עס איז געווען פונקט ביים צוזאמענבראָך פון דער דייטשישער אַרמיי. דאָס האָט געשאַפן אַזאַ לאַגע, אז די שטאָט איז געבליבן אָן אַ מאַכט, ממילא אויך אָן אָרדענונג־היטערס. עס האָבן צירקולירט קלאַנגען וועגן א מעגלעכן פּאָגראָם. מיר האָבן צוזאמען מיט די ציוניסטן געשאַפן



פון רעכטס צו לינקס: שטייען — הערשל שעחץ, משה לויפער, יצחק קאפלאן, חנה גאלדבערג, — זיצן — פנחס קראחיעץ, אנשל טשאבינאװיטש, איסר ראבינאװיטש

א פראָוויזאָרישן קהילה־ראַט, אָרגאַניזירט אַ זעלבסשוץ, געקויפט געווער און צוגעגרייט אַ פּאַרטיידיקונג. מיר האָבן אויך גלייכצייטיק ספּעציעל פאַרשפּרייט ידיעות, אז מיר באַזיצן קאָלאָסאַלע געווער־זאַפּאַסן און א גרויסע גוט־אָרגאַניזירטע מחנה פון קעמפערס. אַ דאַנק אַט די קלאַנגען זיינען טאַקע ניט פאָרגעקומען קיין אָנפאַלן אויף יידן.

ווען די פּאָליאַקן האָבן איבערגענומען די מאַכט און איינגעשטעלט אַ געוויסע אָרדענונג, האָט מען תחילת באַקומען מער פּאָליטישע פרייהייט. מיר, די בונדיסטן, האָבן דעריבער געגומען באַנייען די איבערגעריסענע ארבעט פון נייעם אָנגעהויבן, אָבער מיט אנדערע מעטאָדן.

מיר האָבן געשאַפן אַ קלוב מיט אַ ביבליאָטעק. די ערשטע ביכער זיינען געזאַמלט געוואָרן אין שטאָט. מיר האָבן אויך באַקומען אַ ביסל געלט פאַר דעם צוועק.

אין קלוב זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן און דיסקוסיעס, מיט אייגענע כחות און טייל מאָל מיט אַראָפּגעבראַכטע רעדנערס. גלייכצייטיק האָבן מיר געגרינדעט אַ יידישע פאָלקסשול, אָבער דאָס אויסהאַלטן די שול איז געווען זייער שווער. מיר פלעגן באַקומען אַ ביסל געלט פון אמעריקאַנער הילף־קאָמיטעט, אָבער ס׳איז דאָך געווען ווייניק.

כדי אויסצוהאַלטן די פאָלקסשול האָבן מיר געשאַפן אַ „דראַמאַטישן קרייז". דער „קרייז" האָט אַריינגעבראַכט געוויסע פינאַנציעלע מיטלען און אויך געהויבן אונדזער פּרעסטיזש. פון די אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פיל טאַלאַנט אין פאַרשיידענע ראָלעס, זיינען געווען: יאַנקל ארישעס, פסחקע און אברהם וואָלקער.

די לערערס אין דער יידישער פאָלקשול זיינען געווען: די צוויי שוועסטערן רובינס, יאַנקל לעווין, יעקב טיקאָצקי און העניע טיקאָצקי.

אברהם מאזור

סעמיאַטיטש — א ציוניסטיש שטעטל

איך אליין האָב פארלאָזן סעמיאַטיטש און עולה געווען אין לאַנד פון אונדזערע אלעמענס חלומות אין יאָר 1933. קיין ספק ניט, אז מיין געבורטסשטאָט האָט מיר געגעבן א וויכטיקע צידה לדרך, א קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן באַגאַזש, וואָס האָט מיך גייסטיק דערנערט צענדליקער יאָרן און ווען איך האָב צו פאַרדאַנקן יעדן פאָרשריט אין מיין לעבן.

אלע וואָס זיינען אין סעמיאַטיטש געבוירן געוואָרן און האָבן זיך דאָרטן דערצויגן, וועלן שטענדיק דערמאָנען איר שיינקייט און גייסטיקע רייכקייט. דאָס איז געווען אַן אמתדיקע יידישע שטאָט, וואו חכמה און טראַדיציע האָבן ממש געשפּרודלט ווי פון א קוואַל. דאָס יידישע לעבן האָט געגעבן דער יוגנט א תוכן און א נשמה, א גייסט און אַן אידעאַל.

אין יעדער גאַס און געסל, אין יעדער הייזעלע האָט געשמעקט מיט יידישקייט. אָט שטייען פאַר מיינע אויגן מאָטל דער אייזן־קרעמער, מענדל דער בעקער, זונדל דער סטאָליער און יהושע דער גלעזער (מיין פאָטער). דאַכט זיך, פאַרשיידענע טיפּן — און דאָך האָט זיי אלעמען פאַראייניקט די יידישע פאַרגאַנגענהייט, דאָס בלאַט גמרא און דער קאַפּיטל תהילים. אלע זיינען זיי געווען אָרנטלעכע און פאָלקסטימלעכע יידן. יעדער פון זיי האָט אפילו געהאַט זיינע זאָרגן און זיינע צרות, האָט געלעבט אין זיין באַזונדער וועלטל, אָבער אלע צוזאמען זיינען זיי געווען אמתדיקע, יידישע פאָלקסמענטשן.

סעמיאַטיטש האָט זיך גערעכנט פאַר א ציוניסטיש שטעטל. די ערשטע ציוניסטישע קעמערלעך האָבן זיך געגרינדעט גלייך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. א גרויסע באַגייסטערונג האָט דאַן באַהערשט די יידישע באַפעלקערונג. ווען מען האָט זיך אין עטלעכע יאָר שפּעטער א ביסל אויסגעניכטערט, האָבן זיך אויף דער יידישער גאַס באַוויזן א סך קעגנערס צום ציוניזם און צו ארץ־ישראל. די יידישע גע־

זעלשאפט איז צעשפּאָלטן געוואָרן צווישן רעכ־טע און לינקע, צווישן יידישיסטן און העברע־איסטן. יעדער צד האָט געקעמפט פאַרעקשנט פאַר זיין תורה און פאַר זיין וועג.

ביסלעכווייז האָט אָבער גובר געווען דער שכל הישר. די יוגנט האָט דערזען, אז ס'איז ניטאָ אויף וואָס צו וואַרטן און מען דאַרף פאַרלאָזן דאָס שטעטל. ס'האָבן זיך דאַן געשאַפן א סך ציוניס־טישע אָרגאַניזיציעס: החלוץ, השומר הצעיר, פועלי־ציון, פרייהייט, דרור, אַלגעמיינע ציו־ניסטן, רעוויזיאָניסטן אאז"וו.

א גרויסער טייל פון דער יוגנט איז געפאָרן אויף הכשרה און שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל, ווער לעגאַל און ווער אומלעגאַל.

איך אליין האָב דאַן געהערט צו דער „פריי־הייט"־ אָרגאַניזאַציע. אויסער מיר איז די ער־שטע פאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון די חברים: יעקב ווייגנערש, הירשל אַקערמאַן, לאַלעק טי־קאָצקי, כאַסיע ראַג און שאַשע לעוו.

אין דער ערשטער צייט האָט די „פרייהייט" געציילט איבער 150 חברים. דער גרעסטער טייל איז געקומען פון די אָרעמע שיכטן, פון אַלע פאַרוואָרפענע געסלעך. אויך די אַנדערע ציוניס־טישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן פּראָגרעסירט און זיך פיין אַנטוויקלט.

א וויכטיקע ראָלע אין ציוניסטישן לעבן האָט געשפּילט די תרבות־שול, וואָס האָט איינגע־פלאַנצט אין די קינדערשע הערצער ליבע צום פאָלק, צו זיין פאַרגאַנגענהייט, צו ארץ־ישראל און בכלל צו דער יידישער קולטור. ביי דער שול האָט אויך עקסיסטירט א פיינע ביבליאָטעק, וואָס האָט געדינט סיי דער יוגנט און סיי די דערוואַק־סענע.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אין סעמיאַטיטש אויך געגרינדעט א ראַיאָן־קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער טעטיקייט פון די ציוניסטי־שע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווי באָצקי, צעכאַנאָוויצע, סאַרנאַק, לאַשיץ, סאָקאָלאָווע א"א.

גאַנץ אָפט איז אונדז אויסגעקומען אריבער־צושווימען דעם בוג און זיך באַטייליגן אין א פאַרזאַמלונג אין א דערבייאיק שטעטל.



תזמורת הנוער הציוני — אָרקעסטער פון דער ציוניסטישער יוגנט

דוד קמחי

די ציוניסטיש־רעוויזיאַניסטישע באַוועגונג

די ציוניסטיש־רעוויזיאַניסטישע באַוועגונג איז געשאַפן געוואָרן אין סעמיאַטיטש אין 1926 און איז גיך געוואָרן אַ שטאַרקער און איינפלוסרייכער כוח אויף דער יידישער גאַס.

אין יענעם יאָר איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין אַלוועלטלעכן „השומר־הצעיר". דוד קמחי און אברהם מאַנדלבוים הי"ד האָבן דאַן פאַרלאָזט דעם „השומר" און זיי זיינען געוועזן די איניציאַטאָרן און גרינדערס פון „בית"ר", וואָס האָט זיך דעמאָלט גערופן „השחר ברית־טרומפּלדור".

תחילת האָבן מיטגעהאָלפן: מאיר פעלכאָוויטש, לייזער וויינגערש, משה בעקער און פסח ליסאָגורסקי. זיי האָבן זיך פאַרשריבן פון די ערשטע חברים. אָבער נאָך די ערשטע שאַרפע אָנגריפן אויפן בית"ר האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן.

די חבלי לידה זיינען געוועזן גאַנץ שווערע: פון איין זייט איז געוועזן דער שטייגנדיקער, גוט־אָרגאַניזירטער „השומר", וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה אין אַלע פּרטים. צום השומר־הצעיר האָבן באַלאַנגט די בעסטע און אינטעלעקטועלסטע יוגנט פון סעמיאַטיטש. פון דער צווייטער זייט איז געוועזן דער קאָנקורירנדיקער כוח פון „החלוץ", וואָס זיינע חברים זיינען געוועזן רעקרוטירט פון „עמך" און אַרבעטער־קלאַס. אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון קן בית"ר זיינען געוועזן צוועלף חברים און חברות. מיט דער צייט איז די צאָל אויסגעוואַקסן ביז אַכציק. פון די אַקטיווע מיטהעלפערס, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער מפקדה, זיינען געוועזן: מאיר זאַבלודאָווסקי, משה ראַדזינסקי, אריה שפּיאַלטער, מענדל וויינשענקער, משה זשאָם, משה שוואַרצבערג, מאיר ביעליצקי, משה באַש און משה מאַנדלבוים. די בית"ר־יוגנט איז געוועזן פאַרשיידנאַרטיק — פון די אָרעמסטע פאָלק־שיכטן ביז גבירישע קינדער, פון אומגעבילדעטע ביז געלערנטע.

סעמיאַטיטשער בית"ר איז געוועזן אָרגאַניזירט ווי אומעטום. בראש זיינען געשטאַנען דער מפקד־הקן, דער סגן־מפקד, אַ מזכיר, מפקדי הגדודים און ראשי קבוצות. די אָרגאַניזאַציע־צעלן זיינען געוועזן קבוצות און שיכטן, יונגע און דערוואַקסענע.

אין ראַמען פון דער קולטור־אַרבעט זיינען פאָרגעקומען לעקציעס וועגן יידישער געשיכטע, תנ"ך, ארץ־ישראל געאָגראַפיע, געשיכטע פון ציוניזם און דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג. מען האָט אויך געלערנט עברית. די דערציאונג איז געווען אין גייסט פון פּאָליטישן ציוניזם, לויטן פּראָגראַם פון זאב זשאַבאָטינסקי ז"ל.

די הויפּט־צילן זיינען געוועזן: חינוך, הכשרה און עליה. דער סימבאָל איז געוועזן יוסף טרומפּעלדאָר, דער פּיאָנער און קעמפער, „חלוץ ולוחם" און „כדאי למות בעד ארצנו". די נאַציאָנאַלע דערציאונג איז געוועזן: אָן באַפּאַרבונגען, אָן „איזמען" און אָן שעטנז.

כדי די בית"ר־רים זאָלן זיין נשמהדיק און פּסיכיש פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, זיינען אין זיי איינגעפלאַנצט געוואָרן זשאַבאָטינסקיס אידייען, וואָס זיינען אַריינגעדרינגען און פאַרכאַפּט די הערצער און מוחות פון דער יוגנט: אומבאַגרענעצטע ליבשאַפט צום פאָלק און לאַנד; גאָט־קעניג איז דאָס יידישע פאָלק; התלהבות פאַר דעם גאולה־געדאַנק; די אידיי פון מלכות ישראל אין אונדזער צייט; מוותר זיין אויפן אייגענעם לעבן אויב די אינטערעסן פון פאָלק פאָדערן עס; אָן בלוט־קרבנות איז ניט פאַראַן קיין גאולה; צוליב דעם זעלבן ציל — אויך געבן דער יוגנט אַ מיליטערישע צוגרייטונג, ענטפערן אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ און ווייזן, אַז יידיש בלוט איז ניט הפקר.

דערפאַר איז קיין וואונדער ניט, וואָס אין דער סעמיאַטיטש־דראָגאָטשינער גרופּע, וועלכע זיינען

אַוועק אין די וועלדער און מיט געווער אין די הענט געקעמפט קעגן די דייטשע מערדער, זיינען געווען פיל בית״רים, ווי: מאַטיע גרינבערג, דוד סאַלאַמאָן, גדליה קאַפּלאַן, חנא קאַפּלאַן, שלמה צימבאַליסט, לאה שוסטער, אייזיק בלושטיין, משה באַש, הערשל פּרינץ, משה סמאָלע, צירעלע סמאָלע, הערשל בלושטיין, שיינעלע בלושטיין, משה פּענצאַק, קלמן גאָלדוואַסער, פּראַדל בלוי־שטיין, ציפּקע גרודע, מאַטעלע בלושטיין, פּיוול רובינשטיין, ישראלקע דראַגיצקי, יואלקע רעזניק, שיינדל זילבערמאַן און שלום וואַסער, וועלכער איז אויך געווען איינער פון די אָנפירערס.

עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס דער בית״רי חנא קאַפּלאַן האָט אין קעגנוואָרט **פון דייטשן** קאָמענדאַנט פיזיש רעאַגירט אויף א פּויליש אַנטיסעמיטישן מוסר און אים פשוט צעממיתט, כאָטש זיין לעבן איז געווען אין געפאַר. עס איז אויך ניט קיין איבערראַשונג, וואָס דער בית״רי חיים אַקאַם הי״ד האָט אין טרעבלינקער טויט־לאַגער אַ שליידער געטאָן זיין מאַנטל אויף דער ערד, צוגעלאָפן צו די דייטשן מיט אַ שטאָלץ גע־הויבענעם קאָפּ און מוטיק און דרייסט זיי גע־שמיסן דעם אמת אין זייערע פּרצופים, מיט די אויסרופן: **„איך וועל פאַר אייך ניט ארבעטן. איר זענט געמיינע נידערטרעכטיקע מערדערס. איר"** — — — חיים אַקאַם האָט ניט פאַרענדיקט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, ווייל אַ דיי־טשע קויל האָט פאַרשניטן זיין יונג לעבן.

דער קן־בית״ר האָט געפירט אַ גרויסע און פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייט. זיך באַטייליקט אין אַלע ציוניסטישע אַקציעס: קרן קיימת, קרן היסוד, שקלים און אין אַלע נאַציאָנאַלע יום־טובים, ווי אויך אין אַרטיקע וואַלן צום מאַגיס־טראַט, קהילה, אַגיטאַציע ביי וואַלן צום סיים און אין אונטערנעמונגען פון לאַנד מאסשטאַב, ווי די פּעטיציע פאַר פרייער עליה.

אין די ראַמען פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פלעגט מען איינאָרדענען: אויספלוגן („ווי־טשעטשקעס"), כינוסים, פירן עפנטלעכע דיסקו־סיעס און אַראָפּברענגען טאַלאַנטפולע רעדנערס. די אויספלוגן פלעגן פאַרקומען ס׳רוב אין די אַרומיקע שטעטלעך: דראָגאָטשין, מילייטשיץ, סאַרנאַק, ברײַנסק און אנדערע. דער ציל איז גע־ווען — באַאיינפלוסן די דאָרטיקע יוגנט פאַר דעם רעיון בית״ר. די „צוזאמענפליען", וואָס זיינען פאָרגעקומען אין סעמיאַטיטש, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַטייליקט בית״רים פון די אַרומיקע שטעט־לעך, האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דער יוגנט. נאָך יעדן כינוס פלעגן צוקומען נייע חברים. אין די דיסקוסיעס מיט אידיאָלאָגישע קעגנערס פלעגט ס׳רוב אברהם מאנדלבוים רע־פּרעזענטירן דעם בית״ר. מאַנדלבוים האָט פאַר־מאָגט אַ גוטע רעדנערקראַפט מיט לאָגישע אַר־גומענטן. טאַלאַנטפולע רעדנערס פאַר עפנטלעכע רעפעראַטן פלעגן מיר אַרויסרופן פון וואַרשע. צווישן זיי: ה. גרינשלאַק, רעדאַקטאָר י. לייזע־ראָוויטש, ד״ר פעלדשו און ד״ר ליפּמאַן.

אין קן־בית״ר איז אויך פאָרגעקומען קעסטל־אָוונטן אין וועלכע ס׳פלעגן זיך באַטייליקן חברים פון אנדערע אָרגאַניזאַציעס. די פראַגן און ענט־פערס זיינען ס׳רוב געווען וועגן אַקטועלע ארץ־ישראל פּראָבלעמען.

דער בית״ר איז געווען די איינציקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין שטעטל, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענעם מנין, (ביי משה מאַטעס פעלדמאַן), וואו מען האָט געדאַוונט שבתים און יום־טובים. ער האָט אויך געהאַט אַן אָרקעסטער, אָנגעפירט דורך יעקב מאַנדלבוים און דוד קמחי.

דער נאַנטסטער הכשרה־פּונקט פאַר סעמיא־טיטש און אומגעגנט איז געווען אין ביעלסק־פּאַדלאַסקי ביי פריידקעסן, אָנגעפירט דורך גבריאלקע און אפרים אַרלאַנסקי, אונטער דער השגחה פון מפקד מחוזי דוד מעלאַמדאָוויטש. דער אלגעמיינער אינסטרוקטאָרן־קורס איז גע־ווען אין זיעלאָנקע, אונטער דער אָנפירונג פון ירמיהו האַלפּערין. דאָרט האָט מען אויך געלערנט פאַרשיידענע מינים ספּאָרט. אַלץ איז געווען אין עברית.

די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט און השפעה פון סעמיאַטיטשער בית״ר איז געווען קענטיק ניט נאָר אין שטאָט גופא, נאָר אויך אויסער דער שטאָט. פיל בית״רישע קנים זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך די סעמיאַטיטשער. דער טשעכאָ־נאָוועצער קן־בית״ר איז געשאַפן געוואָרן דורך די חברים: אברהם מאַנדלבוים, דוד קמחי, מענדל וויינשענקער און מאיר זאַבלודאָווסקי. דער בית״ר אין דראָגאָטשאַן איז געגרינדעט געוואָרן דורך: דוד קמחי און אברהם מאַנדלבוים. דער בית״ר

אין באַטקע — דורך דוד קמחי און מאיר ביעליצקי. אויך אין די קנים פון ברייַנסק און סאַרנאַק האָבן די סעמיאַטיטשער געהאַט א גרויסן חלק. די גרויסע השפעה פון סעמיאַטיטשער בית״ר אין פוילן בכלל איז צו זען פון ווייטערדיקן עפּיזאָד:

אין וואַרשע איז פאַרגעקומען די ערשטע לאַנדקאָנפערענץ פון פוילישן בית״ר, מיט דער באַטייליקונג פון ראש־בית״ר זאב זשאַבאָטינסקי. ס׳האָבן זיך דאַן באַטייליקט כמעט אַ הונדערט דעלעגאַטן. מאַגיסטער ביברינג פון סטאַניסלאַוואָו איז דורך זשאַבאָטינסקין נאָמינירט געוואָרן פאַרן נציב־בית״ר אין פוילן.

אויף דער פאַרקאָנפערענץ האָט מאַגיסטער ביברינג באַליידיקט מענדל ווײַנשענקערן, איינעם פון די סעמיאַטיטשער דעלעגאַטן. ווי אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט האָט די סעמיאַטיטשער דעלעגאַציע געפירט אַן אַקציע קעגן ביברינגס קאַנדידאַטור. ביים סוף פון דער קאָנפערענץ האָט זשאַבאָטינסקי געפירט דעם פאָרזיץ. צוויי מאָל האָט זשאַבאָטינסקי געשטעלט ביברינגס קאַנדידאַטור צו דער אָפּשטימונג און ביידע מאָל איז זי דורכגעפאַלן. זשאַבאָטינסקי איז בלאַס געוואָרן פון גרויס איבערראַשונג און אַן אויפגערעגטער געמאַכט אַזאַ דערקלערונג: **„איך פאַר**שטיי ניט, וואָס ס׳קומט דאָ פאָר. איך וועל מיר דערלויבן צום דריטן מאָל צו שטעלן מאַגיסטער ביברינגס קאַנדידאַטור צו דער אָפּשטימונג. אויב איר זענט קעגן, טאָ גיט מיר אַ בעסערן קאַנדידאַט, אין קעגנפאַל פאַרלאָז איך די קאָנפערענץ און פלי אָפּ צוריק קיין פאריז״. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און געבעטן מאַכן א הפסקה. די מערהייט דעלעגאַטן איז אריין אין א באזונדער צימער אויף אַ באַראַטונג. כדי ארויסצוגיין בכבוד פון דער לאַגע, איז געוואָרן אָנגענומען מיין פאָרשלאָג, אז מיר זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון שטימען. דער עפּילאָג איז געווען, אַז דער ערשטער נציב־בית״ר פאר פוילן, מאַגיסטער ביברינג, איז טאַקע געוואָרן דערוויילט מיט בלויז 36 שטימען, אָבער ווען זשאַבאָטינסקי איז שפּעטער אינפאָרמירט געוואָרן וועגן דעם ענין, האָט ער אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום אריינגעשיקט אהרן פּראַ־



בית״ר כינוס מיט אברהם מאנדעלבוים און דוד קמחי

פעסן פון ריגע ווי דעם נציב־בית״ר. פּראָפּעס איז געווען פּאָפּולער און באַליבט ביי אלע בית״רים אין פוילן.

פון 1926 ביז 1933 זיינען די מפקדי־הקן געווען: אברהם מאַנדלבוים און דוד קמחי. די מזכירים: משה ראַדזינסקי, מענדל וויינשענקער, לייבל שפּיאַלטער, מאיר ביעליצקי און משה מאנדלבוים. גזברים און מורשה „קרן תל־חי״: מאיר זאַבלודאָווסקי, משה באַש און צירל קמחי. פון 1934 זיינען געווען די מפקדים: אליעזר טרעשטשאַנסקי און מילקע מאַנטשער. סגן־מפקד און מזכיר — אשר דאַלינער. גזברית — צירל קמחי.

דער ברית־הצה״ר איז געגרינדעט געוואָרן אין 1929. אין דער באַוועגונג זיינען געווען דערוואַקסענע, וואָס האָבן צוליבן עלטער ניט געקענט זיין חברים פון בית״ר. אין די ראַמען פון ברית־הצה״ר האָט מען געלערנט ציוניזם און רעוויזיאָניזם. זיי זיינען געווען טעטיק ביים פינאַנספאָנד פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג און „קרן תל־חי״, אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט.

אין פאַרשיידענע צייטן זיינען געווען די פאַרזיצערס פון הצה״ר: מענדל קראַמער און יאנקל באַבין.

פונקט ווי ביי יינגערע בית״רים אַזוי אויך ביי די עלטערע פון הצה״ר איז געווען אַ שטאַרקע שטרעבונג פאר עליה. אָבער נאָר אַ קליינע צאָל האָבן דערגרייכט ארץ־ישראל מיט דער אומלעגאַלער עליה. די גרעסטע מערהייט איז קעגן זייער ווילן געבליבן אין סעמיאַטיטש און אומגעקומען אין דער שרעקלעכער פאַרניכטונג צוזאַמען מיט אַלע יידן אין אייראָפּע.

מיכאל ראדזינסקי

דער הכשרה־קיבוץ „שחריה״

דאָס יאָר — 1924. די צייטונגען האָבן אָנגעהויבן ברענגען בעסערע ידיעות פון ארץ־ישראל. דער שווערער ווירטשאַפטלעכער קריזיס איז פאַרביי, ארבעטסלאָזיקייט איז געוואָרן קלענער, די „הסתדרות״ פאָדערט נייע ארבעטסהענט — חלוצים.

און ביי אונדז אין שטעטל אין די יוגנט־קרייזן איז אומרואיק: פון איין זייט הערשט א ווירטשאפטלעכע דעפּרעסיע און פון דער צווייטער זייט — א נאַציאָנאַלע שטימונג און א שטאַרקע שטרעבונג צו ארץ־ישראל.

ווידער א מאָל הייבן אָן שטראָמען נייע חברים אין „החלוץ״. מיר ווייסן ניט, צי מיר קענען און דארפן אלעמען אויפנעמען און וויפיל פון זיי זיינען פּאַסיקע עלעמענטן פאר הכשרה. מיר דיסקוטירן צווישן זיך וועגן דער פראַגע, צי מיר זיינען נאָר א רעזערוואָאַר פון ארבעטסהענט פאר דער „הסתדרות״, אדער מיר זיינען די פּאָנטרעגערס, וואָס גייען בראש פון דער מחנה צו בויען ארץ־ישראל און דורכפירן די גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע וויזיע פון ציוניזם. צי דארפן מיר עולים סתם אָדער חלוצים? אונדזער ענטפער איז געווען: ח ל ו צ י ם! און אָט דער ענטפער האָט אונדז גלייך פארפליכט צו גייסטיקער און פיזישער הכשרה. האָבן מיר געשאפן א הכשרה־פּלאַץ פאר חלוצים, א קיבוץ, בכדי מיר זאָלן לערנען דעם נסיון פונעם ארץ־ישראלדיקן לעבן.

אונדזער „החלוץ״ האָט זיך ספּאָנטאַן פונאַנדערגעוואַקסן. בראש פון סניף זיינען געשטאַנען וויכטיקע עסקנים פון די צעירי־ציון, ווי פנחסאָוויטש, שערעשעווסקי, מנחם פונדיק א.א. אויף די פאַרזאמלונגען און קעסטל־אָוונטן זיינען געפירט געוואָרן פּאָליטישע און אַקטועלע דיסקוסיעס. ניט איין מאָל האָט פּאַסירט, אז ס׳האָבן זיך אריינגעריסן לינקע עלעמענטן, ווי בונדיסטן קאָמוניסטן, און פּרובירט אויפרייסן אונדזערע מיטינגען.

אין דער ערשטער סעמיאַטיטשער הכשרה־גרופּע זיינען געווען 15 חברים. צווישן זיי: מנחם פונדיק, אהרן דוד שושן, דוד נח קיילעס, יוסף יאבלאָן, מיכאל ראדזינסקי א״א.

תחילת איז אונדזערע הכשרה געווען א טייל־ווייזע, אָנגעהויבן ארבעטן עטלעכע טעג אין וואָך אין דער דיקטן־פאַבריק פון די ברידער מאַליניאַק. דאָס פאַרדינטע געלט האָבן מיר גע־זאמלט פאר א צוועק: אויפצושטעלן אן אייגענע פאַרעם, א משק. מאַנאַטן שפּעטער האָבן מיר געדונגען א שטיק פעלד אין דער געגנט פון סלאָבכע און עס פאראקערט און פארזייט. עס איז אונדז אָנגעקומען לייכט, ווייל מיר זיינען אלע געווען ארבעטס־חברה.

אין צווישנצייט האָבן די ציוניסטישע עסקנים אין שטאָט, ווי אויך די יידישע באפעלקערונג, זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אונדז. מיר זיי־נען געוואָרן א פירמע. מען האָט אונדז אָנגע־הויבן מאכן פארשיידענע פאָרשלאָגן וועגן אָפּ־דינגען דעם אָדער יענעם הויף. מיר האָבן באַ־שלאָסן צו נעמען דעם הויף אין קאַיאַנקע מיט זיין גרויסן שטח פעלד, א ברונעם, א שייער און א שטוב. הגם עס איז דאָרט אלץ געווען אָפּגע־לאָזן, האָט עס אונדז דאָך אימפּאָנירט, ווייל מיר האָבן דאָרטן געפונען גוטע און סימפּאַטישע שכנים גויים, וועלכע האָבן אונדז צוגעזאָגט מיט־צוהעלפן מיט עצות און מיט אויסבאָרגן שפּייז און מכשירים צו דער ארבעט.

18 חברים זיינען מיר ארויס קיין קאַיאַנקע, 14 בחורים און 4 בחורות. צו ערשט האָבן מיר איינגעאָרדנט א צייטווייליקן פּרימיטיוון פּלאַץ צו שלאָפן און א קיך און זיך גענומען אָפּרייניקן דעם ברונעם, די שטוב, איינאָרדנען די ווירט־שאפט, די „תקנות" און דעם פּלאַן פון קולטור־ארבעט. מיר האָבן באשלאָסן צו רופן אונדזער פּלאַץ „שחריה" און זיך גענומען פול מיט גלויבן צו דער „עבודה". אין אָנהייב זיינען אנטשטאַנען פארשיידענע פּראָבלעמען וועגן קיבוצישן לעבן, ספּעציעל וועגן אומגלייכקייט. חברים זיינען גע־ווען נאָענט פון דער היים און מיטגעבראכט פּרי־וואַטע „פּעקלעך". אָבער די אלע פּראָבלעמען זיי־נען צו נישט געוואָרן קעגן דער גרויסער התלה־בות און דעם אידעאַליזם, וואָס האָבן אונדז אלע־מען באהערשט.



נאָך דער גרויסער באַגייסטערונג זיינען געקו־מען גרויע ארבעטסטעג מיט ניט־פאַרויסגעזעענע שוועריקייטן. אונדזערע מיטלען זיינען געווען שטאַרק באַגרענעצט; עס האָט געפעלט שפּייז און אפילו ברויט, אָבער אונדזערע גוטע עלטערן האָבן שטענדיק ארויסגעהאָלפן. א פאַקט גע־דענקט זיך: מיין פאָטער ז״ל איז א מאָל דורכ־געפאָרן קאַיאַנקע און געבראַכט פאַר אלעמען שאָקאָלאַד. מיר זיינען געווען שטאַרק איבער־ראַשט און ניט געוואוסט ווי אזוי צו רעאַגירן, ווייל אין דעם מאָמענט האָבן מיר פשוט ניט גע־האַט קיין ברויט צום עסן.

איין מאָל האָט אונדז א שכן, א גוטהאַרציקער גוי, געשאָנקען א מתנה: א קעלבל אויף פליייש. חברים האָבן דאָס גלייך געפירט אין שטאָט שעכטן. מיר האָבן דאַן געגעסן אלע טאָג פליייש.

אָבער — ניט יעדער טאָג איז פורים. מער קיין קעלבלעך האָט מען ניט געזען פאַר די אויגן; פון אונדזערע הכנסות האָט מען אפילו ניט גע־קענט חלומען וועגן דעם.

דער משק האָט זיך איינגעשאַפט א קליין קאַש־טאַניען פערדל מיט א וועגעלע. דער טאָג, ווען מיר האָבן מיטן אייגענעם פערדל ארויסגעפירט דעם גאַנצן אינווענטאַר אונדזערן פון לאָקאַל קיין קאַיאַנקע, איז געוואָרן א גרויסער יום־טוב און א חלוצישע דעמאָנסטראַציע. עס זיינען גע־ווען פאַרזאַמלט א סך חברים און באַגלייטערס און אלע זיינען נאָכגעגאַנגען צו פוס און גע־זונגען חלוצישע לידער.

ניט אזוי לייכט איז געווען אויפצושטעלן „שחריה". דער ברונעם איז געווען פאַרלאָזן, די פעלדער פאַרוויסט, דער שייער און די שטוב — חרוב. מיר האָבן א לענגערע צייט געאַרבעט שווער, בכדי צו דערברענגען אלץ אויף א וועג. די שטעטישע געסט, און ספּעציעל די יוגנטלעכע, פלעגן גאַנץ אָפט צוהעלפן צו ביסלעך. מיר האָבן אלע געפילט, אז מיר בויען א בשותפותדיקע זאַך, ניט נאָר פאַר אונדז אליין, נאָר פאַר הונ־דערטער אנדערע, וועלכע וועלן קומען נאָך אונדז.

כדי אויסצוהאַלטן ביז אונדזערע פעלדער וועלן געבן תבואה, זיינען מיר געווען געצוואונגען צו זוכן הכנסה פון פאַרשיידענע צייטווייליקע אַר־בעטן אין דער אומגעגנט. מיר האָבן געפונען שווערע ארבעט אויף דער סעמיאַטיטשער באַנ־סטאַנציע. דאָס האָט ארויסגערופן א ווידער־שטאַנד מצד די אָרטיקע פויערים און שכנים. עס האָט געדראָט א שטרייק פון זיי און אפשר אפילו אן אָנפאַל. א ייד, וועלכער איז לאַנגע יאָרן גע־ווען פאַדריאַטשיק אויף דער באַנסטאַנציע און איז געווען אויסגעקאָכט מיט אלעמען, האָט אינ־טערווענירט און די גאַנצע זאַך איז פאַרריבן גע־וואָרן. דאָס איז געווען פאַר אונדז א נצחון.

ווען ס'האָט זיך געענדיקט די ארבעט אויף דער באַנסטאַנציע, האָבן מיר געפונען ארבעט אין דאָמבראָווער טאַרטאַק. 6 חברים און איין חברה — פאַר דער ווירטשאַפט — זיינען ארויס אַהין. אין דאָמבראָווע זיינען געווען באַשעפטיקט אויך אנדערע ארבעטערס פון דער אומגעגנט און פון מעלניק און זיי האָבן, צוליב פאַרשיידענע טע־מים, ניט געוואָלט קיין חלוצים. מיר, ווידער, האָבן די פּלאַצוואָוקע ניט געטאָרט אויפגעבן, און עס איז געקומען צו פאַרשיידענע קאָנפליקטן. איין מאָל האָבן יענע באַשלאָסן אוועקצוגיין פון דער ארבעט, גלייבנדיק, אז אָן זיי וועט זיך די ארבעט אָפּשטעלן. אָבער דער איידעם פון טאַר־טאַק־אייגנטימער האָט זיך אָנגענומען פאַר אונדז. ער איז אליין געווען א פאַכמאַן און געלאָזן אלץ אין גאַנג, געבנדיק אונדז אינסטרוקציעס און אָנ־ווייזונגען, ווי אזוי די ארבעט אויסצופירן. דאָס איז געווען אונדזער צווייטער נצחון.

אין האַרבסט האָט מען אַראָפּגענומען די תבואה פון די פעלדער; אונדזער שייער איז געווען באַ־לייגט מיט קאָרן און מיט גערשטן פון אונדזער פּראַצע. באַלד איז אויך געווען אייגענע קאַר־טאָפל, אוגערקעס, טאָמאַטעס — און די שמחה איז געווען גרויס. אָבער ווי נאָר דער שייער האָט זיך אָנגעפילט, איז ער גיך ליידיק געוואָרן. מען האָט אויספאַרקויפט צו דעקן די חובות. דאַן האָט זיך אויך ניט געמאַכט קיין נייע ארבעט און ס'האָט זיך געשעטעלט א שווערער ווינטער.

ווען די חובות אונדזערע זיינען ווידער גע־וואַקסן, איז געשיקט געוואָרן דער חבר מנחם פונדיק קיין וואַרשע אין מרכז „החלוץ" וועגן „סובסידיעס", אָבער אין מרכז „החלוץ" איז אויך ניט געווען קיין געלט און פונדיק איז צוריקגע־קומען מיט ליידיקע „הבטחות".

אין מאָמענטן פון גרויסע שוועריקייטן, זאָרגן און אפילו הונגער, האָט מען זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג פון א שיינעם ארץ־ישראלדיקן מאָרגן, און נאָך גרעסער און שטאַרקער איז גע־וואָרן די בענקעניש און ליבשאַפט צום לאַנד פון אונדזערע טרוימען. א פארשטאַרקטן גלויבן און מוט האָבן מיר אויך געפונען אין דער בשות־פותדיקער צוזאַמענאַרבעט פון אלע חברים.

צו אונדזער פרייד זיינען כמעט אלע חברים פון „שחריה" עולה געווען. אויב אייניקע האָט דער גורל פאַרטראָגן ערגעץ־וואו אנדערש, איז זייער וועג אויך באַגלייט מיטן בשותפותדיקן נסיון און מיט דער אידייע און דעם געזאַנג פון „שחריה".

דוד קמחי (ניו־יאָרק)

דער „דראַמאַטישער קרייז"

אין סעמיאַטיטש זיינען די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען פאָרגעקומען ארום 12־1910. דאָן האָבן אָנגעהויבן צו גאַסטראָלירן אין אונדזער שטעטל פארשיידענע אַקטיאָרן, יחידים אָדער אַנסאַמבלען, כאָטש זיי זיינען ניט געווען קיין ערשט־ראַנגיקע אָדער פּאָפּולערע אַקטיאָרן, דאָך האָבן זיי געהאַט דערפאָלג ביי אונדז.

קיין טעאַטער־זאַל איז ניט געווען. פלעגט מען דינגען א גרויס צימער, ס'רוב דודטשע דעם שענ־קערס „פּיוויאַרניע". פון פאַרנט זיינען געוואָרן אויסגעשטעלט שטולן. פאר די הינטערשטע רייען האָט מען אויסגעלעגט ברעטער אויף קעסטלעך. אויך די סצענע איז נאַטירלעך געווען פּראָוויזאָ־ריש פארסטריגעט. ארויפגעשטעלט א פּאָר ווענט־לעך — א שטייגער ווי מען מאַכט א סוכה — און מען האָט דערלאַנגט די „סחורה". אלץ איז געווען פרימיטיוו און כאַאָטיש: די סצענע האָט געסקריפּעט, די ברעטער האָבן „געוויינט" און די אַקטיאָרן האָבן אונטערגעפּאַנפּעט — ס'איז געווען אָן אמתע סימפּאָנישע דיסהאַרמאָניע... מערסטן טייל זיינען דאָס געווען רעווי־פּראָגראַ־מען דורכגעפלאָכטן מיט סאַטירע, הומאָר, גע־זאַנג און־וויץ. טייל מאָל אויך ביליקע מעלאָ־דראַמקען, וואו מ'האָט געגאָסן לעבלעך וואַסער. איז דער עפעקט, נאַטירלעך, ניט געווען קיין שטאַרקער.

די ערשטע פאָרשטעלונגען מיט אייגענע כוחות זיינען פאָרגעקומען אין 1917, אונטער דער רע־זשי פון טשעכאָנאָוועצער לערער לעווין, אין דער העברעאיש־יידישער שול אין פּיעקערס הויז אויף דייטשישער גאַס. כאָטש אלץ איז געווען נעבעכדיק, רוי, מיט א שוואַכן צוזאַמענשטעל, זיינען דאָס אָבער געווען די פאַרזייטע קערנדלעך פאר שפּעטערדיקער טעאַטראַלער טעטיקייט אין סעמיאַטיטש.

אין 19־1918 איז געשאַפן געוואָרן דער ער־שטער דראַמאַטישער קרייז ביי דער ציוניסטי־שער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פּרחי־ציון" אונטער דער רעזשי פון פסח זאַנענפעלד. די ערשטע פאָרשטעלונגען זיינען געווען „בר־כוכבא", „שבת־קודש" און אנדערע. אמת, עס האָט נאָך אויסגעזען גענוג אָרעם און בלאַס, אָבער עס האָבן זיך שוין געוויזן סימנים פון אָ מעגלעכן וואוקס.

דער טעאַטער־זאַל איז דעמאָלט שוין געווען אין משה מלאך'ס ציגעלניע. אין דעם „זאַל" האָבן געקענט אריין א צוויי הונדערט מענטשן. פאר א פאָרשטעלונג האָבן די אַקטיאָרן צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס ברעטער צו סלופּקעס, אין אזא פאָרעם, אז די ערשטע רייען זיינען געווען זייער נידעריק און וואָס ווייטער צום הינטער־גרונט זיינען די „בענק" געווען העכער און הע־כער. פונדעסטוועגן איז פארן עולם אויף די לעצ־טע „בענק" דאָך געווען שווערלעך צו זען אלע האַנדלונגען אויף דער סצענע. זיינען דאָך יידן חכמים, גיט מען זיך א עצה. איז מען געשטאַנען אויף די „בענק". האָט טאַקי אָפּט מאָל געטראָפן, אז אין מיטן דער פאָרשטעלונג — ט־ר־אַ־ך...

נאָך דער פאַרשטעלונג זיינען די „בענק" צע־נומען געוואָרן און די ציגעלניע איז צוריק גע־בליבן — ציגעלניע...

אַ דאַנק דעם טעאַטער־זאַל זיינען שוין גע־קומען ביי אונדז גאַסטראָלירן מער פּאָפּולערע אַרטיסטן מיט בעסערע רעפּערטואַרן.

אין 1919־20 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צווייטער דראַמאַטישער קרייז ביי דער יידישער פאָלקשול, וואָס איז געווען אונטערן איינפלוס פון „בונד". דער צוועק איז געווען פינאַנציעל צו העלפן דער עקזיסטענץ פון דער שול. אָבער סיי די פאָלקשול און סיי דער דראַמאַטישער קרייז האָבן עקזיסטירט אַ קורצע צייט, אַ צוויי יאָר בערך.

אַ ביסל שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן דער אומפּאַרטייאישער דראַמאַטישער קרייז. כאָטש עס האָט געהייסן „אומפּאַרטייאיש", דאָך איז פאַר קיינעם ניט געווען קיין סוד, אַז דער דראַמאַטישער קרייז געפינט זיך אונטערן ציוניסטישן איינפלוס. פּשוט, ווייל אַכציק פּראָצענט מיטגלידער זיינען געווען ציוניסטן אָדער ציוניסטיש געשטימט.

דער רעזשיסאָר איז געווען יעקב טיקאָצקי, אַ באַגאַבטע אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייט, אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער און וואָרטזאָגער אויף פיל געביטן. ער איז געווען דער אינספּיראַטאָר און רוח־החיים פון קרייז. אויסער רעזשיסאָר איז ער אויך געווען: דער אינסצעניזאַטאָר, דעקאָראַטאָר, גרימירער און אַרכיטעקטאָר פון אַלץ און אַלעמען.

אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן זיינען פאַרוואונדן פיל נעגאַטיווע אַספּעקטן. דער דראַמאַטישער קרייז האָט באַקומען הויט, בלוט און פלייש.

אַ וודאי איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן בינע און לעבן. ס'איז דער חילוק צווישן אילוזיע און ווירקלעכקייט. אָבער אויב רעזשי האָט פאַר זיך די אויפגאַבע צו מאַכן דעם צוקוקער גלייבן דאָס אומגלייביקע און אים מיטרייסן מיטן טעמפּאָ פון דער אַקציע, איז די דאָזיקע אויפגאַבע גאַנץ אָפּט דורכגעפירט געוואָרן דורך יעקב טיקאָצקי מיט גרויס הצלחה.

דער פּרעסטיזש פון קרייז איז שטאַרק געשטיגן. מען האָט די שפּילערס אויפגענומען מיט וואַרעמקייט און האַרציקע פריינדלעכקייט פאַרן און נאָכן שפּילן. די ענטוזיאַסטישע אַפּלאָדיסמענטן האָבן שטאַרק דערמוטיקט די ווייטערדיקע טעאַטער־אַרבעט.

דער דראַמאַטישער קרייז האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין סעמיאַטיטשער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אַ סטאַבילער טעאַטער־זאַל הינטערן בריק אין איינע פון די דאָרטיקע דריי גרויסע „קאַזאַרמעס", וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. אויף אונדזער פאַרלאַנג האָט דער מאַגיסטראַט איינגעאָרדנט אַ טעאַטער־זאַל מיט אַ סצענע, באַקוועמע הינטער־קוליסן, אַ סופליאָרקע, אַ פּלאַץ פאַר דעקאָראַציעס וכדומה.

מיר האָבן געשפּילט ערנסטע און קלאַסישע פּיעסעס, שטענדיק מיט גרויס דערפאָלג. תחילת איז דער עולם באַשטאַנען פון בלויז אַ יונגערן עלעמענט. מיט דער צייט זיינען געקומען באַזוכערס פון פאַרשיידענעם עלטער.

מיר האָבן פאַרמאָגט טאַלאַנטירטע טעאַטראַלע כוחות. דער דראַמאַטישער קרייז האָט געקראָגן אַ נאָמען אין דער גאַנצער סביבה. מיר זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אויף פאַרשטעלונגען אין די אַרומיקע שטעטלעך דראָגאַטשין, באָטקע, מילייטשיץ און אַנדערע.

געוויינלעך, האָט קיינער פון די „לוביטעלס" ניט באַקומען קיין באַלוינונג. דער פּראָפיט איז געגאַנגען פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן, מערסטן טייל פאַר דער ביבליאָטעק, ווי אויך פאַר דער קראַנקן־קאַסע, גמילות־חסד א"א. מיר פלעגן נאָר אַראָפּנעמען אַ ביסל געלט אויף צו באַרייכערן די דעקאָראַציעס, פאַר פּיעסעס און גרים.

אין פאַרשיידענע צייטן זיינען דורכן דראַמאַטישן קרייז אויסגעפירט געוואָרן די ווייטערדיקע פּיעסעס: שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער", ש. אַנסקיס „דער דיבוק", גאָגאָלס „דער רעוויזאָר", י. א. זינגערס „יאָשע קאַלב", טאָמאַשעווסקיס „פּינטעלע ייד", לייוויקס „גולם", שלום אַשס „מאָטקע גנב", אברהם גאָלדפאַדענס „די צוויי קוני לעמעלס", שלום עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט", אברהם גאָלדפאַדענס „די כישוף־מאַכערין", יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", לעאָניד אַנדרעיעווס „זיבן געהאַנגענע".

ווי אויך „ברידער לוריע", „מירעלע אפרת", „די שחיטה", „די רומענישע חתונה", „דער יידישער קעניג ליר", „צו שפעט", „דער קארגער", „יאָש־קע מוזיקאַנט" און נאָך אנדערע.

דער בית"רישער אַנסאַמבל האָט אויסגעפירט: „ציפקע פייער", רעזשיסירט דורך יהודה גרינ־הויז, א באַגאַבטער אַרטיסט פון ביאַליסטאָקער און וואַרשעווער טעאַטער, און „בר כוכבא", רע־זשיסירט דורך פסח זאַנענפעלד.

אזוי ווי סעמיאַטיטש האָט געקראָגן אַ גוטן נאָ־מען אין די ארטיסטישע קרייזן, פלעגן קומען צו אונדז אויף גאסטראָלן אַזעלכע פּאָפּולערע אַק־טיאָרן ווי יאָנאָס טורקאָוו, דיאַנא בלומענפעלד, מאַקס באָזשיק, דינה האלפערין, י. קיפּניס, זמרה זעליגפעלד, וועלוועלע גאָדיק, י. גרינהויז, באר־טשינסקי און פיל אנדערע.

זאָלן דאָ פאַרצייכנט ווערן די נעמען פון די אלע סעמיאַטיטשער יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אין פאַרשיידענע צייטן אוועקגעגעבן צייט, ענער־גיע און געזונט, כדי צו שאַפן גוטע און קולטורע־לע פאַרשטעלונגען פאַר אונדזער פאַרשניטענער קהילה: מלכה פרץ — הי"ד; עניע טיקאַצקי — הי"ד; חיה צוקערמאַן — (?); פייגעלע שוס־טער — פאַראייניקטע שטאַטן; סאָניע פּלאָטני־קאָוו — מדינת ישראל; הודל גרוסקין — הי"ד; מאַשע קאַפּלאַן — הי"ד; מלכה טעניעוויצקי — הי"ד; קייליס (די לערערין) — ארגענטינע (?); גרינטשע ליפּלעווסקי — הי"ד; מאַניע מענע־בוים — (?); שמוקלער — הי"ד; גיטל קאַפּ־לאַן — הי"ד; רייזל וואולקער — ע"ה; יעקב טיקאַצקי — הי"ד; אברהם וואולקער — הי"ד; פסח זאַנענפעלד — הי"ד; יצחק גרינבערג — ארגענטינע; יהושע קמחי — פאר. שטאַטן; מענדעלע סאַפּירשטיין — אַרגענטינע; פסחקע (דער שניידער) — אַרגענטינע; אלתר פּאַר־בער — ע"ה; יאַנקל אורשעס (אלטעס) — סי־ביר (?); יאַנקל אורשעס (דער בלעכער) — הי"ד; מנחם פונדיק — ע"ה; חאַנטשיק קוסע־לעוויטש — פאר. שטאַטן; — י. קאַליעץ — פאר. שטאַטן; יצחק קאַפּלאַן — מדינת ישראל; אברהם באַש — הי"ד; שלמה רובינס — הי"ד; מנחם וויינשיינקער (גפני) — מדינת ישראל; יעקב מאנדעלבוים (שקדי) — מדינת ישראל; לאַליעק טיקאַצקי — מדינת ישראל; נטע פּי־רער — פאר. שטאַטן; שעפסל באַמבע — הי"ד; אברהם גאַרבער — הי"ד; פישל זינגער (סופ־ליאַר) — הי"ד; דוד קמחי — פאר. שטאַטן.



א באנקעט נאך א טעאטער־פאָרשטעלונג

איך בין ניט זיכער, נאַטירלעך, אז נאָך אזוי פיל יאָרן האָב איך ניט פארגעסן א ריי נעמען.

איך וואָלט דאָ געוואָלט זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן א טייל פון אונדזערע שפּילער.

יעקב טיקאַצקי איז געווען אַן אמתער בינע־קינסטלער. ער פלעגט דורכפירן א ראָלע מיט אמתער קולטור. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ קלאָ־רע דיקציע. דערצו האָט ער באַזיצט די פּאַטענ־ציעלע אייגנשאַפט און היפּנאָטישע קראַפט פון מיטרייסן מיט זיך דעם עולם.

אינטערעסאַנט איז דער ווייטערדיקער פאַקט:

יאָנאס טורקאָוו מיט זיין אַנסאַמבל איז געקו־מען שטעלן א פּיעסע און איינער פון זיינע הויפּט־ראָליסטן איז קראַנק געוואָרן. אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט טורקאָוו געבעטן טיקאַצקין אָפּרופן די פאַרשטעלונג. טיקאַצקי האָט אים גע־ענטפערט, אז היות אלץ איז שוין צוגעגרייט, די בילעטן אויספאַרקויפט, דאַרף מען ניט אָפּלעגן די פאַרשטעלונג — און ער האָט זיך אליין אָנ־געבאָטן צו שפּילן די ראָלע.

טורקאָוו האָט אָנגעקוקט טיקאַצקין שטאַרק איבערראַשט און מיט באַגייסטערונג אויסגע־שריען — „אויב אזוי? א שאָד די צייט. לאָמיר זיך שוין נעמען צו דער ארבעט. איך וועל מאַכן מיט אייך איינציקע רעפּעטיציעס און איינרעזשי־סירן די ראָלע".

אויף דעם האָט טיקאַצקי געענטפערט: „מיין באַדינג איז, אז רעזשיסירן וועל איך מיך אליין און שפּילן לויט מיין אייגענעם געשמאַק".

באין ברירה האָט טורקאָוו איינגעשטימט.

איך געדענק נאָך גענוי, ווען טיקאַצקי האָט געשלאָסן דעם ערשטן אַקט און אַראָפּ פון דער סצענע הינטער די קוליסן, ווי טורקאָוו האָט אים ענטוזיאַסטיש געדריקט די הענט, געקלאַפּט אין פּלייצע און אויסגערופן: „אויסגעצייכנט! אויס־געצייכנט! בעסער קען ניט זיין. איך האָב זיך פון אייך עפּעס געלערנט. אָבער פאר וואָס זיצט איר דאָ? קומט צו מיר קיין וואַרשע."

מלכה פּרץ, די „פּרימאַדאָנע", איז שטענדיק געווען די הויפּט־אַטראַקציע. זי איז געווען אַן עכטע אַקטריסע. האָט פאַרמאָגט אַ געבוירענעם טאַלאַנט פון ארויסברענגען פּלאַסטיש די ניואַנסן פון איר נשמה און די מאָטיוון פון אירע האַנד־לונגען, אין די סצענישע קרעאַציעס. זי פלעגט באַגייסטערן דעם עולם און אים האַלטן אין גרויס שפּאַנונג אין גאַנג פון דער אַקציע.

העניע טיקאַצקי האָט געשפּילט בלויז דע־מאָלט, ווען זי האָט געהאַט איר פּאַסיקע ראָלע. זי איז געווען פלינק און דרייסט אויף דער סצע־נע. פאַרמאָגט אַ ספּעציפישע פעאיקייט צו סצע־ניזירן אַטראַקציעס.

רייזל וואולקער איז געווען אויסגעצייכנט אין אירע הויפּטראָלעס. טאַלאַנטפול אין פולן באַ־גריף. א פעאיקע אַקטריסע מיט פיינע מאַניערן.

מיט א פיינעם דראַמאַטישן טאַלאַנט האָבן זיך שטענדיק אויסגעצייכנט אין זייערע כאַראַקטער־ראָלן: אברהם וואולקער, יהושע קמחי, יאַנקל אורשעס (אלטעס), חיה צוקערמאַן, קייליס (די לערערין), יצחק גרינבערג און מענדעלע סאָ־פּירשטיין.

צו די באַגאַבטע געהערן געוויס: פּסח׳קע, אלתר פארבער, סאָניע פלאַטניקאָוו, אברהם באַש, יצחק קאַפּלאַן, יעקב מאַנדעלבוים, מאַשע קאַפּ־לאַן, מענדל וויינשיינקער און גרינטשע ליפּלעוו־סקי. סאָניע פלאַטניקאָוו און מאַשע קאַפּלאַן זיי־נען אויך געווען באַחנט און אימפּאָנירנדיק אין די דיאַלאָגן. זייערע שטימען זיינען געווען דורכגע־זאַפּט מיט קאַלירפולע ניואַנסן. — ס׳איז ממש געווען א מחיה זיי צו הערן אין די סצענישע דיאַלאָגן.

פּסח זאַנענפעלד איז געווען דער לץ. געשפּילט מערסטן טייל קאָמישע ראָלעס און געמאַכט דעם עולם צו לאַכן. כאָטש טייל מאָל פלעגט ער שאַר־זשירן, אָבער אין אַלגעמיין איז ער געווען גוט. אָפּעריררט געשיקט, זיכער, דרייסט און פריי, און די צושויער האָבן פון אים אָנגעקוואָלן.

יאַנקל אורשעס (דער בלעכער) איז געווען אויסגעצייכנט אין זיינע קאָמי־כאַראַקטער ראָ־לעס. ער פלעגט ארויסברענגען די שפּאַסיקע ערנסטקייט מיט מאָס און קולטור.

קייליס איז געווען איינדרוקספול און עפעק־טיוו. זי האָט געהאַט די אייגנשאַפט פון קענען איבערלעבן איר ראָלע אויף דער סצענע.

אריה שפּיאַלטער

יידישע פּרנסות

פאַבריקאַציע

סעמיאַטיטש איז געווען א פאַבריקאַציע צענטער. אין דעם קוואַרטל פון אונטערן בריק זיינען געווען דריי גרויסע פאַבריקן, די גרעסטע — פון די ברידער מאַלינֹיאַק, א פאַבריק פון דיקטן מיט א גוטן נאָמען אין לאַנד און אין אויסלאַנד. הונדערטער ארבעטערס, ספּעציעל קריסטן, האָבן דאָרט געהאַט שיין פּרנסה. אין דער פאַבריק איז אויך געווען מיטבאַטייליקט די פאַמיליע סאַלאַט, און העשל סאַלאַט, אן אָנגעזעענער ציוניסטישער עסקן, איז געווען איינער פון אירע וויכטיקסטע דירעקטאָרן. אויך דער פאַבריק־פאַרוואַלטער פּלאַטניקאָוו איז געווען א ציוניסט. די דיקטן־פאַבריק האָט פאַרברויכט גרויסע קוואַנטומס האָלץ. אין סעזאָן פון פירן די קלעצער זיינען וואָכן לאַנג געגאַנגען עשאַלאָנען מיט פוּרישע וועגעלעך, וואו אויף די בלויזע אקסן פלעגט מען פירן די לאַנגע סקראַבאַניעס.

די צווייטע גוט באַקאַנטע פאַבריק איז געווען פון ר׳ אברהם הערש בעלקעס, וואו עס זיינען פּראָדוצירט געוואָרן פאַרשיידענע שוסטער־מאַטעריאַלן, קאָפּיטעס, פלעקלעך, גלאַזור, און אויסער דעם האָט ער געהאַט א באַזונדערע פאַבריק פון קאַכלעס. א ספּעציעלע ביוראָ פון דער פאַבריק האָט פון וואַרשע אויס אָנגעפירט מיטן פאַרשפּרייטן די סחורות איבערן גאַנצן לאַנד,



מאַלינֹיאַק־פאַבריק

געזאָרגט פאַר באַנייען די ארבעטס־מאַשינען, פאַר רוישטאָף צו דער ארבעט און אלע איבעריקע זאַכן. ר׳ אברהם הערש אליין, אַ ייד אין די יאָרן, האָט מיט דער הילף פון די זין און זיין איידעם הרב לוי בילעצקי אָנגעפירט מיט דער גרויסער אונטערנעמונג, און טאַקע מיט א פעסטער און תקיפותדיקער האַנט.

אין דערזעלביקער געגנט איז געווען די קאַכלפאַבריק פון די ברידער דייטש, צווישן זיי דער עלטערער ברודער חיים לייב, אַן אָנגעזעענער ציוניסטישער טוער, גרינדער פון דער „תרבות" שול „קדימה" און פון א סך פינאַנציעלע אינסטיטוציעס אין שטאָט.

אין דייטשס נייער פאַבריק, לאָקירט אין א צוויי־שטאָקיקער גרויסער געביידע, האָבן געאַרבעט כמעט די העלפט פון דער אַלגעמיינער צאָל יידישע ארבעטערס, קאַכלאַזשעס, ליימצוגרייטערס, ארבעטס־פירערס, ווי דוד „דער רבי", „נאַפּאָלעאָן" און אנדערע. אויךביים פּאַקן די פאַרטיקע קאַכלעס האָבן זיך יידן אויסגעצייכנט, ווי צום ביישפּיל: יאָסל ניעפּלאָטניק מיט די טעכטער. יידישע בעלי־עגלות פלעגן די איינגעפּאַקטע קאַכלעס פירן צו דער באַנסטאַציע, וואו זיי פלעגן פון דאָס ניי איבערגעפּאַקט ווערן פאַר עקספּאָרט.

אין צווייטן עק שטאָט, ביים ראָג דייטשע גאַס, זיינען געווען די פאַבריקן פון ר׳ פייוול ראַדזינסקי, א ייד א תלמיד־חכם און הויפּט־גבאי פון אַלטן בית־מדרש. זיין פאַבריק פון קאַכלעס האָט באַשעפטיקט ביי א הונדערט ארבעטערס. אין די לעצטע יאָרן האָט ער אויך געבויט א נייע פאַבריק אין דער זעלביקער אומגעגנט אונטער דער לייטונג פון די זין משה און בנימין. דאָרטן איז אויך געווען די פאַבריק פון משה מלאך מ׳ט די זין. משה איז געווען הויך, ברייט־ביינערדיק אין ארבעטזאַם און האָט אליין געקענט אויספירן אלע ארבעטן. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אז משה מלאך איז ביכולת איינער אליין, אפילו אָן אינזשיניערן, אויפצובויען די פאַבריק. משה מלאך איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט געבויט דעם גרויסן טעאַטער־זאַל, וואו אונדזערע אַרטיסטן־אַמאַטאָרן האָבן אויסגעפירט פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען.

האַנטווערקער

די יידישע באפעלקערונג אין סעמיאַטיטש האָט געצויגן חיונה פון צענדליקער מלאכות, און ספּעציעל פון מלאכות פון „איבער דער שוועל", ווי שניידערס, שוסטערס, שטעפּערס, היטלמאכערס, פאַליוּוניקעס, זאָקן־מאַכערס און אנדערע. אָט די גרויסע צאָל בעלי־מלאכות האָט געארבעט און געשאַפן צום גרעסטן טייל פאַר דער פויערישער אומגעגנט. זייערע אויסאַרבעטונגען פלעגן אָנפילן געשעפטן און סטראַגאַנעס אין די וואָכנטלעכע ירידים, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויפן סעמיאַטיטשער גרויסן מאַרקפּלאַץ. א געוויסער טייל פון זייערע סחורות איז אויך געווען פאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און שטאָט־באאמטע, לערערס, רייכע גוטבאַזיצערס, פּריצים, און אויך פאַר די באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין פאַרשיידענע זייטיקע גאסן און געסלעך אין שטאָט האָבן ביז שפּעטע שעהן אין דער נאַכט געאַרבעט קאָוואַלעס, שמידנדיק ארבעטס־כלים פאַר פויערים. סטעלמאכערס האָבן געמאכט רעדער, אַקסן און צוזאַמענגעשטעלט וועגענער. רימערס האָבן גענייט געשפּאַנען פאַר פערד, וואָס זיינען אין יענער צייט געווען די קאָמוניקאַציעמיטלען, וואָס א דאנק זיי האָבן מיר זיך געקענט פארבונדן מיט דער ארומיקער וועלט. זיי האָבן אוועקגעפירט אונדזער פּראָדוקציע און געבראכט צופירן לעבנס־מיטל און אנדערע נייט׳קע סחורות פאר דער יידישער באפעלקערונג. צווישן די בעלי־עגלות איז שטענדיק בולט געווען דער גרויסער משה טשערניאַק. צווישן די רימערס — די שערשענאָווסקיס, מנחם מיטן זון, און יענקל, וועלכער פלעגט אויך אויסארבעטן די פעלן אויף לעדער, וואָס פלעגט דינען פאר כאָמאָטן און שלייענס פאר די שענסטע פריצישע פערד. אין זכות פון די דאָזיקע פערד־און־וועגעלעך זיינען אַנטשטאַנען נייע פּרנסות, ווי ארומפאָרן „איינקויפן" אויף די דערפער, האַנדל מיט קלאָקעס און חזיר־האָר, שמאַטעס, א״א.

צו די בעלי־מלאכות האָבן אויך געהערט די בעקערס, וועמען אלע האָבן אין ווינטער מקנא געווען — זיי האָבן געהאָט וואו זיך אָנצוואַרעמען. אין די גרויסע אייוועגס פלעגט מען באַקן

ברויט, חלות און זעמעלעך, ווי אויך אנדערע געבעקסן פאר דער יידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג (עס איז געווען נאָר איין גויאישער בעקער, יארעמעק). אויסער דעם פלעגט מען באַקן פארשיידענע געבעקסן ספּעציעל פאר יאַרידן און גויאישע חגאות. די בעקערס האָבן שטענדיק געהאַט פרנסה, און טייל פון זיי פלעגן זיך אָפּגעבן מיט כלל־ענינים, ווי, למשל, מענדל אבערקאָוויטש, שמאי יידל יאבלאָן, מאנעס, שכנא. דעם לעצטנס פּראָדוקציע, די גרויסע ,,זייגער ברויטן" מיט פליסניק, איז געווען גוט באַקאַנט ביי די איינוואוינערס פון אונטערן בריק. צווישן די בעקערס איז כדאי צו דערמאַנען איטשע יאסקעס, ראַזענטאַל, וואָס זיינע בייגל פלעגן מחיה נפשות זיין אין די לאנגע ווינטערנעכט.

אנדערע פרנסות

ניט ווייט פון ווינקל פון מארק און דייטשער גאַס, וואו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די בעלי־עגלות, אויף די טרעפּלעך פון יאַקובאָווסקיס הויז, איז געווען דער פּלאַץ פון די טרעגערס. דאָ פלעגן זיי זיך אויסזעצן און אין די הייסע זומערדיקע מיטאָג־שעהן אפילו זיך אויסלייגן, מיט זאַק און שטריק, ווארטנדיק עפּעס אַראָפּצוטראָגן, איינצופּאַקן אָדער אזוי עפּעס א שליחות פון א גביר. דאָס איז געווען א גרופּע פון פעסטע יונגען. ספּעציעל זיינען בולט געווען צווישן זיי פסח און שלמהקע.

א וויכטיקע ראָלע האָבן געשפּילט די קצבים אין שטעטל. זיי פלעגן ארומפאָרן אין די ארומיקע דערפער איינקויפן קעלבלעך, בהמות, אָקסן. א ספּעציעלע גאַס איז געווען מיט יאַטקעס און האָט אפילו געטראָגן דעם נאָמען ,,יאַטקאָווסקא", אָבער פיל יאַטקעס זיינען געווען אויך אין אנדערע טיילן שטאָט. צווישן די קצבים זיינען געווען פארשיידענע ,,שטאַרקע", ווי אידל פסח קוץ, דער טריק. די פּאָפּולערסטע זיינען געווען די ברידער מאיר לייב און משה יצחק (,,ווייסע קעפּ").

עס זיינען געווען צייטן, ווען מען האָט פון סעמיאטיטש עקספּאָרטירט פלייש קיין ווארשע, און מיט דעם האָבן זיך באַשעפטיקט די פּירערס, די קיילעסעס און אנדערע.

עס זיינען געווען אין שטאָט אייניקע וואסערפירערס. ,,אמאָליקע" צייטן האָבן זיי געטראָגן מיט קראָמעסלעס, שפּעטער זיינען זיי געוואָרן ,,מאָדערנער" און פלעגן פירן פעסלעך וואסער אויף וועגעלעך. די סאַניטאַרע מאַכט האָט זיי פארפליכט אויפצושרייבן אויפן פעסל ,,וואָדא דאָ פּיציאַ", ,,וואָדאַ דאָ פּראַניאַ", און ניט איין מאָל האָבן זיי פארטוישט די ,,וואָדאַ" אויף ,,מאָדאַ".

כדאי אויך צו דערמאָנען די אָלעיאַרניקעס (איילהענדלערס) אין שטעטל, וועלכע פלעגן מאָלן לען און זשעפּאַק, ווארעמען און פּרעסן דעם אייל. מיט דעם אָפּפאַל, דעם מאַקוך, פלעגט מען באַגיסן דאָס עסן פון די בהמות. צווישן די פּאָפּולערע אָלעיאַרניקעס זיינען געווען די זינגערס, די שפּיאַלטערס און קאשניק. אויף די יאַרידן פלעגן פויערים פון די דערפער קומען אין די אָלעיאַרניעס מאָלן און פּרעסן, צאָלנדיק נוצגעלט פאר די מאַשינען.

די גרויסע מילן אין סעמיאטיטשער אומגעגנט זיינען מערסטן טייל געווען אין קריסטלעכע הענט. אין געוויסע צייטן זיינען יידן געווען שותפים, ווי צום ביישפּיל: די ווייסמאנס, קראַוויעץ אָדער שמעון קאפּעלושניק. די לעצטע יאָרן האָט זיך אין אומגעגנט געבויט א גרויסע מיל פון בעני לעוו.

א טייל יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין די עקן שטאָט, האָבן זיך טיילווייז באַשעפטיקט מיט לאנדווירטשאפט, מיט האלטן קי אויף מילך, האָדעווען קאַטשקעס און גענדז, באארבעטן פעלדער, דינגען סעדער אין די דערפער און אין סעזאָן אַראָפּנעמען און פארקויפן די פּרוכט. צו די ארבעטן פלעגט מען מאָביליזירן אלע קינדערלעך פון דער משפּחה און אפילו קרובים און פריינד.

עס זיינען געווען נאָך א ריי פרנסות, ווי שינדל־מאַכעריי, מולעריי, בלעכעריי, און א ריי ספּעציפיש יידישע מלאכות, ווי זייגער מאַכעריי, פאָטאָגראַפיע.

אין סעמיאטיטש זיינען געווען א צען פריזירערס: שעפּסל באָמבע מיט די קינדער, אפרים קנעפּל, חיים באָמבע, שפּיאַלטער א"א. יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין קרייז קליענטן, לויט ווי ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו א געוויסער שיכט פון דער באַפעלקערונג. ספּעציעל האָט יעדער פון די

פריזירערס געלאַקערט אויף די הויכע רעגירונגס־באַאַמטע און נאַטשאַלסטווע.

מסחר

דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באפעל־קערונג האָט געפונען פרנסה אין מסחר. עס זיי־נען געווען א ריי גרויסע וואלד־סוחרים, פּאַד־ריאַטשיקעס און תבואה־הענדלערס. צווישן די רייכע און טעטיקע סוחרים אין אונדזער צייט איז כדאי צו דערמאָנען קאַטלערן, ראובן מאַנ־טשער, יואלקע לעוו, נאָוויק. זיי האָבן געהאט פאר־בינדונגען מיט גרויסע פריצים און פאר זיי האָבן געאַרבעט צענדליקער קלענערע סוחרים׳לעך.

אין ראַטוש ווי אויך אין מארק זיינען געווען צענדליקער קראָמען פון שניט, ווי די לאשיצקיס, סירס, פרוי לאַנדינסקי; אייזנקראָמען פון איש, טעניעוויצקי און מאָטל אייזנקרעמער; שפּייז־געשעפטן פון האמערשלאג, נאָוויק; לעדערקראָ־מען, שענקען און רעסטאָראַנען פון חנה אברהם אליכעס, מאזור; צוקערניעס, ספּעציעל די צו־קערניע פון לעווין, וואָס איז געווען מאָדערן איינגעריכט; א האָטעל פון שלמהכען, פיל גאַ־לאַנטעריי־געשעפטן, ווי קאמחי, וויינשיינקער, קאַפּלאַן; סאָדע־פאבריקלעך, ספּעציעל פון מענדל קראמער, וואָס האָט אויפן הויף געהאט א גרויסן אייזקעלער, וואו די קצבים פלעגן האלטן דאָס פלייש. געווען דריי גרויסע אַפּטייקן פון כאמסקי, לאַנדאן און מינקעס. דער ברייטער מארק איז תמיד געווען פיל מיט פּרוכטן, גרינס און מארקזיצערינס, זומער ביי גרויסע בערג סחורה און ווינטער — ביי קלענערע קוישלעך, מיט פייערטעפּ.

אין סעמיאַטיטש איז אויך געווען א כלי־זמר קאַפּעלע מיט שעפסל מוזיקאַנט בראש ווי אַ פידלער, חיים מאָטיע מיטן פלייט און יאָסעלע מאַשקעס מיטן פויק, ווענען די קליינע זין פלעגן צוהעלפן. אויף יידישע שמחות האָבן די כלי־זמרים משמח געווען די מחותנים, חתן־כלה און אלע געסט, און ספּעציעל האָט שעפסל ארויס־געוויזן טאַלאַנט ביים באַזעצן די כלה: דאָס פי־דעלע פלעגט אויפּציטערן די הערצער און ארויסברענגען טרערן, ספּעציעל ווען דער בדחן פלעגט צוזינגען זיינע קאָמפּאָזיציעס.

עס איז אויך ווערט צו דערמאָנען דעם גאנצן שטאָב פון מלמדים, וועלכע האָבן דערצויגן דעם דור פון קליינוווייז אויף — מענדל דעסל, גוט־מאַן, טאַש, יענקל יאַשעכעס, וויינשיינקער, און דאָן א ריי לערערס פון די שולן, און ספּעציעל פון דער שול „קדימה" מיט י. קאַהוט בראש, און פון „תלמוד־תורה" מיט משה פונדיק.

און דאָן קומען די כלי־קודש, דיינים, שוחטים, שמשים און אונטער־שמשים פון די בתי־מדרשים, די שבת־יומטובדיקע יידן, וואָס זיינען געווען די טרעגערס פון רוח־ישראל.

סעמיאַטיטש איז געלעגן אין א געגנט, וואו עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט די גרויסע דייטש־רוסישע און פויליש־רוסישע מלחמות. קוים האָט זיך אויפגעבויט א ניי לעבן און א נייע ווירטשאַפט — זיינען געקומען די מלחמות, כוואלעס מיליטער האָבן אַלץ פאַרפלייצט און צעשטערט און גע־צוואונגען די געבליבענע באפעלקערונג אָנצו־הייבן אַלץ פון דאָס ניי — ביז צו דעם טראַגישן סוף, ווען קיין נייער אָנהייב פאר די יידן איז שוין מער ניט געווען.

דוד קמחי

סעמיאַטיטשער כוליגאַנעס כאַפּן קלעפּ

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי נאָר פוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק, איז איינגע־שטעלט געוואָרן א האַלב־פאַשיסטישע אָדעדעונוג מיט אַנטיסעמיטישע טענדענצן. טעראָראַקטן קעגן יידן מיט קלענערע פּאָגראָמעלעך זענען גע־ווען טעגלעכע דערשיינונגען. עס איז נאָך פריש אין זכרון די טרויעריק־באַרימטע „פּאַזנאַנטשי־קעס", וואָס פלעגן אָפּן און ברוטאַל באַפאַלן יידן און מיט גרויס סאַדיזם געריסן בערד מיט מכות־רצח.

אין סעמיאטיטש איז אָבער געווען רואיק. ניט דערפאַר ווייל ביי אונדז האָבן אויסגעפעלט אַנטי־סעמיטישע כוליגאַנעס און פּאָגראָם־העצערס. פּאַרקערט, אַזעלכע שונאי־ישראל זענען געווען איבער גענוג. נאָר וואָס דען? די סיבה איז געווען א גאַנץ אנדערע. ווען די פּוילישע רעאַקציאָנערע כוחות האָבן אָנגעהויבן אונטערהעצן די יונגע באַיאַנעס צו טעראָריזירן און שלאָגן יידן, האָט זיך די יידישע יוגנט גלייך אָרגאַניזירט און דערלאַנגט אַזאַ קעגן־אַטאַקע, אז די „העלדן" האָבן פארלוירן — אויף א לאַנגער צייט — דעם חשק אַנצוגרייפן סעמיאַטיטשער יידן.

איז טאַקע געווען א ביטערער רחמנות אויף די שטעטלשע אַנטיסעמיטן... פון נאָנט און ווייט האָבן זיי געהערט, אז פּאָגראָמירן יידן איז אַ לייכטער ענין. ס'איז אַ פּאַרגעניגן און אַן איינזייטיקער קאַמף. מען ריזיקירט גאָרניט און מען מאַכט דערביי א לייכט פּאַרדינסטל, ווייל דרך־אגב צעראַבירט מען דאָך יידיש האָב און גוטס. און דאָ אַזאַ „אומגליק": ניט נאָר האָבן די סעמיאַטיטשער יידן געהאַט דעם עזות־פּנים פון זיך ניט לאָזן שלאָגן, נאָר האָבן נאָך אויך ארויסגעוויזן די „חוצפּה" פון געבן שטאַרקע קלעפּ צוריק. פאַר די שונאים איז דאָס ממש געווען אַ ביטערער פּיל אָראָפּצושלינגען. האָבן זיי געשטשירעט מיט די ציין און מיט פאַרביילטע פויסטן געוואַרט אויף א בעסערער געלעגנהייט.

אַט אזעלכע „צוויי געלעגנהייטן" האָבן זיך געמאַכט פאַר זיי.

סוף זומער 1928 זענען פּאָרגעקומען מיליטערישע מאַנעוורעס ארום סעמיאַטיטש. א טייל פּוילישע סאָלדאַטן זענען געווען אין די קאַזאַרמען פון הינטערן בריק. די שונאי־ישראל זענען געווען זיכער, אז ס'האָט געשלאָגן זייער שעה. אין אָוונט איז א גרופּע אָרגאַניזירטע און אונטערגעהעצטע כוליגאַנעס — מיטן כוח פון דריי סאָלדאַטן בראש — פּראָוואָצירנדיק אריינגעמאַרשירט אופן מארקפּלאַץ. כדי צו באקומען מער קוראַזש, איז מען פריער אריין אין קריגערס גוישן רעסטאָראַן צו מאַכן א כוסה. ארום צען אָוונט זענען זיי ארויס אויפן מאַרק מיט א גרויסן טומל און אויפגעבראַזטע געמיטער און גלייך באַפאַלן און געשלאָגן די שפּאַצירנדיקע יידן. דער מאַרק איז מאָמענטאַל געוואָרן אויסגעליידיקט. ווייל זיך קעגנשטעלן סאָלדאַטן מיט פּאָכערדיקע באַיאָנעטן איז ניט פון די לייכטע זאכן.

צום ערגסטן זענען צושלאָגן געוואָרן איינצעלנע פאַרליבטע פּאַרלעך. וואָס זענען געקומען פון א ווייטן שפּאַציר און ניט געהאַט קיין השגה פון דער גאַנצער סומאַטאָכע.

די יידישע אינטערווענץ אין דער אָרטיקער פּאָליציי האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. האָט מען באַשלאָסן זיך אליין צו פאַרטיידיקן. לשם זה איז אויף גיך גערופן געוואָרן א באַראַטונג פון צוואַנציק בחורים, דרייסטע, מוטיקע און פעאיקע צום ווידערשטאַנד. די דיסקוסיע האָט געטראָגן זייער א ערנסטן כאַראַקטער. פון איין זייט האָבן מיר באטראכט די מעגלעכקייט, אז אונדזער קעגנשטעלן זיך קען האָבן ווייט־גייענדיקע קאָנסעקווענצן מיט אַן וועוענטועלער, מיליטערישער אריינמישונג. מיר האָבן אויך גענומען אין באַטראַכט, אז אונדזער באַשלוס קען מעגלעך זיין אין קעגנזאַץ פון דעת־הקהל. פון דער צווייטער זייט זענען מיר אָבער געווען איבערצייגט, אז ביי אונדז אין שטעטל, מיט זיבעציק פּראָצענט יידן, טאָרן מיר אזעלכע זאכן ניט טאָלערירן. אויב מיר וועלן גלייך ניט רעאַגירן, זענען מיר אויסגעשטעלט צו ווייטערדיקע טעראָראַקטן. דאָס האָט איבערגעוואוגן אלע אנדערע מאָטיוון און מיר האָבן באשלאָסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. די אחריות צו אָרגאַניזירן עס האָט מען ארויפגעלעגט אויף מיר.

אונדזער גרופּע איז פארטיילט און צעשיקט געוואָרן אויף פיר פארשיידענע פּונקטן: איינע אין פונדיקס געסעלע, די צווייטע אין זשאַלטאָקס, די דריטע ביים ראָג פון משה מרדכי רובינס, די פערטע אין ברום, לעבן שלום היטלמאכער. די פּונקטן זענען באַזעצט געוואָרן אין שטילקייט מיט זייטיקע אומוועגן. די באַנדע כוליגאַנעס, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט ביים ראָג פון הויפּישער גאַס, איז געווען כמעט ווי ארומגערינגלט. אונדזערע גרופּעס האָבן געוואַרט אויפן באַשטימטן סיגנאַל.

עס איז געווען א שיינע, ליכטיקע, פולע לבנה־נאַכט מיט אַן אויסגעשטערנטן הימל. מיין גרופּע פון ברום, וואָס איז געווען פּונקט אַנטקעגן דער באַנדע, האָט געקענט אַלץ אָבסערווירן. מיר האָבן

געהערט די גראָבע סאַרקאַסטישע און פּראָוואָצירנדיקע אויסרופן אויפן יידישן אדרעס, ווי: „קומט ארויס, איר קרעציקע יידן, וועלן מיר אייך מיט די באַיאָנעטן אָפּרייניקן. קריכט ארויס פון די לעכער, ווייל אייער סוף איז סיי ווי נאָנט. מיר גיבן אייך א האַלבע שעה צייט, אויב ניט וועלן מיר אריין אין אייערע הייזער און אויפן אָרט אייך אויסקוילען".

פון דייטשישער גאַס איז אָנגעקומען א יידיש פּאָרל פון א שפּאציר. זיי זענען געגאַנגען מיטן טראָטואַר פון גדליה טאָקאַרסקי. די באַנדע איז שטיל און לאנגזאַם געגאנגען זיי אַנטקעגן. ניט ווייט פון פונדיקן זענען די „העלדן" באפאלן דעם בחור מיטן מיידל. ווי נאָר מיר האָבן דערהערט דאָס געשריי „ראַטעוועט! פּאָליציי!" האָט א לאנגער פייף דורכגעשניטן די לופט און קובאַ מאָנטשער מיט זיין גרופּע פון זשאָלטאָק געסל האָבן אָנגעהויבן לויפן אין דער ריכטונג צו דער באַנדע. די כוליגאַנעס, באמערקנדיק שאָטנס פון בלויז אייניקע יידן, האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער גרופּע מיטן געשריי: „א טויט די יידן, ביז איינעם!". דעמאָלט האָב איך געגעבן דריי קורצע פייפן. פון פארשיידענע זייטן האָבן אלע גרופּעס גענומען לויפן אין דער געהעריקער ריכטונג. די כוליגאַנעס, דערשראָקענע און צעטומלטע פון אונדזער איבעראַשנדיקן אָנפאל, זענען געבליבן שטיין דיסאָריענטירט, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן. דערווייל האָבן מיר אויף זיי אַ שאָט געטאָן א האָגל פון שטיינער און ציגל. מיר האָבן גלייך געהערט די געוויינען און געשרייען פון עטלעכע פארוואונדעטע ביי זיי, וועלכע זענען אַנטלאָפן צו דער הויפּישער גאָס. עס האָבן זיך אויך געהערט געשרייען פון אנדערע: „אַנטלויפט ניט! האָט קיין מורא ניט פאר די פארשיווע זשידיס!". די סאָלדאַטן, מיט אויסגעשטרעקטע באַיאָנעטן, וואָס האָבן געבלישטשעט אין שיין פון דער לבנה, האָבן הויך געשריען: „מיר וועלן דערשטעכן יעדער איינעם, וועלכער וועט וואָגן זיך צו דערנעענטערן צו אונדז". אָבער איידער וואָס־ווען האָבן מיר ווי א שטורעם, מיט יוגנטלעכן טעמפּ, זיך א וואָרף געטאָן אויף די באַיאָנעס און זיי צעשלאָגן, צעממיתט און צעבלוטיקט. אויף גיך האָבן זיי געכאַפּט די פיס און די הענט און זיך צעלאָפן, איבערלאָזנדיק זייערע באַיאָנעטן און די מיליטערישע היטלען. איין סאָלדאַט איז געלעגן אויף דער ערד מיט א צעשפּאָלטענעם קאָפּ באַגאָסן מיט בלוט. אַ פּופצן מינוט שפּעטער האָט ער זיך קוים אויפגעשטעלט און מיט וואַקלדיקע טריט אַוועק היינטערן בריק.

דעם קומענדיקן פרימאָרגן האָט אין שטעטל זיך געטומלט. די מיינונגען זענען געווען צעטיילט. טייל האָבן זיי געטאַדלט. די לעצטע האָבן זיך געשראָקן פאר נקמה־אַקטן.

מען האָט מיר איבערגעגעבן, אז זיגמאַנד זשירעס זוכט מיך. זיגמאַנד איז געווען א שגץ א גיבור, אויך א מערדער, אז אפילו גויים האָבן פאר אים געציטערט. ער האָט גערעדט א פּליסיקן יידיש, אפילו מיט העברעאיזמען. ער האָט קיין מאָל זיך ניט באטייליקט אין אַנטי־יידישע אַקציעס. איך האָב קיין מאָל ניט באַמערקט ביי אים קיין אנטיסעמיטישע נייגונגען. ווען ער האָט מיך געטראָפן, האָט ער מיך באגריסט מיט א ברייטן געלעכטער און זיך אָנגערופן: „איר האָט גוט געטאָן מיטן צעשלאָגן די כאַמוליעס. א מצוה אויף זיי, זאָלן זיי איינגעמען א מיתה משונה און זאָלן זיי טאַקע וויסן, די כאַמעס, אז אחינו בני ישראל קענען דערלאנגען צוריק". ער האָט מיר איבערגעגעבן, אז די סאָלדאַטן געפינען זיך ביי מאַרטשיניקן. איינער מיט א פארבאַנדאַזשירטן קאָפּ, א צווייטער מיט דריי אויסגעהאַקטע ציינער און צעשפּאָלטענע ליפּן. זיי טאָרן זיך ניט אומקערן צו זייער באַזע אָן די באַיאָנעטן און היטלען, ווייל ס׳דראָט זיי א גרויסע שטראָף. זיי האָבן אים געבעטן, אז ער זאָל זיין דער שליח צו מאכן א שלום. זיי זענען גרייט — זאָגט ער — צו שטעלן בראָנפן מיט צובייס. אַבי זיי זאָלן עס קריגן צוריק.

מיין ענטפער איז געווען, אז בראָנפן מיט צובייס לאָזן מיר איבער צו אים, צו זיגמאַנדן, נאָר מיר האָבן איין פארבאַדינג: זיי מוזן שווערן ביי יעזוסן, אז פון היינט און ווייטער וועלן זיי מער קיין מאָל ניט אָנגרייפן קיין יידן. אין קעגנפאַל איז זיין שליחות ארויסגעוואָרפן. זיגמאַנד האָט פארזיכערט, אז דאס וועט ער באשטימט דערלייזיקן, און מיר האָבן זיך פארשטענדיקט צו טרעפן אין א שעה ארום.

אין דער באשטימטער צייט האָבן מיר זיך געטראָפן אין קריגערס רעסטאָראַן. פון אונדזער

צד זענען געווען: קובאַ מאַנטשער, בערטשע קאַפּלאַן און דער שרייבער פון די שורות. פון „זיי" זענען געווען: די דריי סאָלדאַטן, יאַקו־באַווסקיס און מאַרטשיניעקס בנים און דער ניי־טראַלער זיגמאַנד זשירעס. דער טיש איז שוין געווען גרייט פון „כל טוב". די סאָלדאַטן האָבן אונדז פריינדלעך באַגריסט און זיך העפלעך אַנטשולדיקט. אָבער יאַקובאַווסקי מיט מאַרטשי־ניעקן זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און מיט פאַרחושכטע פּנימער... גלייך נאָך דער ערשטער כוסה האָבן זיי זיך איבערגעצלמט ביי יעזוסעס בילד און געשוואוירן ווי מיר האָבן פאַר־לאַנגט. מיר האָבן זיי צוריקגעגעבן די באַיאָנעטן מיט די היטלען. געמאַכט אויף גיך נאָך א כוסה, זיך אנטשולדיקט, וואָס מיר מוזן זיי לאָזן אליין צוליב א דרינגלעכן ענין... און זיך פריינדלעך צעשיידט.

דער עפעקט פון דער „לעקציע" איז געווען, אז די כוליגאַנישע געמיטער אין סעמיאַטיטש זענען געוואָרן אָפּגעקילט אויף עטלעכע יאָר.

די צווייטע פאַסירונג איז פאָרגעקומען אין 1931־32. פון שכנותדיקן דייטשלאַנד האָט דער נאַציזם זיך אריבערגעטראָגן אויך קיין פוילן. די פּאָליאַקן זענען שוין פריער געווען דורכגעפרעסן מיט אַנטיסעמיטיזם. דער וואונק איז געקומען פון די מאַסגיביקע פאַקטאָרן: „סוואָי דאָ סוואָ־גאָ". באָיקאָטירן יידן, ארויסשטויסן זיי פון אלע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. אין די קלענערע שטעט־לעך, וואו די שנאה צום יידן איז פריער געווען בעיקר מצד די שטאָטישע „מיעשטשאַניעס", דער „שלאַכטע" און קליינע פאַראָרעמטע האַנאַראָ־ווע פּריצימלעך, וואָס האָבן אין די יידן געזען גרויסע קאָנקורענטן, איז צוגעקומען אויך דאָס אויפגעהעצטע פּויערטום. אויף די מערק אין יריִדן פלעגן זיך באַווייזן אַגיטאַטאָרישע סטו־דענטן און האַלטן אַנטיסעמיטישע רעדעס. קאָר־טוז־בערעזער און פשיטיקער פּאָגראָם איז געווען דער סיגנאַל פאַר פּאָגראָמען און טעראָראַקטן. דאָס פּוילישע יודנטום איז געווען ווי אויף א וואולקאַן; געפילט, אז גרויסע צרות רוקן אָן. דאָך אין סעמיאַטיטש איז געווען רואיק.

דעם ערשטן טאָג פסח, ארום עלף א זייגער פרי, ווען דער עולם איז נאָך געווען אין די בתי־מדרשים, האָב איך שפּאַצירט מיט אריה שפּיאַל־טער (מיר האָבן געדאַוונט אין בית"רישן מנין, וואו מען האָט דאָס געמאַכט בקיצור). גייענדיק אויפן טראָטואַר ביי נחמן אַשן, האָבן מיר מיט א מאָל דערזען, ווי יידן לויפן און ווי א גרעסערע גרופּע בחורים ציען זיך צוריק צו דראָגאָטשינער גאַס. אָריענטירנדיק זיך גלייך אין דער לאַגע, בין איך מיט יונגטלעכן פלינקייט דורכגעלאָפן דעם טראָטואַר, דעם בערגל פון פלומפּ און א גע־שריי געטאָן: „קיינער אנטלויפט ניט, קומט מיט מיר!" מיר זענען אריין אין געסעלע צווישן לע־ווינס צוקערניע און שעפסל דעם שערער.

פאַרביילויפנדיק האָב איך באַמערקט, אז די באַנדע איז געווען אָנגעפירט פון צוויי פּרעמדע סטודענטן און יאַקובאַווסקיס זון. מען האָט מיך אינפאָרמירט, אז צוויי מאָל איז מען געווען אין „פּאָסטערונעק, נאָר דער פּאָליציייאישער ענטפער איז געווען פול מיט שפּאָט און חוזק.

„חברים! — האָב איך דאָן אויסגערופן — ס'איז צום ערשטן מאָל, אז ביי אונדז קומט פאָר אַן אָנפאַל אויף יידן אין מיטן העלן טאָג. מיר מוזן זיי איצט געבן אזא ‚לעקציע', וואָס זאָל פאַראַליזירן און אָפּטייטן זייער חשק אויף וויי־טערדיקע איבערפאַלן. ס'איז קענטיק, אז זיי זע־נען אָרגאַניזירט און גוט צוגעגרייט. מעגלעך, אז דאָס מאָל דאַרפן מיר ניט נאָר דערלאַנגן שטאַר־קע קלעפּ, נאָר מיר דאַרפן אויך זיין גרייט צו קענען נעמען קלעפּ. דעריבער איז געוואונטשן, אז ווער פון אייך ס'פילט זיך ניט גענוג שטאַרק, זאָל בעסער שטיין אין דער זייט".

פון דער גאַנצער גרופּע פון א צוואַנציק זענען אוועק צוויי בחורים מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ.

איך האָב ווייטער געזאָגט:

„מיר מאַכן גלייך אַן אַטאַקע. איך בין זיכער, אז מיר וועלן זיי באַזיגן. אָבער געדענקט איין זאַך: נאָר פאָרויס. קיין איין טריט ניט אויף צו־ריק, מירן זיי צעשמעטערן".

איך האָב אויסגעקליבן צוויי פון די פלינקסטע לויפערס, און זיי פּשוט באַפוילן, אז זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם הויכן סטודענט. ווען יענע וועלן אנטלויפן, מוזן זיי אים כאַפּן פאַר יעדער פּרייז און שלאָגן אָן רחמנות. פּונקט דאָס זעלביקע האָב איך אָנגעזאָגט אַנדערע צוויי פלינקע לויפערס וועגן דעם נידעריקן סטודענט. ווען אַלץ איז געווען גרייט און יעדער בחור

האָט געהאַט אין האַנט אַ קאַלט געווער, איז געקומען דער באפעל: נאַ־הוראַ!

ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעלאָפן אויפן מאַרק, אַזוי האָט די באַנדע זיך געלאָזט אויף אונדז מיט ווילדע געשרייען: „אַ טויט די יידן!". מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי. ביידע מחנות זענען געוואָרן אויסגעמישט. די כוליגאַנעס האָבן טאַקע געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, אָבער אונדזערע בחורים מיט די שטעקנס, אייניקע מיט „אייזערנע הענטשקעס", האָבן געאַרבעט אויסגעצייכנט. נאָך עטלעכע מינוטן איז שוין געווען קלאָר, אַז דער נצחון איז אויף אונדזער זייט. ווי נאָר די באַנדע האָט דערפילט די שטאַרקע קלעפּ און נאָך בלוט דערצו, האָט מען גענומען מאַכן „ויברח". מיר האָבן זיי נאָכגעיאָגט. דער גרעסטער טייל פון זיי איז מיט מינצעכעס געסעלע אַריינגעלאָפן אין יאַקובאָווסקיס רעסטאָראַן דורך דער הינטערטיר. איין סטודענט איז געכאַפּט געוואָרן ביים טויער און מען האָט אים אַזוי צעשלאָגן, אַז די יאַקובאָווסקיס האָבן אים אַריינגעטראָגן צו זיי. דער צווייטער סטודענט איז געכאַפּט געוואָרן אין געסעלע, וואָס גייט פון הינטערן בריק אַרויס אויף דייטשישער גאַס. ער איז פשוט געווען צעמיתט, געבליבן ליגן באַוואוסטלאָז, אַ באַגאָסענער מיט בלוט.

אין דעם קעגנאַנגריף האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט: הערש לייב סמאָליוק, בערטשע קאַפּלאַן, אַנשל אָרלאַנסקי, קובאַ מאַנטשער, יודל פּירער, דוד סאַלאָמאָן און גדליהו מאַזור.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג, האָבן מיר באַשלאָסן צו „שפּאַצירן" אויף די טראָטואַרן צו צוויי־דריי מיט אָפּענע אויגן און וואַכזאַמקייט, כדי צו זיין גרייט פאַר עווענטועלע נייע כוליגאַנישע אָנפאַלן.

פאַרבייגייענדיק יאַקובאָווסקיס רעסטאָראַן, האָב איך אין פענצטער באַמערקט: קאָשינסקין, דעם נאַטשאַלניק פון די פייערלעשערס, און מיכאַל קאָכאַנסקין. ס'איז מיר גלייך קלאָר געוואָרן, ווער ס'זענען געשטאַנען הינטער די טעראָריסטישע אָנפאַלן.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראָג ביי מינצעכעס קראָם. דאָ האָב איך געזען, ווי פּאָליציסטן האָבן זיך ארויסגעלאָזן אויף די גאַסן און געזוכט פאַרדעכטיקע אין עפּעס. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז גוים זענען געקומען צו דער פּאָליציי און געמאָלדן, אַז מען שלאָגט פּאָליאַקן, דאָס מאָל זענען שוין די פּאָליציאַנטן געווען א סך פלינקער ווי דעמאָלט, ווען מען האָט געמאָלדן, אז מען שלאָגט יידן. איין פּאָליציאַנט איז געבליבן שטיין ביי יאַקובאָווסקיס רעסטאָראַן, אַריינגעקוקט אין דער גלעזערנער טיר און געדרייט מיט זיין קאָפּ צו מיר און צום טיר הין און צוריק, אַזוי עטלעכע מאָל. איך האָב זיך פלינק אויסגעדרייט און געזען, אז דורכן פענצטער האָט מען אָנגעוויזן אויף מיר. דער פּאָליציאַנט איז לאַנגזאַם צוגעקומען צו מיר און אין זייער אַ העפלעכן, אומדרייסטן טאָן מיך געפרעגט, צו דער „פּאַן האָט אָנטייל גענעמען אין געשלעג". ווען מיין ענטפער איז געווען „יאָ", האָט ער מיך געבעטן מיטגיין מיט אים אין פּאָליציי־צירקל.

גייענדיק אויף פּונדיקס טראָטואַר, זענען צוגעקומען גדליהו מאַזור מיט אַנשל אָרלאַנסקין און מיך געפרעגט: „אפשר זאָלן מיר „מכבד" זיין דעם פּאָליציאַנט און ביי דער געלעגנהייט וועסטו פאַרשווינדן?" — איך האָב זיי געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין" און באַמערקט, אַז מיט פּאָליציי זאָלן זיי זיך קיין מאָל פאַרמעסטן, סיידן יידיש לעבן איז אין געפאַר.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר פון מיין ניט זיין אין סעמיאַטיטש זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער פּאָליציי: א נייער קאָמענדאַנט, און אייניקע נייע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן מיך ניט געקענט. ווען מיר זענען אריינגעקומען אין פּאָליציי־הויז, האָט דער פּאָליציאַנט ראַפּאָרטירט, אז ער האָט „געכאַפּט" דעם אָנפירער פון אָנפאַל. דער נייער קאָמענדאַנט איז געווען פון מיטלנידעריקן וואוקס מיט א גרויסן קאָפּ. געהאַט אַן אויסגעפילטע קיילעכדיקע צורה און אַ הויטאָפּגעשיילטע נאָז. זיין אונטערשטע אַרויסגערוקטע ליפּ איז געווען דיק און זיינע ארויסגעשטעלטע קעלבערנע אויגן האָבן קעקוקט ביסטרע.

ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, נייגעריק און בייז מיך באַטראַכט און געפרעגט: „פון וואַנען איז דער ,פּאַן' געקומען?". „פון וואַרשע" — איז געווען מיין ענטפער. דער קאָמענדאַנט האָט אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אויפן טיש און סאַרקאַסטיש אויסגעשריען: „אַ־ז־ו־י! הייסט דאָס, אַז אַזש פון וואַרשע האָבן די יידעלעך דיך געשיקט צו שלאָגן אונדזערע פּאָליקן? האַ?". איך

האָב בלויז געגעבן אַ לייכטן שמייכל און גאָרניט געענטפערט. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ זעץ געטאָן אין טיש: „האַ, האַ, קענסט שוין ניט רעדן, האָסט זיך דערשראָקן, אַזוי זענט איר אַלע שמוציקע יידעלעך. איך וועל אייך שוין אָנלערנען". כאָטש דאָס בלוט אין מיר האָט געקאָכט, האָב איך זיך באַהערשט און געלאָזן אים געענטפערט: „הער קאָמענדאַנט, זיי ווייסן אַז קיינער האָט מיך ניט געשיקט און אויב דו דענקסט, אַז איך בין איבערגעשראָקן, מאַכסטו א טעות. אלע ווייסן, אז יידן באַפאַלן ניט קיינעם. אין דעם פאַל האָבן מיר בלויז צוריקגעשלאָגן און פאַרטיידיקט זיך קעגן אָנפאַלערס".

„גענוג, שווייג!" — האָט דער קאָמענדאַנט ווילד געשריען, טופּענדיק מיט די פיס און זעצנדיק מיט די פויסטן. זיין קאָרק איז געוואָרן רויט ווי אַ בוראַק. זיין פּנים האָט געפלאַמט ווי פייער. די אַרויסגעשטאַרצטע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט רויטקייט. „איר קרעציקע יידן — האָט ער געליאַרמעט — באַנוצן זיך מיט ליגנערישע און נידערטרעכטיקע תירוצים, אָבער איך וועל אייך אָנלערנען. איך וועל אייך פאַרשיקן אין די טורמעס, אין קאַרטוז־בערעזע, וואו איר וועט פאַרפוילט ווערן און פגרן ווי פאַרשיווע הינט".

איך האָב דערפילט אַ הייסקייט איבערן גאַנצן קערפּער. זיך מער ניט געקענט קאָנטראָלירן, און אַרויס פון די כלים און מיט אַ פיל שטאַרקערער שטים האַרמאַטעוועט: „זיי ווייסן, קאָמענדאַנט, אז מיר יידן האָבן פאַר אַזעלכע ווי דו קיין מורא ניט. דו ווייסט גאַנץ גוט, אז פאַר דיר איז געווען אַ קאָמענדאַנט אַ גרעסערע שישקע ווי דו, מיט ברייטערע פלייצעס, דער „פּאָזנאַנטשיק", און מיר יידן האָבן אים פון דאַנען באַזייטיקט. פּונקט דאָס זעלבעקע וועלן מיר טאָן מיט דיר. פאַרוואָס האָסטו קיין הילף ניט געשיקט, ווען יידן זענען צוויי מאָל געקומען בעטן? צי מיינסטו, אז מירן דאָס פאַרשווייגן?"

דער קאָמענדאַנט איז געוואָרן היסטעריש ווילד, געלאָפן הין און צוריק איבערן צימער, געשאָלטן יידן מיט פאַרשיידענע קללות אין דער מיאוסטער שפּראַך.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי דער אינצידענט וואָלט זיך געענדיקט. נאָר ס'איז געשען פּונקט ווי אין אַ טעאַטער־שפּיל. די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען דער דעטעקטיוו. ווי נאָר ער האָט מיך דערזען, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט, מיר געגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם, און היימיש, מיט אַ פריינדלעכן שמייכל, זיך אָנגערופן: „יאַק שיעמאַש, פּאַניע דאַווידזשע?"

איך האָב געמיינט אַז דער קאָמענדאַנט וועט איינגעמען אַ פּאַפּלעקציע. זיינע אויגן האָבן גיך געפינטלט. דער נאַרישער פּנים האָט אויסגעזען אידיאָטיש. ער האָט געוואָרפן זיינע בליקן פון דעטעקטיוו צו מיר און פון מיר צו אים. ער האָט זיך געריבן דעם שטערן און אריינגערופן דעם דעטעקטיוו אין צווייטן צימער.

נאָך אייניקע מינוטן זענען זיי צוריק אריינגעקומען. דער קאָמענדאַנט האָט שוין באַקומען אַן אַנדערע צורה. ער האָט זיך שווער געזעצט אויפן שטול, מיך צוגערופן, מיך באַטראַכט, ווי ער וואָלט מיך געזען צום ערשטן מאָל, און זיך אָנגערופן: „הייסט דאָס, אז דו ביסט קמחיס אַ זון?" — „יאָ" — האָב איך געענטפערט. — „טאַ פאַר וואָס האָסטו מיר געזאָגט אז דו ביסט פון וואַרשע?" — האָט ער געפרעגט. אויף דעם האָב איך אים געענטפערט: „אויף דיין פראַגע, פון וואַנען איך בין געקומען, איז מיין ענטפער געווען פון וואַרשע, און דאָס איז ריכטיק". — ער האָט געטראַכט א ווײלע און זיך אָנגערופן: „דו ווייסט, אַז לויטן געזעץ מוז איך שרייבן אַ פּראָטאָקאָל". — „אויב דער קאָמענדאַנט מוז שרייבן אַ פּראָטאָקאָל — האָב איך געענטפערט — קען איך אים ניט אָפּהאַלטן, איך וויל נאָר באַמערקן, אַז געזעץ און לאָגיק דעקן זיך ניט שטענדיק. דעריבער איז מיין מיינונג, אַז מען זאָל אין גאַנצן ניט שרייבן קיין פּראָטאָקאָל". ער האָט זיך געדרייט אויפן שטול, געמורמלט עפּעס צו זיך אַליין, ניט קענענדיק דעצידירן וואָס צו טאָן.

אין שטעטל האָט מען זיך גלייך דערוואוסט וועגן דעם געשעעניש. עס איז באַלד אַוועק אַ דעלעגאַציע צום קאָמענדאַנט. זי איז אָנגעקומען אין מיטן פון אונדזער שמועס. נאָכן דורכריידן זיך מיטן קאָמענדאַנט וועגן גאַנצן ענין, האָט ער מסכים געווען צו פאַרשווייגן די גאַנצע זאַך...

געשטאלטן

א״ש

משה וויניאר

א לידער־העפט א. נ. „מחרוזת״, געדרוקט אין ווארשע אין 1934, ווי אויך איינצעלנע לידער פארעפנטלעכט אין „דבר״ און „החלוץ״ — איז אונדז פארבליבן פון יונגען סעמיאַטיטשער פּאָעט משה וויניאַר.

ענדיקנדיק די תרבות־שול „קדימה״, האָט משה וויניאַר ממשיך געווען זיין לערנען אין ווארשעווער לערער־סעמינאַר. אין צווישנצייט איז ער קראנק געוואָרן אויף א לונגען־אַנטציג־דונג און געווען געצוואונגען איבערצורייסן זיי־נע לימודים און צוריק־קומען קיין סעמיאַטיטש. ער פלעגט ארומשפּאַצירן איינזאם אין בלויע פרימאָרגנס אָדער שוואַרץ־פינצטערע נעכט, אויפצונעמען די שטאַרקע נאטור־בילדער און זיי צונויפגיסן מיט זיינע פּאָעטישע דיכטונגען.

משפחה און פריינד האָבן אים ניט פארשטאַ־נען. צוליב א קאָנפליקט מיט די עלטערן האָט ער זיך אריבערגעצויגן צו זיין באָבען, אין ווינקל פון מארק אין דראָהיטשינער גאס. איינזאם איז ער געזעסן ביים שרייבטיש, נעבן פענצטער, וואָס האָט ארויסגעקיקט אויף דער אלטער וואנט פון „חיי־אדם״ בית־המדרש און צום קליינעם גאָרטנדל מיט די האַלב־פאַרוועלקטע בלומען.

ביים אויסברוך פון קריג איז ער באפרייט גע־וואָרן פון מיליטער־דינסט צוליב געזונטהייטס־טעמים, און אין דער סאָוויעטישער אָקופּאציע איז ער געוואָרן א שטאַטישער בעאַמטער. אָבער די גאנצע פרייע צייט האָט ער געווידמעט זיין דיכטונג. וועלכע איז,ליידער, אוועקגעקומען מיט אים צוזאמען אין דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

פון זיין גרויסן גייסטיקן אוצר זיינען פאַר־בליבן נאָר איינצעלנע לידער.

משה וויניאַר

מיין מאמעס בלוט שרייט

מיין מאַמעס בלוט שרייט אויס צו מיר
פון דיינע פרומע בליקן,
אַ בלוילעך, איידל אָדערל פליסט אומעטיק
און באַנג,
נאָ, שטעגעלע, פאריתומט, טריי בין איך
צו דיר געקומען —
נאָך שבת־ליכט, נאָך שלאָף־מיין־קינד,
נאָך מאַמעשאַפטס־געטראַנק.

★

איך זע אויף דיר אַ טרערן־טוי — ווי שטיל,
ווי שטיל ער ציטערט —
גייט אויף דאָס האַרץ און ווייסט קיין ברעג
פון בענקעניש און גליק.
די צניעותקייט די רויטלעכע, אין שמייכלען
פון בנות־ליטע
פאַרצוקט מיין ערשטע זוכעניש אין לעצטן
אויגנבליק...

★

נאָר כ׳ווייס נישט ווען דערשלאָגן וועט
מיין טרוים צו דיינע טירן,
ווייל ליבע־זאַנג כל־נדרי׳ט שוין אין מורא
פאַרן שניט;
דעריבער טוט מיין מאַמעס בלוט אַ ברי מיר
איצט אין פנים —
דעריבער איז פארשעמט אַזוי מיין
ערשטגעזונגען ליד...

(„דאס וואָרט״, נומ. 102, וואַרשע, 23 אפּריל 1937).

ר׳ פייוול ראדזינסקי

צוויי ברידער זיינען זיי געווען אין סעמיאַטיטש: ר׳ פייוול און ר׳ שכנא, ביידע דערצויגן ביי אפּאָטער אַן אָרעמאַן, א מלמד אין סעמיאַטיטש, ר׳ משה ראדזינסקי. דער פאָטער האָט זיי ניט געקענט געבן מערער ווי ער האָט פארמאָגט: תורה און א סך לומדות. זיינען טאַקע די ברידער געווען די גרעסטע לערנערס אין שטאָט. פון הימל האָט מען אָבער איין ברודער, ר׳ שכנאן, שטאַרק באַוואָלט: ער איז געבליבן די גאנצע יאָרן א ייד אַן אָרעמאַן, א בעקער, דערצו נאָך א שטאַרקער קאַליקע. דערפאַר האָט ר׳ פייוול געקראָגן פון הימל אַלץ וואָס מען דאַרף: געווען רייך, קלוג און עצה־געבער פאַר דער גאַנצער שטאָט. עס איז ניט געווען קיין איין מענטש אין סעמיאַטיטש, וואָס זאָל זיך ביי א שווערן ענין ניט גיין שואל־עצה זיין מיט ר׳ פייוולען, און וואָס ער האָט געזאָגט, דאָס האָט מען געטאָן.

דערצו איז ר׳ פייוול געווען דער גרעסטער נדבן אין שטאָט, דערפאַר אַז מען פלעגט גיין זאַמלען געלט אויף עפּעס, האָט מען אָנגעהויבן פון ר׳ פייוולען, כדי צו מאַכן א גוטן אָנהייב. ר׳ פייוול האָט ניט געמאַכט קיין חילוק פאַר וועלכן צוועק מען גיט די נדבה — פאַר ציוניזם, בונדיזם, א ביבליאָטעק אין שטאָט אָדער מקוה — אַלץ איינס, די האַנט איז געווען אָפן. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז אין סעמיאַטיטש זיינען רייכערע מענטשן ווי ר׳ פייוול, אָבער צו זיין אָפענער האַנט האָט זיך קיינער ניט געקענט גלייכן.

ער האָט זיך אויך ניט גרויס געהאַלטן. אין שול קיין מאָל ניט געזעסן אין „מזרח", אויך ניט באַקומען קיין פעטע עליות. דער שמש האָט שוין געוואוסט, אַז ר׳ פייוולען דאַרף מען ניט חנפנען מיט די אַלע זאַכן. אויך אין גאַס האָט ער ניט אויסגענוצט זיין שטעלונג, נאָר פלעגט מיט יעדערן זיך אינטערעסירן און אויספרעגן אויף דער גאַנצער משפחה.

ער האָט אויך געדענקט וועגן א״י. אין 1934 האָט ער געשיקט זיין זון איינקויפן א נחלה אין לאַנד און אויך אַריינגעלעגט א שפּאַרע סומע געלט אין רעננה.

מען מוז נאָך זאָגן א פּאָר ווערטער אויך וועגן זיין אָרעמען ברודער, הגם וואָס קען מען שרייבן וועגן אַן אָרעמאַן? גאָרניט מיט גאָרניט. „עני חשוב כמת". אָבער אַלע פלעגן זיך וואונדערן, וואָס דער אָרעמער ברודער האָט קיין מאָל גאָר־ניט פאַרלאַנגט פון זיין רייכן ברודער. ר׳ שכנא האָט קיין מאָל ניט געוואָלט נהנה זיין פון ברו־דערס עשירות. חוץ ווען מען האָט געדאַרפט פאַר אַן אָרעמאַן אָדער קראַנקן אין דער משפחה. מיט דעם פלעגט זיך שוין ר׳ שכנא שטענדיק פאַרנע־מען און גיין צו ר׳ פייוולען נאָך הילף.

ר׳ מאיר אביגדור ראפאלאָווסקי

געוויס געדענקען נאָך אַלע סעמיאַטיטשער דעם גביר און נדבן ר׳ מאיר אביגדור ראפאלאָוו־סקי. ער איז געווען דער גרעסטער גביר און גרויסער נדבן אין שטאָט. אַליין א ייד א למדן, האָט ער אוועקגעגעבן ביי זיך אין הויז איניקע צימערן אויף א בית־מדרש צו דאַווענען און דאָרטן אויך געגרינדעט די חברה ש״ס, וואו אַלע סעמיאַטיטשער לומדים פלעגן זיך צונויפקומען און לערנען אַלע טאָג נאָך מנחה. דאָרט ביים לערנען האָט געשפּריצט מיט פייער, מיט שפּי־ציקע סברות און פלפולים פון אַזעלכע לומדים ווי ר׳ אברהם שמעריל שווארצבערג, ר׳ משה סאַנדער, ר׳ נחום יאבלאָן, ר׳ לייבל קאַשניק, ר׳ יואל לעוו, ר׳ משה מרדכי רובינס און ר׳ נחום זינגער.

ביי ר׳ מאיר אביגדורן אין קיך האָבן זיך שטענדיק געקאָכט גרויסע טעפּ מיט עסן פאַר אָרעמעלייט. ווען א פרעמדער אָרעמאַן איז גע־קומען אין שטאָט, פלעגט ער זיך גלייך לאָזן צו ר׳ מאיר אביגדורן און דאָרט אין קיך גוט אָפּ־עסן און אויך קריגן א שיינע נדבה, לויטן הדרת־פּנים פון אורח. עס זיינען געווען אויך אַזוינע שיינע יידן, וואָס פלעגן קריגן א האַלבן אָדער גאַנצן רובל. שיינע יידן הייסן אַזעלכע, וואָס קענען גוט לערנען און זאָגן ר׳ מאיר אביגדורן א שיינעם טייטש אין א פּסוק.

סעמיאַטיטשער שטאָטראַט

סעמיאַטיטשער שטאָטראַט איז פון לאַנגע יאָרן געווען אַ נעסט פון אַנטיסעמיטיזם. זיינע מיט־גלידער זיינען געווען 12 קריסטן און 2 יידן, כאָטש די יידישע באַפעלקערונג האָט אויסגע־מאַכט 70% פון שטעטל. די וואַלן זיינען שוין

אזוי געמאכט געוואָרן, אז מער ווי 2 יידן האָבן ניט געקענט זיין אין מאגיסטראט. די צוויי ראט־געבערס זיינען געווען: ר׳ פייוול ראדזינסקי, דער רייכער קאַכלעס־פאבריקאַנט, און דער אָרע־מער חסידישער קרעמער ר׳ איצע בראָנראָט, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן — איצע דער הינקעדיקער.

די קריסטן פלעגן כמעט אויף יעדער זיצונג האלטן אנטיסעמיטישע רעדעס און אויסלאַכן דאָס ביסל יידן. זיי פלעגן אָפן זאָגן, אז עס איז שוין צייט, אז די יידן זאָלן זיך אָפּטראָגן קיין פּאַלעס־טינע. א געפערלעכער שונא פון די יידן איז גע־ווען דער סעקרעטאַר פון שטאַטראט פיאלקאָוו־סקי, הגם ער האָט ליב געהאט יידישע פיש מיט בראָנפן און א גמילת־חסד אויף ניט אָפּצוגעבן.

אזוי ווייט דאָס געהאלטן שוין אין 1933. ר׳ פייוול ראדזינסקי האָט פשוט אויסגעמיטן צו קומען אין מאגיסטראט. ער פלעגט קומען אהין ניט מער ווי איין מאָל אין 6 מאָנאָטן. ער פלעגט זאָגן: שפייען אין פנים, זאָלן זיי קומען צו מיר. וואָס וועל איך פועלן, אז איך וועל גיין צו זיי? נאָר הערן חרפות און בושות. אָבער דער טייערער חסידישער ייד ר׳ איצע פלעגט גיין צו יע־דער זיצונג. איך האָב אים א מאָל געפרעגט: צו וואָס טויג דאָס אייך? פלעגט ער מיר זאָגן, אז עס איז בעסער פון גאָרניט. אָט וועל איך אייך ווייזן א פאַקט, זאָגט ער, פון היינטיקן טאָג. מען האָט געמאכט א פּראָטאָקאָל אַן אָרעמער אלמנה, וואס האנדלט מיט אייער אין גאס. מען האָט אויך צוגענומען ביי איר די אייער. בין איך אַוועק צום קאָמענדאנט און אלץ אָפּגעשריען. צוליב דעם אליין, האָט געטענהט ר׳ איצע, איז כדאי צו זיצן נאָך אַ יאָר אין מאַגיסטראַט און צונעמען אלע בזיונות פון די קריסטן.

סעמיאטיטשער כלי־זמרים

סעמיאטיטש האָט געהאט אן אייגענע קאַפּע־ליע כלי־זמרים און אויך א בדחן. דערפאַר איז די גאנצע פּראָווינץ געווען אונטערגעוואָרפן צו סעמיאטיטש. עס האָט ניט געקענט זיין קיין בעל־בתישע חתונה אָן דער קאַפּעליע. אָן דער קאַפּע־ליע האָט שוין די חתונה געהייסן א צווייט־ראַנ־גיקע און דאָס האָט פארקלענערט די חשיבות פון די מחותנים און פון דער חתונה. היות די מחו־תנים פלעגן ס׳רוב זיך פארבאָרגן אויף התונה, האָט מען שוין געבאָרגט אויך אויף די כלי־זמר.

דער הויפּט פון די כלי־זמר איז געווען שעפּסל דער פריזירער, א הויכער, זייער שיינער מאַנס־פּארשוין, מיט א פּאָר שווארצע פארדרייטע וואָנ־צעס ווי א פוילישער פריץ. ער האָט געהאט צוויי פרנסות, אָבער ער איז געווען א גאנץ שיינער אָרעמאן. אויך די איבעריקע כלי־זמר פון דער קאַפּעליע האָבן געהאט א צווייטע פרנסה און אויך זיי זיינען געווען גרויסע אָרעמעלייט.

די קאַפּעליע האָט אויף א חתונה געשפּילט א גרויסע ראָלע. דער ערשטער אויפשפּיל איז געווען גלייך קומענדיק אין שטעטל. אין מיטן טאָג, פאר דער חתונה, האָט מען אָפּגעשפּילט אַ פאָרשפּיל, וואָס האָט געהייסן „די שטיק". אויף א בעל־בתישער חתונה פלעגט געוויינטלעך גיין דאָס גאנצע שטעטל, מיט די פרויען און קינדער, און אפילו קריסטן פלעגן שטיין הינטער די פענצטערס. קיין זאָלן צו דינגען זיינען ניט גע־ווען, אָבער ביי די מער פארמעגלעכע איינוואוי־נערס זיינען געווען גרויסע צימערן, וואו מען פלעגט דורכפירן די חתונות. די גבירים פלעגן געבן זייערע צימערן אויף חתונות.

אַנשל דער בדחן איז געווען א גרויסער ספּע־ציאליסט צו באזעצן די כלה און דווקא אויף לשון־קודש. א שרעק פלעגט אָנפאלן אויף די ווייבער, ווען אנשל האָט אָנגעהויבן סטראַשען דער כלה. הגם די ווייבער האָבן ניט פארשטאַנען קיין לשון־קודש, דאָך האָבן זיי שוין געוואוסט, אז דאָס רעדט זיך וועגן די שרעקלעכע דריי זאכן... הגם אנשל בדחן אליין איז געווען א גאנץ פּראָסטער ייד, דאָך האָט ער זיך שוין פון יאָרן לאנג איינגעחזרט א סך פסוקים און אויך שטיק־לעך פון דער גמרא, אזוי אז ער פלעגט נעמען זאָגן ביים עסן גאנצע דרשות ווי א גרויסער למדן. ביים טיש פלעגט מען די כלי־זמרים דער־לאנגען פון שענסטן און בעסטן, ווייל אָן זיי וואָלט די חתונה באמת קיין שום טעם ניט גע־האָט.

חברה קדישא

ווען איר טרעפט אין מיטן וואָך אין גאס ר׳ מענדל בעקער אָנגעטאָן אין זיין זיידן שבתדיק היטל און דער שבתדיקער קאַפּאָטע, דאַרפט איר

שוין וויסן, אז עס איז דאָ אַ מת אין שטעטל. ר׳ מענדל איז פּרעזעס און דיקטאַטאָר אין חברה קדישא און דאָס שפּאַצירט ער איצט אַרום אין גאַס געוואויר צו ווערן וויפיל מען דאַרף נעמען פאַר דער חברה.

ער האָט שוין זיינע אַגענטן און געהילפן, וועלכע ברענגען אים ידיעות, וויפיל מען דאַרף נעמען. אָבער דאָס איז נאָר לשם אינפאָרמאַציע וועגן. דעם פּרייז שטעלט ער אַליין, ר׳ מענדל, און דאָס איז דער „לעצטער פּרייז״, ניט צו דינגען זיך. אַזוי זאָגט ער — דאָך איז ר׳ מענדל ניט קיין גזלן: ווען די יתומים און קרובים מאַכן אַ גרויסע יללה אין שטעטל און שתדלנים הייבן אָן צו גיין בעטן רחמים, ווערט ר׳ מענדל אַ ביסל ווייכער און סוף־סוף איז ער מסכים אָפּט אויף אַ האַלבן פּרייז. מען טענהט צו אים: האָט איר עס דאָך גלייך געקענט זאָגן. זאָגט ר׳ מענדל: וואָס מיינט איר, חברה קדישאס געלט איז הפקר, יעדער וועט געבן וויפיל ער וויל? דאָס מאָל — סטראַשעט ער — האָב איך נאָכגעלאָזט, אָבער ווייטער וועט דאָס ניט גיין. איר ווייסט דאָך, אַז דער פּאַרקאַן פון בית־החיים איז צעבראָכן און מען דאַרף אַ נייעם פּאַרקאַן.

דערווייל דרייען זיך אַרום ביי אים אין שטוב די חברה. הינדע, זיין ווייב, נעמט אַראָפּ פון שאַפע דעם גרויסן גאַנשער סליוואָק, געשטעלט אויף 96% ספּירט, און מען מאַכט דעם אמתן „לחיים״ לכבוד דעם מת.

ר׳ מענדל זאָגט, אַז בראַנפן און צובייסן גייט פון זיין קעשענע און דאָס וואָס מען רייסט פון טויטע און לעבעדיקע, גייט אַלץ צו פאַרריכטן דעם פּאַרקאַן אַרום בית־הקברות, וואָס איז פון אייביק אָן צעבראָכן. קיינער געדענקט ניט, ווען דער פּאַרקאַן פון בית־החיים איז צעבראָכן און דורות זיינען שוין געשטאָרבן און ים׳ען געלט האָט מען שוין גענומען — אָבער דער פּאַרקאַן איז נאָך אַלץ געווען צעבראָכן...

משה ווייסמאַן

דעם יידישן דאָקטאָרס נצחון

(ד״ר גאָלדבערגער)

כאָטש די מערהייט איינוואוינערס אין סעמיאַטיטש זיינען געווען יידן, דאָך האָבן די קריסטן זיך געפירט ווי די בעלי־בתים פון שטאָט. די יידן זיינען געווען „קאַמאַרניקעס״. אפילו דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז ווי געלעגן אין די הענט פון פּאָליאַקן: דער דאָקטאָר אַ פּאָליאַק און דער אַפּטייקער אַ פּאָליאַק. כידוע, האָט ניט יעדע יידישע פרוי און אפילו מאַן געקענט ריידן פּויליש. דער דאָקטאָר אַנטאָני האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלערנט אַ ביסל יידישע ווערטער און מען האָט זיך פאַרשטאַנען ווי עס איז. אָבער ווען ער איז פּלוצעם אַוועק פון שטעטל און ס׳איז געקומען אַ נייער פּוילישער דאָקטאָר, האָט זיך געביטן די לאַגע. דער דאָקטאָר איז געווען אַ „יעסטעם פּאָליאַק״ (איך בין אַ פּאָליאַק), און יידישע ווייבער, וועלכע זיינען צו אים געקומען זיך היילן, האָבן ווינציק פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט זיי געזאָגט.

איז דורך „קהל״ באַשלאָסן געוואָרן אַראָפּצוברענגען אַ יידישן דאָקטאָר אין שטעטל אַריין. זיין שליח, אַ ייד מיטן נאָמען מאַנעס, איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, פון וואַנען ער האָט אַראָפּגעברכאַט דעם יידישן דאָקטאָר גאָלדבערגער.

די יידישע באַפעלקערונג איז געווען שטאַרק צופרידן, ווען דער דאָקטאָר איז אָנגעקומען אין שטעטל אַריין. זי האָט אים ליב געקראָגן און געהאַט גרויס צוטרוי צו אים, וויל ער איז געווען אַ גוטער דאָקטאָר. געהיילט אַלע סאָרטן קראַנקייטן אין שטעטל.

שטאַרק אומצופרידן איז אָבער געווען דער פּוילישער דאָקטאָר אין שטעטל. כאָטש עס האָט אים אויך ניט אויסגעפעלט קיין פּרנסה, האָט עס אים

פארדראָסן, פאַר וואָס יידן האָבן זיך דערוועגט אַראָפּצוברענגען אַ יידישן דאָקטאָר, וואָס איז נאָך געוואָרן אזוי גיך באַליבט ניט נאָר ביי די יידן, נאָר אויך ביי אַ סך קריסטן. דערפאַר האָט ער גענומען בארעדן דעם יידישן דאָקטאָר. און טאָמער איז דער יידישער דאָקטאָר געווען פאַר־נומען און מען האָט געמוזט רופן דעם פוילישן דאָקטאָר, האָט ער ניט געוואָלט גיין, מחמת דער יידישער רופא איז שוין פריער געווען.

דער דאָקטאָר גאָלדבערגער איז געווען אַ קלו־גער מענטש. ער האָט געוואוסט, אַז סוף כל סוף וועט ער דעם פוילישן „קאָליעגע" אַ שנעל טאָן אין דער נאָז, אַז די „פּולישע יוכע" וועט זיך לאַנג אין אים ניט איינשטילן.

און ס'איז טאַקע אזוי געווען: אַרום דעם שטעטל האָבן זיך געפונען אַ סך פּריצישע הויפן. איינער פון די פּריצים, טשיטשירסקי, איז איין מאָל שטאַרק קראַנק געוואָרן. און דער פוילישער דאָקטאָר האָט ביי זיין געהויבענעם פּאַציענט „געטאָגט און גענעכטיקט". אָבער ער האָט דעם קראַנקן ניט „צוגעטראָפן". ווען דעם פּאַציענט איז געוואָרן אַלץ ערגער, האָט דער פוילישער דאָקטאָר געזאָגט צו די פּריצים, אַז ער וועט „איינלאַדן" אַ דאָקטאָר פון וואַרשע, כדי אָפּצו־האַלטן מיט יענעם אַ „קאָנסיליום" (אַ באַראַ־טונג). אָבער דאָס וואָלט דאָך גענומען אַ סך צייט. האָט עמעצער פון די הויפלייט געגעבן די עצה, אַז מען זאָל ברענגען פון שטעטל דעם יידישן דאָקטאָר. זיי האָבן דאָס איבערגערעדט מיטן פוילישן דאָקטאָר, וועלכער האָט מסכים געווען אויף דעם נאָר מיטן באַדינג, אַז דער „זשידעק" זאָל בלויז האָבן באַראַטונגס־רעכט.

ווען דער יידישער דאָקטאָר איז אָנגעקומען אין הויף אַריין, האָט מען אים מיט גרויס כבוד אַריינגעפירט אין דער רחבותדיקער פּריצישער שטוב, מיט די פאַרפוצטע סאַליעס, און מען האָט אים געהייסן אַריינגיין אין דעם פּריצס שלאָף־צימער.

אָבער דאָרטן האָט דאָקטאָר גאָלדבערגער ערשט דערזען... זיין „קאָלעגע", דעם פוילישן דאָקטאָר !..

דער יידישער דאָקטאָר האָט מיט גרויס כעס געפרעגט ביי די שטובלייט, נאָך וואָס האָבן זיי אים אהערגעברענגט, ווען לעבן קראַנקן שטייט אַ דאָקטאָר ? יענע האָבן אים אויפגעקלערט, אַז זיין „קאָלעגע" וויל זיך באַראַטן מיט אים.

נאָך דער דאָזיקער אויפקלערונג איז דאָקטאָר גאָלדבערגער נאָך שטאַרקער אין כעס געוואָרן און ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים צוריק אוועק־פירן אין שטעטל אַריין. ער האָט אָבער געגעבן זיי אַ ברירה: אויב זיי ווילן, אַז ער זאָל איבער־נעמען דעם קראַנקן, קען ער זיין שטעטל באַש־טיין אליין...

נאָך לאַנגע שטילע רייד איז דער פוילישער דאָקטאָר אוועק פון קראַנקנס בעט, דאָקטאָר גאָלדבערגער האָט אליין באהאנדלט דעם קראַנ־קן פּריץ, וועלכער איז טאַקע גאָר גיך געזונט געוואָרן.

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג האָט זיך קיינער אין שטעטל שוין ניט געוואונדערט, ווען מען האָט פאַר דעם יידישן דאָקטאָרס טיר געזען שטיין אַ רייכע קאַטש געשפּאַנט מיט צוויי פּיי־ערדיקע פערד. מען האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז אַ פּריצישער פּאַליאַק איז געקומען צו דאָקטאָר גאָלדבערגער זיך היילן...

אריה שפּיאַלטער

יעקב טיקאַצקי

איינער פון די אַקטיווע אַנגעזעענע קולטור־טוערס אין שטעטל איז געווען יעקב טיקאַצקי, אַן אינטערעסאַנטער, הויך אינטעלעקטועלער מאַן. טראָץ דער פרומער היים און דער ישיבה, וואו ער איז כמעט דערגאַנגען צו סמיכות אויף רבנות, איז ער גאָר שפּעטער געוואָרן א יידישיסט — א לערער, פאָטאָגראַף, לאַנגיאָריקער „לוביטעל"־שפּילער און רעזשיסאָר און פריי־געשטימטער מענטש.

הויך, שלאַנק, פעסט געבויט, מיט א שטאַרקן ווילן, האָט ער געפירט די גוט באַקאַנטע טיקאַצקי־שטוב. צוויי קלוגע אויגן אונטער די פּאַנסנע און צוויי געדיכטע וואָנצעס אונטער די ברייטע נאָזלעכער, א גרויסע טשופּרינע שוואַרץ־גרויע האָר — איז ער געווען „מיט א קאָפּ העכער" פון די אלע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט.

יעקב טיקאַצקי איז געבוירן אין נאָענטן שטעטל אָרלע, וואו זיין פאָטער איז געווען טע־טיק אין א קאַפל־פאַבריק. אין זיין יוגנט האָט ער געלערנט אין א ביאַליסטאָקער ישיבה און נאָך א געוויסן „איבערברוך" איז ער אריבער אין א קאָנסערוואַטאָריע, וואו ער האָט געלערנט שפּילן פידל.

אין סעמיאַטיטש האָט ער זיך באַזעצט אין ערשטן צענדליק יאָר פון היינטיקן יאָרהונדערט, ווי א שותף פון א קינאָ ביים ברעג טייך קאַמיאַנקאַ. ווען דער קינאָ איז צוליב א שרעקלעכער שריפה אוועק מיטן רויך, האָט יעקב טיקאַצקי אליין, מיט דער הילף פון לערביכער, זיך אויסגעלערנט פאָטאָגראַפיע, פון וועלכער ער האָט אלע יאָרן געהאַט שיין פּרנסה. ער האָט זיך מיט אייגענע כוחות גוט פאַרפולקומט אין פאַך און איז געוואָרן דער בעסטער פאָטאָגראַף אין אומגעגנט.

אויף צוויי געביטן האָט זיך טיקאַצקי פּאָפּולער געמאַכט אינעם סעמיאַטיטשער לעבן: זיין פאַר־צווייגטע טעטיקייט צווישן די בעלי־מלאכות אין שטעטל און זיין אָנפירן אַן אַמאַטאָרן־טעאַטער, וואָס האָט אויפגעפירט מער ווי א טוץ פּיעסן מיט גרויס דערפאָלג און אריינגעבראַכט א ניי לעבן צווישן דער יוגנט.

זיין טעטיקייט צווישן די האַנטווערקערס, סטאָליערעס, שטעפּערס, שוסטערס א"א איז פאַר־בונדן מיט די שווערע יאָרן פון ווירטשאַפטלעכער דעפּרעסיע, שטייערן־לאַסט, צערואינירטע יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

טיקאַצקיס שטוב איז געווען א בית־ועד, פון וועלכן ס'איז געפירט געוואָרן די אַקציע קעגן גראָבסקיס סעקוועסטראַטאָרן דורך גרינדן די לייקאַסע פון בעלי־מלאכות, די האַנטווערקער־רעפּרעזענטאַנץ אין מאַגיסטראַט, ווי אויך אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. טיקאַצקי איז גע־ווען דער „רעדנער" אין צייטן פון נויט און אפילו



יעקב טיקאצקי

אין צייטן פון זעלבסטשוץ קעגן כוליגאנישע איבערפאלן.

דער צווייטער געביט פון זיין טעטיקייט, דורך וועלכער ער איז פארבליבן אין זכרון פון סעמיאטיטשער, איז — די בינע.

באשאַנקען מיט א גרויסן ארטיסטישן טאַלענט און פעאיקייטן פון א פירער און אָרגאַניזאַטאָר, איז אים געלונגען צו ווערבירן די בעסטע אַרטיסטישע כוחות אין שטעטל און אויספירן פארשיידענע „שטאַרקע" פיעסן.

ווער געדענקט ניט טיקאָצקין אין „מאָטקע גנב", „זיבן געהאַנגענע", „מירעלע אפרת" און פיל אנדערע פיעסן, וואָס זייער אויספירונג האָט אריינגעבראכט יום־טוב אין די יוגנט־קרייזן.

טיקאָצקי איז אויך געווען א תלמיד־חכם. ער פלעגט פירן דיסקוסיעס מיטן גלח אין שטאָט, מיט די הויכע מאגיסטראט־לייט, און איין מאָל אפילו מיטן רב דמתא. אין איינער פון די דיסקוסיעס וועגן „גלוי ראש" האָט מען געבראכט צו הילף ספרים פון די סאַלאָטס און פון די נאָוויקס קעגן דער עקשנות פון טיקאָצקין. אזוי האָט אויסגעזען דער געוועזענער ישיבה־בחור, דער קולטור־טוער און האנטווערקער־פירער.

הרב יצחק שמידמאַן

ר' שמאי יודל יאבלאן

איך האָב געלעבט אין סעמיאטיטש סך־הכל פינף יאָר, פון 1921 ביז 1926, אָבער אַזוי פיל בשותפותדיקע טעטיקייטן און זכרונות האָבן אונדז צוזאמענגעבונדן אין די דאָזיקע עטלעכע יאָר, אז איך פיל זיך ווי איינער, וואָס איז דאָרטן אָפּגעווען לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

איך האָב געפונען אין סעמיאטיטש א לעבעדיקע, אַקטיווע און אידעאַליסטישע יוגנט אויף כמעט אלע געביטן. די יוגנט איז געווען פּאַרטייאיש באוואוסטזיניק, מיט אַ דורשט פאר תורה און פאר אלגעמיינעם וויסן. עס זיינען געווען אין שטאָט יידישע אָוונטקורסן. אָפט זיינען פּאַרגעקומען לעקציעס, רעפעראַטן, דיסקוסיעס. געווען אַ חשק ביי דער יוגנט צו שטייגן און ווערן גרעסער און העכער, צוליב דעם איז אויך געווען שטאַרק איר פארלאנג צו עמיגרירן אין גרעסערע שטעט און קיין אויסלאַנד.

ווי אַן איידעם אויף קעסט, וואָס איז געקומען פון סאָקאָלאָוו מיט א רעפּוטאַציע פון א רבי פון תפארת־בחורים און שעור־זאָגער אין ישיבה, מיטגרינדער פון „צעירי־מזרחי" אין פוילן און מיטגליד פון ערשטן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין ווארשע, — איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז איך בין גלייך אריינגעצויגן געוואָרן אין קהלשער ארבעט.

איך פלעג לערנען פארן עולם און אויסטייטשן די פרשה פון דערוואָך אלע פרייטיק צו נאַכט אין נייעם בית־המדרש. איך פלעג ארבעטן פארן אָרטיקן „מזרחי" און האָבן אספות מיט די ראשי־הקהל און פירנדיקע בעלי־בתים פון שטאָט, ווי הרב לוי ביעליצקי, ר' שמואל בעלקעס, ר' אלחנן קמחי, ר' אליה מאזור, ר' ביינוש יאבלאן, ר' נחום יאבלאן, ר' משה סלאָכאָווסקי, ר' דוב ריבאָווסקי, ר' קלמן ראָזנבוים, ר' צבי כאמסקי, ר' מענדל מאָנטשער, ה' זיגלבוים, ה' מלאך, ה' וויינשענקער, ה' שיינקער, ר' מאיר אביגדור, ר' פייוול ראַדזינסקי, ר' משה מאָנטשער און אנדערע. אויך „עמך" האָט גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין אַלע שטאָטישע און קהלשע טעטיקייטן. זייער פּאָרשטייער איז דאָס רוב געווען ר' פישל סטאָלער. די ענגע אספות און באראטונגען פלעגן פאָרקומען אין בית־דין שטוב פון הגאון ר' יוסף יאסעלעוויטש, אב"ד פון שטאָט.

סעמיאטיטש האָט פארמאָגט טיפּן יידן, וואָס מיט זייער אַרט לעבן האָבן זיי געדינט ווי א מוסטער פון נאָבעלקייט, גוטסקייט און ערלעכקייט. וועגן איינעם פון זיי, ר' שמאי יהודה יאבלאן, וויל איך דאָ שרייבן עטלעכע ווערטער. ר' שמאי האָט געקראָגן זיין פּאָפּולאַריטעט דורך זיין פשטות, גוטסקייט, רחמנות און אהבת־הבריות.

ער האָט געהאָלפן אלעמען מיט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט. צו הילף אין זיינע מעשים־טובים איז אים געקומען זיין לעבנס־באַגלייטערין, די ארבעטזאַמע, אַקטיווע און גוטהאַרציקע אשת־חיל עלקע גיטל אָדער עלקע ר׳ אהרן דוד הללס. די טיר אין זייער הויז אויף פּילסודסקי־פּלאַץ האָט זיך קיינמאָל ניט צוגעמאַכט. ווען מען איז געקומען און ווער עס איז געקומען, האָט געטראָפן אַן אָפענע טיר. זיי האָבן געהאָט אַ שפּייזקראָם, פלעגן זיי נעמען פאַרשיידענע זאַכן פון דאָרטן און ברענגען שטילערהייט צו אָרעמע און קראַנקע פאַמיליעס. זיי האָבן אויך געגעבן אויף באָרג צו פרויען און קינדער פון מענער, וואָס האָבן עמיגרירט אין ווייטע לענדער. מיט זייער בעקעריי האָבן זיי געהאָלפן זעטיקן הונ־געריקע מיט ברויט — און דאָס אויך אין צייטן, ווען אַ שטיקל ברויט איז געווען מיט גאָלד צו גלייך.

ווער עס האָט געדאַרפט א גמילות־חסד, איז דאָס ערשטע געלאָפן צו ר׳ שמאי יודלען. פיל מאָל האָט ער אַליין געליען געלט ביי אנדערע און גע־צאָלט דערפאַר צינדזן, כדי צו באַזאָרגן א גמילת־חסד פאַר אנדערע. האָט ביי אַן אָרימאַן אריינ־געריגנט פון דאַך, האָט ר׳ שמאי יודל געשיקט א בעל־מלאכה צו פאַרריכטן דעם דאַך און אַליין באַצאָלט פאַר דער ארבעט.

נאָך א שווערן טאָג פון האָראָוואַניע און ארומ־לויפעניש פלעגט ער זיך אריינכאַפּן אין נייעם בית־המדרש און בין מנחה למעריב לערנען פאַרן עולם א פּרק משניות, א בלאַט גמרא.

ר׳ שמאי יודל האָט זיך אויך באַטייליקט אין אלע קהלשע ענינים און עוסק געווען בצרכי ציבור באמונה. געווען גבאי אין חברה קדישא און אַליין עוסק געווען אין חסד של אמת.

ר׳ שמאי יודל איז פאַרבליבן אין סעמיאַטיטש צו טיילן דעם גורל מיט זיינע ברידער יידן. ער און זיין פרוי מיטן זון אלטער, פרוי און קינדער און מיט דער טאָכטער זיסל, מאַן און קינדער, זיינען אלע אומגעקומען אין סעמיאַטיטש.

הענלען לאַנדינסקי

ש. י. לאַנדינסקי

(ביאָגראַפישע נאָטיצן)

דער נאָמען שמואל יקיר שטאַמט פון זיין עלטער־זיידן פון זיין פאָטערס צד — דעם מאָד־זשעצער רב. זיין פאָטער יעקב האָט זיך דער־צויגן אין דער רבנישער שטוב, געלעבט און אויסגעוואַקסן א גרויסער חסיד — א מקורב אין גערער הויף. שמואל יקירס מאַמע חיה שרה איז געווען די טאָכטער פון ר׳ הערש פעשעס — א משכיל, א העברעיער און א תלמיד פון ווילנער גאון.

ש. י. לאַנדינסקי איז געבוירן געוואָרן אין סע־מיאַטיטש דעם 8־טן אפּריל 1889. יינגלווייז גע־לערנט אין חדר. צו עלף יאָר האָט אים זיין פאָ־טער אוועקגעשיקט אין נאָוואָמינסקער ישיבה, און שפּעטער אין לאָמזשער ישיבה, וואו ער האָט נאָר געלערנט איין יאָר. נאָך לאָמזשע קומט ער קיין ווילנע אין דער ראמיילעס ישיבה, וואו ער האָט געלערנט צוויי יאָר אחוץ יידישע לימודים אויך די רוסישע שפּראַך. דאָרט איז ער אריינגע־צויגן געוואָרן אין ווילנער „פּועלי־ציון פּאָליטי־שע קעמפער״, און אין יאָר 1905 איז ער ארעס־טירט געוואָרן מיט א העקטאָגראַפישער פּראָ־קלאַמאַציע אין בוזעם־קעשענע.

אין ווילנער, גראָדנער און ביאַליסטאָקער תפיסות האָט ער זיך נאָך מער באַקענט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער 16־יאָריקער לאַנדינסקי איז געוואָרן א סאָציאַליסט. נאָכן באַפרייען פון די תפיסות, איז ער געשיקט געוואָרן פון צענטראַלן קאָמיטעט קיין סעמיאַטיטש, כדי דאָרט צו פירן די פּאַרטיי־ארבעט.



ש. י. לאַנדינסקי

מיטן אנטשטיין פון דער יידישער פּרעסע אין וואַרשע איז ער געוואָרן א מיטאַרבעטער אין „מאָמענט". גלייכצייטיק געוועזן לערער און מיט־גליד פון וואַרשעווער לערער־פאַראיין. אין „מאָ־מענט פלעגט ער שרייבן פון „וואַרשעווער אַר־בעטער־לעבן" און פון „וואַרשעווער אַרבעט און נויט" אונטער פאַרשיידענע פּסיידאָנימען: בו־בני, ש. לאַנסקי א. א. ער האָט אויך מיטגעאַר־בעט אין דעם „פּראָלעטאַרישן געדאַנק".

אין 1914 איז ש. י. לאַנדינסקי געוועזן דער אי־ניציאַטאָר, גרינדער און פאַרוואַלטער פון דער ערשטער פּראָלעטאַריש־ציוניסטישער אַרבע־טער־קיך אין וואַרשע. די נויט פון די יידישע אַרבעטערס איז געוועזן גרויס און דאָס איז גע־וועזן די וויכטיקסטע טעטיקייט אין יענעם מאָ־מענט. די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך גרופּירט אַרום די דאָזיקע אַרבעטער־קיכן. ער איז אויך געוועזן דער גרינדער פון דער שפּעטער באַרימטער „פּועלי־ציוניסטישער אַרבעטער־היים".

אין 1915 האָט ש.י. לאַנדיסקי איבערזעצט פון רוסיש די באַרימטע פּועלי־ציוניסטישע „נאַשאַ פּלאַטפאָרמאַ". ער האָט שפּעטער געוואָלט פאַר־אייניקן „פּועלי־ציון" מיט „בונד". נאָר דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. איז ער פּאָליטיש אַוועק פון דער פּראָלעטאַריש־ציוניסטישער באַוועגונג. צו יענער צייט איז געשאַפן געוואָרן די י. ל. פּרץ קינדערהיים אויף גענשע 7. דאָס איז געוועזן די עמבריאָ פון דער יידישער שול־באַוועגונג אין פּוילן.

יעקב דינעזאָן האָט איינגעלאַדן לאַנדינסקין מיטצואַרבעטן ביים שאַפן די קינדער־היים, בפרט צו שאַפן קינדער־לידער, וואָס זיינען דאָן בכלל ניט געווען בנמצא אין יידיש. צו די דאָזיקע קינ־דערלידער, וואָס זיינען דערשינען אין בוכפאָרם אין וואַרשע אין יאָר 1918 מיט א גרעסערן פאָר־וואָרט פון יעקב דינעזאָן, האָבן לעאָ ליאָוו, שני־אור, דאַווידאָוויטש, גלאַטשטיין, געלבאַרט א. א. געשאַפן מוזיק. די לידער זיינען געזונגען גע־וואָרן אין די יידישע שולן אין פּוילן און ווייט איבער די גרענעצן פון פּוילן, אויך אין אַמעריקע.

אין דער דאָזיקער קינדערהיים האָט זיך ש. י. לאַנדינסקי באַקענט מיט העלען טויבנבלאַט — די איניציאַטאָרין און איינע פון די גרינדערינס פון דער ערשטער קינדערהיים. א רייכע, חסידי־שע טאָכטער פון אן אָנגעזעענעם גערער חסיד אין וואַרשע. זיי האָבן חתונה געהאַט אין דעצעמ־בער 1919. לאַנדינסקיס עלטערן האָבן שוין דאַן ניט געלעבט. הלל צייטלין ז"ל און זיין פרוי (לאַנדינסקי פלעגט אָפט קומען אין זייער הויז) זיינען געווען די מחותנים און די אונטערפירערס, פון חתנ'ס צד, צו דער חופּה.

אין 1916־1917 האָט לאַנדינסקי געהערט צו דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד". ער האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט מעדעמען ביים וואָכנבלאַט „לעבנס־פראַגן".

אין 1920 האָט לאַנדינסקי געגרינדעט א ליטע־ראַרישן פאַרלאַג „די צייט". ער האָט אריינגע־בראַכט א סך נייעס אין יידישן פאַרלאַגס־וועזן אין פּוילן, איינפירנדיק נייע פאָרמען פון צאָלן האָנאָראַר דעם מחבר פאַר א מאַנוסקריפּט.

כדי צו פאַרברייטערן און פאַרטיפן זיין וויסן, האָט ער אין 1924 פאַרקויפט זיין פאַרלאַג און זיך באַזעצט מיט זיין משפחה אין פּאַריז. פון פּאַריז האָט ער געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פאַרן „מאָמענט" און אַנדערע אויסגאַבן אין פּוילן

און שטודירט אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע ווי א פרייער צוהערער. זיין חיונה האָט ער אָבער ניט געוואָלט שעפּן פון זיין שרייבן, האָט ער גע־גרינדעט א פאָטאָגראַפישע אגענטור פאַר דער פּרעסע, ער פלעגט צושטעלן ארטיקלען מיט פאָטאָגראַפיעס צו דער גאַנצער אייראָפּעאישער פּרעסע, און א דאַנק זיין וויסן, פעאיקייטן און אויסערגעוויינלעכע נייע אידייען איז ער אין א קורצער צייט בארימט געוואָרן מיט זיין אינטער־נאַציאָנאַלער פאָטאָ־רעפּאָרטאַזש אגענטור.

אין 1933, מיטן אויפקום פון היטלערן, האָט לאַנדינסקי אָפּגעשטעלט זיין פאָטאָגראַפישע אר־בעט פאַר דייטשלאַנד, ארויסגעגעבן אין פּאַריז א יידיש־פראַנצויזישן זשורנאַל: „דער פּוילישער ייד".

היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט אָנגע־וואָרפן א שרעק אויף די פוילישע יידן אין דייטשלאַנד. זיי האָבן מיט זייערע משפחות פאַר־לאָזן זייערע היימען און געקומען קיין פּאַריז. לאַנדינסקי האָט דאַן געגרינדעט א פאַראיין פון „פּוילישע יידן פליכטלינגע פון דייטשלאַנד". ער האָט אויסגענוצט זיינע קאָנטאַקטן מיט דער פוי־לישער עליטע און געווירקט, דורך דער פּויל־ישער אמבאַסאַדע, אז דאָס פראַנצויזישע אויסערן־מיניסטעריום זאָל העלפן די אומגליקלעכע פּליטים.

דער אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געטראָפן לאַנדינסקין און זיין מש־פּחה אין וואַרשע. אין דער נאַכט פון 6טן אויפן 7טן סעפּטעמבער 1939 האָט לאַנדינסקי מיט זיין משפחה פאַרלאָזן וואַרשע צו פוס. דריי יאָר גע־וואַנדערט איבער צען לענדער און סוף־סוף אָנ־געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1942.

צוויי יאָר האָט ער געאַרבעט איבער זיין בוך: „לידער פון א פליכטלינג", וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1948. די יידישע קריטיק האָט דאָס בוך וואַרעם אויפגענומען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע לידערבוך פון א יידישן דיכטער, וואָס האָט אליין איבערגעלעבט די גרוילן פון מלחמה און חורבן.

אין די לעצטע 14 יאָר פון לאַנדינסקיס לעבן אין ניו־יאָרק האָט ער פאַרעפנטלעכט לידער און ארטיקלען אין כמעט אלע יידישע אָרגאַנען פון אמעריקע און קאַנאַדע.

אין 1948 האָט ער אָנגעהויבן ארויסצוגעבן א זשורנאַל „די אילוסטרירטע יום־טוב בלעטער". געוואָלט ארויסגעבן דעם זשורנאַל 4 מאָל אין יאָר. זיין שוואַכער געזונטצושטאַנד האָט אים אָבער דאָס ניט דערלויבט. עס זיינען דערשינען בלויז 8 נומערן אין פאַרלויף פון 3 יאָר.

אין יאָר 1952 האט לאַנדינסקי ארויסגעגעבן א רייך אילוסטרירט בוך: **„אסתר המלכה אין שפּיגל פון דורות"**.

די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן, ווען ס'איז אים פשוט שווער געווען צו שרייבן, פלעגט ער זיך אָפּגעבן מיט מאָלעריי. זיינע צייכנונגען און בילדער אין קאָלירן האָבן א סך קינסטלערס באַ־וואונדערט.

דעם 26טן אויגוסט 1956, האָט לאַנדינסקי אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

אין זיינע לעצטע איבערגעבליבענע לידער שילדערט ער זיינע קאָשמאַרנע נעכט אין שפּי־טאָל. ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן זיי־נען אים נאָכגעגאַנגען „די אויגן וואָס גליען אין אַש".

ש. י. לאַנדינסקי

יזכור

(פראַגמענטן)

א.

איך בין נישט מער פּאָעט, איך בין נישט מער עסטעט.
איך זינג צוזאַמען מיטן ווינט: — „על חטא״!
און מיט פאַרוועלקטעביימער יאָמער איך בקול רם:
„בושנו מכל עם״!
אין מיינע אויערן קלאַגן נאָך די פּאַליעס פון ים,
פאַר מיינע אויגן צאַפּלט נאָך אין רויך דער פלאַם
פון אונדזערע ישובים, שטעטלעך, און שטעט...
און מיינע ליפּן קאַרטשן זיך דריי מאָל א טאָג
אין שפוך־חמתך־געבעט.

איך שעלט?
ניין. יעדע רגע וואויג איך די וועלט
אויף דיין, אל נקמות, וואָג.

ב.

... זינג דעם צאָרן
פון לעבעדיק פאַרשאָטענע,
פון לעבעדיק צעטראָטענע,
פון לעבעדיק פאַרברענטע,
פון קובליעס ביינער צעסמאָלעטע,
אומדערקענטע...

זינג דעם לעצטן ווילן
פון אומשולדיק צעשאָסענע, צעשינדענע,
אין לעצטן פּיין־וועג געפאַנגענע,
ווי שאָף געבינדענע.

זינג מיט זקנות „גאָט פון אברהם״ אויף
ברענענדיקע ליפּן,
די מיליאָנען פאַרלאָשענע שבת־ליכט,
די הבדלות, וואָס צאַנקנדיק כליפּן,
און די וואָס צאַנקן, ווי הבדלות, אין
גאַז־קאַזמאַטן,
און די וואָס בעטן אויף זיך דעם טויט,
געמאַטערט אונטער קראַטן.

אָ, צינד מיט דעם ליד אונדזער נר־תמיד אָן
ביי א שווייגנדיק אָראַפּגעלאָזטער פאָן
איבער דעם ברודער־קבר פון זעקס מיליאָן.

בן ציון מאזור

ר׳ אליהו מאזור

ר׳ אליהו מאזור איז געווען 25 יאָר גבאי אין נייעם בית־מדרש. ער האָט ניט בלויז געזאָרגט פאַר דעם, אז די מתפללים זאָלן דערפילן זייער חוב צו זייער מקום קדוש, נאָר קודם כל האָט ער אליין דערפילט זיין פליכט. בכלל האָט ער געהאַלטן, אז איידער מען קומט פאָדערן פון עמעצן צו טאָן א מצוה, דאַרף מען צו ערשט זי אליין טאָן.

ניט איין מאָל האָט ר׳ אליהו אליין געדעקט די פאַרשיידענע הוצאות פאַרן נייעם בית־מדרש. עס געדענקט זיך א פאַל, ווען מען האָט געוואָלט אויסמאָלן דעם בית־מדרש מיט שיינע, פּאַ־

סיקע פיגורן פון דער יידישער געשיכטע. אין סעמיאטיטש גופא און אין די ארומיקע שטעטלעך זיינען ניט געווען קיין צוגעפּאַסטע בעלי־מלאכות פאר אזא ארבעט. האָט ר׳ אליהו זיך אויפגעהויבן און אוועקגעפאָרן אזש קיין בריסק און אַראָפּגעבראַכט פון דאָרטן צוויי שטומע ברידער, וועלכע זיינען געווען קינסטלערס אין זייער פאַך. זייער אַרבעט האָט זיך געצויגן גאַנצע זעקס חדשים. ר׳ אליהו האָט געזאָרגט די גאַנצע צייט פאר זייער אויסהאַלטונג.

ר׳ אליהו האָט זיך ניט באַנוגנט נאָר מיטן בית־המדרש. ער האָט אויך געפונען צייט און ענערגיע פאר אלע איבעריקע יידישע מוסדות אין שטאָט; צי איז דאָס געווען לינת־הצדק, ביקור־חולים, הכנסת־כלה אָדער אָן אנדערער מוסד. אומעטום און ביי יעדער געלעגנהייט איז ער געווען פון די ערשטע מנדבים, כאָטש ער איז ניט געווען פון די גרעסטע נגידים אין שטאָט.

ר׳ אליהו האָט זיך באמיהט צו צעטיילן צדקה, אייגענע און צונויפגעקליבענע, בסתר. ער האָט ניט געוואָלט, אז די געהאָלפענע זאָלן גיין דאַנקען זייערע העלפערס, און דער עיקר — אַז זיי זאָלן זיך ניט דאַרפן שעמען פאר זייערע בעלי־טובות. עס האָט ניט איינמאָל געטראָפן אין א ברענענדיקן פראָסט, ווען ר׳ אליהו האָט אין א מאַרקטאָג אייגעקויפט עטלעכע וועגעלעך האָלץ, וואָס ער האָט דערנאָך, צוזאמען מיט זיינע זין, עס צעוואָרפן פאר די פאַרפרוירענע פענצטערלעך פון די אָרימע הייזקעס, כדי מען זאָל ניט וויסן, ווער דאָס האָט געטאָן.

א סך האָט ר׳ אליהו אויפגעטאָן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די דייטשן האָבן געהאָט פאַרבאָטן צו ניצן ווייס מעל, איז געווען צרות מיט באַזאָרגן יידן מיט מצות. די רייכערע האָבן זיך שוין ווי ס׳איז אָן עצה געגעבן, אָבער וואָס טוט מען מיט די אָרעמע לייט? — ר׳ אליהו איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געזאָרגט פאר מעות חטים און אזוי געהאָלפן באַזאָרגן די אָרעמע מיט מצות אויף פסח.

אין קריגסצייט זיינען געווען אין סעמיאטיטש א סך יידישע „בעזשנצעס" (פליטים) פון די ארומיקע שטעטלעך. ר׳ אליהו האָט פיל געטאָן זיי צו העלפן.



ר׳ אליהו מאזור

צווישן די דייטשע סאָלדאַטן אין סעמיאטיטש זיינען דעמאָלט געווען אויך יידן. האָט ר׳ אליהו און נאָך עטלעכע בעלי־בתים פון שטאָט אויסגעפועלט, אז די יידישע סאָלדאַטן זאָלן קענען פּראַווען דעם „סדר" אין יידישע הייזער.

א קורצע צייט פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ר׳ אליהו געהאָלפן שאַפן אין שטאָט א שפּאָר און ליי קאסע, וואָס האָט געגעבן הלוואות אָן פּראָצענטן. איר קאסירער איז געווען ר׳ נחמן קאפּלאן.

ווען עס פלעגט אָנקומען געלט פון אמעריקאנער לאנדסלייט אויף צו פאריכטן דעם פּאַרקאַן פון בית־עולם, פאר די שולן אָדער אנדערע שטעטלשע הצטרכותן, האָט ר׳ אליהו זיך מתעסק געווען צוזאמען מיט אנדערע אויך מיטן צעטיילן דאָס געלט.

די אמעריקאנער לאנדסלייט פלעגן שיקן געלט אויף פאר דער תלמוד־תורה. דאָס געלט איז אָבער ניט געווען גענוג. איז לויט ר׳ אליהוס איניציאטיוו געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלע קאַסע צו באַזאָרגן די תלמוד־תורה מיט די איבעריקע נייטיקע מיטלען.

עס אי איבעריק צו זאָגן, אז אין ר׳ אליהוס

שטוב זיינען תמיד געווען אָרעמע אורחים ביים טיש, ביחוד אין די שבתים. וואָס שייך אורחים אויף שבת, האָט ר׳ אליהו געהאַט אַן אייגענעם מנהג: צו ערשט פלעגט ער לאָזן אנדערע בעלי־בתים נעמען אַן אורח לשבת און די פארבליבענע פלעגט ער נעמען צו זיך. האָט טאַקע ניט איינמאָל געטראָפן, אז ער איז געקומען פרייטיק צו נאַכטס מיט עטלעכע אורחים אהיים.

איין מאָל האָט אָפּגעברענטט לעבן דראָגאָטשין א דאָרף, וואו עס האָבן געלעבט מערערע יידן. האָט ר׳ אליהו, צוזאַמען מיט אנדערע, א גאנצע נאכט געבאקן ברויט און אויף מאָרגן פרי אָפּגעשיקט פיר וועגענער לעבלעך ברויט צו די נשרפים.

צו ר׳ אליהו פלעגן א סך יידן גיין אויף בוררות, וואָס פלעגט פאָרקומען טאַקע אין זיין הויז. בוררים פלעגן אויך זיין ר׳ חנא קמחי און ר׳ מאיר אביגדור ראַפּאַלאָווסקי.

ר׳ אליהו האָט זיך באַטייליקט אין א ציוניסטישן צוזאמענפאָר אין 1911. ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער זיינס א זון, וואָס איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן, א נאָמען געגעבן בן־ציון. ער איז אויך געווען א שטענדיקער אבאָנענט פון „הצפירה״ און האָט א סך געהאָלפן אין דער ציוניסטישער ארבעט.

ווען ר׳ אליהו האָט געזען, אז די פערספעקטיוו פאר יידן אין סעמיאַטיטש זיינען ניט קיין גוטע, האָט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, וואוהין ער האָט שפּעטער אריבערגענומען זיין משפחה. אין נייעם לאנד האָט ער ניט געהאָט קיין סך נחת. ער איז געווען מנהל פון משרד „כנסת הרבנים״, אָבער די גאַנצע פירונג דאָרטן איז אים ניט געפעלן געוואָרן און ער איז אַוועק פון אַט דער שטעלע. שפּעטער איז ער געוואָרן משגיח אין מאַנישעוויטשעס מצות־פאַבריק. ער האָט אָבער צו פיל מחמיר געווען אין די כשרות פון די מצות, און די בעלי־בתים האָבן אים געהייסן גיין. אין די לעצטע 5 יאָר פון זיין לעבן איז ער געווען שוחט און רב אין פארט אמבא, וואו ער איז נפטר געוואָרן ט״ז כסלו, תרצ״ט.

אפילו אין די נייע און פיל שווערערע באדינגונגען פון יידישן לעבן אין אמעריקע האָט ער ווייטער זיך עוסק געווען בצרכי צבור אויפן אלטן שטייגער, ווי ער איז געוואוינט געווען עס צו טאָן אין זיין היימשטאָט. אויך דאָ האָט ער א סך געזאָרגט פאר מעות־חטים און אויף העלפן נויטבאדערפטיקע מיט מתן בסתר.

די השפעה פון ר׳ אליהו מאזור אויף זיין משפחה איז געווען זייער גרויס אפילו אין אמעריקע. זיינע קינדער און אייניקלעך זיינען ס׳רוב זיך עוסק אין צרכי ציבור. פונקען פון זיין גייסטיקן איינפלוס זיינען געבליבן אין זיי.

יעקב מארמור

די באבע מלכה

ווען מען קוקט אויף פאָטאָגראַפיעס, שיינט די באבע צו זיין א קליינינטשקע, א דיקע און אויך א שטרענגע. איך אָבער, דאָס אייניקל, וויס בעסער. די באבע איז געווען הויך און זייער גוט...

די באבע האָט געוואוינט אין א גרויס הויז, וואָס דער זיידע האָט אַמאָל געבויט. זעקס קינדער אירע זענען דאָרט אויפגעוואַקסן און פאַרלאָזן די שטוב, די שטאָט און דאָס לאנד. ווען דער זיידע איז געשטאָרבן, איז די באבע געבליבן מיט איין טאָכטער. זי פלעגט באקומען א סך בריוו פון ארץ ישראל און פון אמעריקע. אַמאָל פלעגט זי אויך באקומען פאָטאָגראַפיעס.

— זעסט, יאַנקעלע, — זאָגט די באבע און ווייזט מיר די פאָטאָגראַפיעס, — אָט דאָ האסטו דיין מימען ברײנע מיטן פעטער רובין פון אמעריקע און דאָס איז זייער קינד, א מיידעלע, זי הייסט מרים.

איך קוק אויף די פאָטאָגראַפיעס און איך זיי א פיצעלעס, און די באבע זאָגט מיר אז דאָס איז מיינע א קוזינקעלע.

עס גייט אדורך א צייט און די באבע וויזט מיר נאָך א פאָטאָגראפיע און זאָגט:

— זייסט, מיין קינד, דאָ האָסטו דיין פעטער אורי און דיין מימע אוסנת פון ארץ ישראל און זייער מיידעלע, יעל.

עס פארלויפן נאָך עטלעכע מאָנאַטן און די באבע וויזט נאָך א בילד און זאָגט:

— קוק, יאנקעלע, דאָ האָסטו דיין מוהמען שאשע און אַנקל בנימין פון אמעריקע, און דאָס איז זייער יינגעלע, יואל, נאָך דיין זיידן.

און די באבע ווישט עפעס די אויגן.

עס גייט אוועק א צייט און צו די פאָטאָגראַפיעס, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אויף דער דער קאָמאָדע, קומט צו א נייע, און די באבע זאָגט:

— דאָ האָסטו דיין מימע מרים און פעטער אַנטשל פון ארץ ישראל און דאָס איז זייער קינד, יואל. און מיטשע דיין מימע פלעגט דיר טראָגן אויף אירע הענט ווען דו ביסט געווען א פיצעלע, אזוי ווי יואל יעצט.

און טרערן גיסן זיך פון דער באבעס אויגן.


— באבע, דו וויינסט?

— ניין, — זאָגט די באבע, — עס איז מיר עפעס אריין אין אויג.

די יאָרן לויפן און איך באקום מער קוזינען און קוזינקעס, און דער באבעס אויגן ווערן רויטער און רויטער.

דער קריג איז געקומען און די באבע איז געוואָרן אָפּגעשניטן ניט נאָר פון אירע קינדער אין אויסלאנד, נאָר אויך פון איר זון: מאיר איז פארבליבן ביי די דייטשן און צו דער באבען זענען געקומען די רוסן. און די רוסן האָבן אויסגעפונען, אז די באבע איז א קאַפּיטאַליסטקע. און מ'האָט נאַציאָנאַליזירט דאָס הויז. שפּעטער האָבן זיי איינגעזען, אז דריי צימערן מיט א קיך איז צופיל פאר דער באבען מיט אַ טאָכטער און אַן אייניקל, און מען האָט איר צוגענומען דעם גרעסטן צימער פאר א רוסישן אָפיציר מיט א פרוי און קינד.

איך געדענק, אז פונקט ווען די רוסן האָבן זיך צו אונדז אריינגעצויגן, האָט די באבע געהאַט עגמת־נפש: אונדזער א הינדל, וואָס איז געווען אַ גוטע אייער־לייגערן, איז פארפאלן געוואָרן.



די באבע
ר' יואל און מלכה מארמור

פונקט ווען עס איז געוואָרן שווער מיטן עסן און אַלץ איז געווען זייער טייער.

מיר דאַכט זיך, אז די גרעסטע צרות האָבן זיך אָנגעפאַנגען פאר דער באבען דעם טאָג, ווען די רוסישע פאמיליע האָט זיך באזעצט ביי אונדז. אין די גרויסע פּראָבלעמען האָט זיך די באבע פארלאָזט אויף גאָט, ער האָט איר שוין אַמאָל געהאָלפן איבערלעבן א מלחמה מיט די דייטשן און די רוסן. און דערזעלבער גאָט האָט אויך אַכטונג געגעבן אויף אירע קינדער און אייניקלעך, וועלכע זיינען געווען ווייט, און זי האָט האַרציק געבעטן גאָט פאר זיי און געגלויבט, אז גאָט וועט אויך איצט העלפן.

די באבע האָט זיך גענומען זייער שטאַרק צום הארצן צוליב די רוסישע לאָקאַטאָרקע, נאַטאַשע האָט זי געהייסן. אָט די נאַטאַשע האָט גענוצט די באבעס קיך. זי האָט געהאַט מיט זיך פון רוסלאנד נאָר א פּאָר סאַגאַננדלעך, און די באבע האָט אויף איר רחמנות געהאט און איר געגעבן עטלעכע טעפּ און א פּעטעלניע. און דאָס איז געווען א גרויסער פעלער, ווייל ווען נאַטאַשען פלעגט אויספעלן א טאָפּ פלעגט זי לייען ביי די באבען אָן צו פרעגן. און א כלי, וואָס איז אריין

אין נאַטאַשעס הענט, האָט שוין די באבע ניט געוואָלט נוצן. ווייל נאַטאַשע האָט ניט געהאַט דעם קלענסטן אַהנונג וועגן מילכיקס און פליי־שיקס און וועגן כשר און טריפה׳ס. נאַטאַשע האָט אויך ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די באבע, וואָס האָט איר אַליין געגעבן טעפּ, מאַכט פלוצלינג א געוואַלד צולים א טעפּעלע און נאָך אַלעמען גיט זי איר אַוועק דאָס טעפּעלע און וויל עס מער ניט נוצן.

און איך זע, אז די באבע איז גאנצע טעג אין קיך, שייערט דאָס געפעס און זיפצט זייער טיף. און צום ערשטן מאָל דורך אלע יאָרן הער איך די באבען טענהן מיט איר גרויסן גאָט:

— יאַנקעלע, — פלעגט די באבע פרעגן זייער אָפט, — האָסט ניט געזען, צי נאַטאַשע האָט גע־נוצט אָט דעם טאָפּ?

— איך ווייס ניט, באבע.

און די באבע פאַרוואַרפט דעם קאָפּ און קוקט צום סופיט. זי פאַרברעכט די הענט און זאָגט:

— גאָטעניו מיינער, פאַרוואָס שטראָפסט דו מיר אזוי?

און איך זע, אז די באבען קאָסט דאָס געזונט. אפילו דער פאַקט, אז דאָס הינדל, די גוטע אייערלייגערן, וואָס איז פאַרשוואונדן, איז איצט צוריקגעקומען מיט 8 קורטשאַקלעך, ברענגט איר ניט קיין פרייד. און מיר דאַכט זיך, אז די באבעס גרעסטער שונא איז ניט דער דייטש און ניט דער רוס, נאָר טאַקע אָט די נאַטאַשע.

מאַכט זיך א מאָל אז נאַטאַשע ווערט שווער קראַנק און בלייבט ליגן אין בעט מיט הויכע היץ. מען רופט א דאָקטאָר און ער זאָגט, אז מען מוז איר שוין שיקן אין שפּיטאָל, בכן עס איז א שווערע לונגען־אנטצינדונג. אין דער שפּיטאָל איז אין ביאַליסטאָק, און קיין מאַשין קען מען ניט קריגן, נאָר פערד און וואָגן. דער דאָקטאָר שאָקלט מיטן קאָפּ און נאַטאַשע פאַרבלייבט אין שטוב. און די גאנצע שטוב גייט אויף ריידלעך. אלע זיינען צעמישט. אלע, א חוץ די באבען. די באבע לעבט גאָר אויף יעצט. סטייטש, זי האָט א גאנצע קיך פאַר זיך.

איך ווייס ניט, וואָס פאַר א מעדיצין דער דאָק־טאָר האָט געגעבן נאַטאַשע (קיין אנטיביאָטיקא איז נאָך דאַן ניט געווען). איך ווייס, אז די באַ־בע האָט אָנגעהויבן צו פירן צווי קיכן. איינע פאַר אונדז און איינע פאַר נאַטאַשן. און איך גלויב, אז די אמתע רפואה איז געקומען טאַקע פון דער באבעס קיך. די הינדלעך האָבן אָנגע־הויבן צו פאַרשוואונדן, אָבער די באבע האָט זיי שוין ניט געזוכט און ניט געפרעגט אויף זיי, און אויך די גוטע אייערלעגערן איז פאַרפאַלן גע־וואָרן. און א סך מאָל האָט מיר די באבע בכלל ניט אריינגעלזט אין קיך אריין. און זי האָט זיך דאַן געפילט גוט. און די מימע אסתר פלעגט מיר זאָגן, אז די באבע פרעגלט חזיר, ווייל חזיר איז גוט פאַר לונגען־קראַנקע.

און נאַטאַשע איז טאַקע געזונד געוואָרן. און זי און איר מאַן דער אָפיציר און דאָס קינד קוקן אויף דער באבען מיט אנדערע אויגן און יעדער קען זען, אז זיי האָבן שטאַרק ליב די באבע און אז די באבע איז ביי זיי גרויס און גוט.

און נאַטאַשע איז יעצט גרייט גיין אין פייער אריין פאַר דער באבען. און די באבע איז שוין ווידער גאנצע טעג אין קיך. זי שייערט דאָס גע־פעס און האַלט אָן אויג אויף נאַטאשן. די באבע פרעגט מיר זייער אָפט:

— יאַנקעלע, האָסט ניט געזען צי נאַטאַשע האָט גענוצט אָט דעם טאָפּ?

— איך ווייס ניט, באבע.

און די באבע פאַרברעכט די הענט און פרעגט:

— גאָטעניו מיינער, פאַרוואָס שטראָפסט דו מיר אזוי?

דוד קמחי (ניו־יורק)

ר׳ אלחנן קמחי, הי״ד

(תרל״ב, מיכאלאווע — תש״ב, טרעבליאנקע)

מיט אויפגעשטורעמטע געפי־לן און מיטן גרעסטן דרך־ארץ שרייב איך אַט־די שורות וועגן מיין פארשטאָרבענעם פאָטער, ר׳ אלחנן קמחי.

זיין ערשטע דערציאונג האָט ער באקומען אין בית־הרב. זיין גאנצע גייסטיקע אנטוויקלונג איז געשטאַנען אונטער דער גרויסער השפעה פון זיין פאָטער, הרב הגאון נתן נטע.


וועגן מיין זיידעס גרויסקייט און אַנערקענונג אין דער רבנישער סביבה קען דינען אזא פאקט:

ווען איך בין נאָך געווען א קליין יינגל, איז אין סעמיאטיטש פאָרגעקומען א מחלוקת צווישן דעם שוחט אשר שושן און די איבעריקע שוחטים. דער רב האָט ניט געוואָלט ארויסטראָגן קיין פסק. האָט מען ארויסגערופן אייניקע רבנים פון די ארומיקע שטעטלעך, אָבער דער ענין האָט זיך אלץ ניט גערירט פון אָרט. האָבן די רבנים באַשלאָסן ארויסצורופן מיין זיידן. ער האָט טאקע ריכטיק אַנאַליזירט דעם גאנצן ענין און ארויס־געגעבן א פסק־דין וואָס האָט ארויסגערופן צו־פרידנקייט ביי ביידע צדדים.

עפיזאָד: מיין פאָטער מיט אשר דעם שוחט זיינען געווען חברים און ידידים — אפילו די קינדער פון ביידע משפחות האָבן זיך געחברט. כדי דער זיידע זאָל ניט ווערן באאיינפלוסט דורך זיין זון (מיין פאָטער) לטובת אשרן, האָבן די רבנים באשלאָסן, אז דער זיידע טאָר ניט קומען צו זיין זון אין הויז, און אז ביז נאָכן דין־תורה מעגן זיי ריידן נאָר אין קעגנווארט פון עדות.

ס׳איז ביי מיר פארבליבן טיף איינגעקריצט אין זכרון דעם זיידעס הויך גראַציעזע פיגור, זיין הדרת פנים, זיין פיל־זאָגנדיקער ברייטער שמייכל, זיין שארפער דורכדרינגלעכער בליק און זיין הויך־געטורעמטער שטערן, וואָס האָבן אים באשאַנקען מיט א „אדם של צורה״.

מיין פאָטער איז געווען א תלמיד אין דער



ר׳ אלחנן קמחי

בארימטער וואָלאָזשינער ישיבה און באקומען סמיכות־רבנות.

אין שטעטלשן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט. ער האָט גענומען אַן ענערגישן אָנטייל אין דער ארבעט צו העלפן דער ישיבה און תלמוד תורה, געווען אַ טיכטיקער דאַזאָר אין דער יידישער קהילה און איינער פון די גרינדערס און הויפט־אָנפירער פון „מזרחי״. ביי יעדער ערנסטער געשעעניש אין שטעטל פלעגט מען פרעגן: „וואָס זאָגן ר׳ לוי און ר׳ חנא?״ (ר׳ לוי איז געמיינט ר׳ לוי ביעליצקי, איצט רב אין ברוקלין, ניו־יאָרק).

אויף די קינדער האָט דער פאָטער געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס. זיין רעדן צו אונדז איז גע־ווען אין א חברישן טאָן. פון מויל צום האַרץ.

שטיל, אײדל, מיטן שטענדיקן שמייכל, פֿאָטער־לעך־צערטלעך.

ער איז געװען א למדן, א תלמיד־חכם מיט טיפֿער הבנה. אַן איש חסד ואמת. ערלעכקייט און יושר מיט אײדעלע מדות. ער איז געװען געניג אינטעלעקטועל צו פֿארשטײן די מאָדערנע װעלט, די ענדערונגען פֿון נײַע צײַטן. כאָטש זײַן דרך איז געװען שטאַרק געטרײַ צו די אלטע טראַדיציעס, דאָך האָט ער ניט איגנאָרירט די נײַע דערשײַנונגען, װאָס דאָס לעבן האָט ארויס־גערופֿן.

ער איז געװען באגײַסטערט פֿון דער ציוניס־טישער טעטיקייט. פֿול מיט בענקשאַפֿט צו ארץ הקדושה. אין מײַנע אויערן קלינגען נאָך די מאָ־נאָטאָנע האַלב־אָפּגעהאַקטע טרויערטענער פֿון זײַן „חצות״.

צו מײַן פֿאָטער פֿלעגן קומען פֿארשײדענע מענטשן נאָך הילף אָדער אַן עצה אין זײערע פּראָבלעמען און שװעריקייטן. אויך פֿון די ארו־מיקע שטעטלעך פֿלעג מען קומען צו אים נאָך ראַט און טאַט.

מײַן פֿאָטער האָט ניט געהאַט קײן „עלנ־בויגנס״, זיך קײן מאָל ניט געשטופּט. געװען אַן עניו. ניט געהאַלטן פֿון חניפֿה. ניט געמאַכט קײן „אָנשטעל״. איך מעג זאָגן: „לא כחל ולא שרק ולא פרכוס — ויעלת חן״ (כתובות י״ז).

ער פֿלעגט זײַן אינטערעסאנט אין זײַנע שמו־עסן, װאָס זײַנען תמיד געװען באַחנט מיט טיפֿע ידיעות, גרינדלעכקייט און שאַרפֿער װיציקייט.

זאָלן אַט די עטלעכע װערטער זײַן אַ פֿאַרשפּע־טיקטער קורצער הספד אויפֿן אומבאַקאַנטן קבר פֿון מײַן טײַערן פֿאָטער הי״ד.

בן־ציון מאַזור

עפּיזאָדן און טיפֿן

(יוגנט־זכרונות)

עס געדענקט זיך א שבת אין אויגוסט 1914. מײַן טאַטע, האַלטנדיק מיך פֿאַרן האַנט, איז אַרויס פֿון נײַעם בית־המדרש צוזאַמען מיט ר׳ ראובן מאַנטשער און ר׳ ניסן נאַװיק. מען איז געגאַנגען און געשמועסט װעגן פֿארשײדענע ענינים, װאָס מײַן קינדערשער מוח האָט ניט באַנומען. פּלוצים בין איך אויפֿגעציטערט גע־װאָרן פֿון א געשרײ, װאָס איז געקומען פֿון ר׳ ראובנען. האַלטנדיק בײדע הענט אויפֿן קאָפּ, האָט ער געװיזן אויף א גרויסן פּלאַקאַט, װאָס איז געװען אויסגעהאַנגען אויף א װאַנט, און געשריען: „געװאַלד, ײדן, ס׳איז אַ מאָביליזאַ־ציע, א מאָביליזאַציע. דײַטשלאַנד האָט דער־קלערט רוסלאַנד קריג״.

װען די רוסן האָבן אָפּגעטרעטן פֿון סעמיא־טיטש, האָבן צװײ רוסישע סאָלדאַטן דערשאָסן ר׳ ראובנס פֿרוי בײַם שװעל פֿון זײַן הויז. די קינדערשע נײַגעריקייט האָט מיך געטריבן צום אָרט פֿון אומגליק, װאו עס האָבן זיך גיך צוזאַ־מענגעקליבן א סך ײדן. דאָס שרעקלעכע בילד פֿון דער פֿאַרבלוטיקטער מאַמען, װאָס לעבן איר איז געלעגן איר פֿאַריתומ׳ט קלײן קינד, איז גע־בליבן אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון אויף אײביק.

עטלעכע שעה שפּעטער האָט א דײַטש אָנגע־קלאַפּט אין אונדזער טיר. ער האָט אויף א פֿרײַנדלעכן אופֿן געפֿרעגט, אויב מיר האָבן עפּעס צו בעטן אים. דער טאַטע האָט אים דער־צײלט װעגן מאָרד פֿון פֿרוי מאַנטשער. דער דײַטש האָט צוגעזאָגט צו כאַפּן די מערדערס. דעם זעלביקן טאָג האָבן די דײַטשן געטריבן דורכן שטאָט א סך רוסישע געפֿאַנגענע. ר׳ ראובן מאַנטשער און זײַן זון קוביק זײַנען געשטאַנען און געקוקט יעדער געפֿאַנגענעם אין פּנים אַרײַן. זײ האָבן טאַקע דערקענט די צװײ רוסישע סאָל־דאַטן און אָנגעװיזן אויף זײ צום דײַטש. זײ זײַנען אויף גיך איבערגעגעבן געװאָרן צו א

פעלדגעריכט און פאַראורטיילט געוואָרן דער־
שאָסן צו ווערן.

★

מיין רבין ר׳ **משה מאיר גוטמאַן** האָב איך ניט ליב געהאַט: ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זיך לערנען, און איך האָב גראָד געהאַט מער חשק צו שטיפן. איין מאָל איז ער שטילערהייט צו־געגאַנגען צו מיין לאָוועקע (באַנק) און מיך גע־כאַפּט זיך שפּילנדיק. ער האָט אויסגעשטעלט אויף מיר זיינע טיפע אויגן און געזאָגט: בענצ־קע, זאָג דיין טאַטן, אַז ס׳איז אַן עבירה דער שכר־לימוד, וואָס ער צאָלט פאַר דיר. דו וועסט אויסוואַקסן אַ גוי. אויף דיין אָרט קען זיצן אַ יינגל, וואָס וויל זיין אַ ייד און וויל לערנען.

איך האָב דאָס ניט דערציילט מיין טאַטן. אין עטלעכע צענדליק יאָר ארום האָב איך מיין אַמאָ־ליקן רבי געטראָפן אין אַמעריקע, זיצנדיק צו־זאַמען מיט מיין טאַטן. דער רבי איז שוין געווען אָנגעטאָן מאָדערנער, די יאַרמולקע קוים וואָס זי זעט זיך אויפן קאָפּ. איך האָב זיך באַגריסט מיט אים זייער קאַלט. ר׳ משה־מאיר האָט מיר געפרעגט: בענצל, וואָס עפּעס אַזוי קאַלט? האָב איך אים געענטפערט מיט אַ פראַגע: רבי, ווי קומט עס, אַז איר גייט עפּעס מאָדערנע קליי־דער? אויף דעם האָט ער געענטפערט: יאָ, בענצל, אַזוי איז עס. ווען אַמעריקע וואָלט גע־קומען צו מיר אין סעמיאַטיטש, וואָלט איך זיי געמאַכט פאַר אַזוינע יידן ווו איך. די צרה איז, וואָס איך בין געקומען קיין אַמעריקע, מוז איך זיין אַ האַלבער אַמעריקאַנער.

★

ביינוש יאַבלאָן איז געווען אַ פאָלקס־מענטש, אַ שווער־פאַרהאָרעוועטער ייד. געווען איינער פון די אָרנטלעכסטע טיפּן אין סעמיאַ־טיטש. זיין דאַווענען ימים נוראים, שחרית אדער מוסף, קלינגט נאָך ביז היינט אין די אויערן. זיין דאַווענען איז געווען אַזוי פול מיט היץ און נשמה, דעריבער פלעגט עס אַזוי שטאַרק צע־וואַרעמען דעם עולם מתפּללים. די ווייבער אין עזרת־נשים פלעגן ניט אויפהערן צו וויינען ווען ר׳ ביינוש יאַבלאָן פלעגט דאַווענען.

★

אַ טיפּ ניט צו פאַרגעסן איז געווען ר׳ **איצע־לייבעלע**. מיין טאַטע האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום דאַזיקן יידן. ווען מיין טאַטע פלעגט דאַווע־נען אַ מוסף יום־כיפּור אָדער ראש־השנה, פלעגט ער נעמען ר׳ איצע־לייבעלען פאַר אַ משורר. ער האָט געהאַט אַזעלכע באַגלייט־ניגונים, וואָס מען קען זיי ניט פאַרגעסן.

ר׳ איצע־לייבעלע איז געווען אַ ייד אַ טומ־לער. ער פלעגט אָפּט ארויפגיין אויפן בעלעמער און מעכבֿ הקריאה זיין, שרייענדיק אויף זיין הויכן קול. ווען מען פלעגט אים פרעגן: ר׳ אי־צע, וואָס שרייט איר, וואָס ווילט איר? פלעגט ער ענטפערן: אַז איר וועט זיין גוטע יידן, וועט מען ניט דאַרפן שרייען...



א שבועה־אקט אין „השומר הצעיר"
ראש הגדוד — לאלעק לעתין



א ציוניסטישע פייערלעכקייט

סעמיאטיטשער אין אמעריקע

ד. פריסטאַר

לאַנדסלייט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן

סעמיאַטיטשער לאַנדסלייט האָבן אָנגעהויבן קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיטן גרויסן יידישן עמיגראַציע־שטראָם פון רוסלאַנד־פּוילן נאָך די פּאָגראָמען פון די אכציקער יאָרן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק און א צאָל — אין שיקאַגאָ, באָסטאָן, נו־אַרק און אין עטלעכע אַנדערע שטעט. ווי אַלע ניי־געקומענע יידישע עמיגראַנטן פון יענע יאָרן, האָבן אויך די סעמיאַטיטשער צוזאַמען מיט יידן פון אַרומיקע שטעטלעך, זיך גענומען שאַפן א אייגענע לאַנדסמאַנשאַפט אָדער „סאָסייעטי".

חברה ברית אחים אנשי סעמיאַטיטש

די ערשטע סעמיאַטיטשער לאַנדסמאַנשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די „חברה ברית אחים אנשי סעמיאַטיטש", וואָס איז געשאַפן גע־וואָרן אין ניו־יאָרק אין 1903. די חברה איז פון די געציילטע לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַ־ציעס אין אַמעריקע, וואָס האָט עד היום אָפּגעהיט אירע פּראָטאָקאָל־ביכער זינט דעם ערשטן טאָג פון דער גרינדונג.

דער ערשטער פּראָטאָקאָל פון דער חברה איז דאַטירט פון 12טן אויגוסט 1903. פון אָט דעם פּראָטאָקאָל איז צו זען, אז אין דער ערשטער באַראַטונג צו אָרגאַניזירן א סעמיאַטיטשער לאַנדסמאַנשאַפט האָבן זיך באַטייליקט די ווייַ־טערדיקע פּערזאָנען: שבתי קאָן, אברהם גאָלד־בערג, דוד קעסלער, פיליפ ראַבינאָוויטש און הרי גרינשטיין.

לויטן באַשלוס פון יענער באַראַטונג, איז גע־רופן געוואָרן א פאַרזאַמלונג פון אַלע סעמיאַ־טיטשער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 16טן אויגוסט. דער פּאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, פיליפ ראַבינאָוויטש, האָט אויפגעקלערט די נייטיקייט פון שאַפן א אייגענע סאָסייעטי. נאָך א לענגערער דעבאַטע איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו שאַפן אן אייגענע אָרגאַניזאַ־ציע מיטן נאָמען „חברה ברית אחים אנשי סע־מיאַטיטש".

דער ערשטער פּרעזידענט פון דער חברה איז געווען אליהו חיים שפירא. וויצע־פּרעזידענט — חיים פּסח דעמבראָווסקי, קאַסיר — דוד שטראָס־בערג.

איינער פון די הויפּטצילן פון דער חברה איז געווען צו העלפן די מיטגלידער אין צייט פון נויט אָדער קראַנקייט און צו באַזאָרגן מיט קרקע לאחר מאה ועשרים שנה, וואָס איז אין ניו־יאָרק געווען אן אמתער פּראָבלעם, גאָר אַנדערש ווי אין די אַמאָליקע פּוילישע שטעטלעך.

די פירערס פון דער חברה האָבן זיך אויך פאַר־נומען מיט זאָרגן פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן פון די מיטגלידער. שוין אויף דער ערשטער רע־גולערער זיצונג פון דער חברה, דעם 22טן אוי־גוסט 1903, האָט מען באַשלאָסן צו קויפן אָדער דינגען א שול פאַר דער חברה. די ערשטע סע־מיאַטיטשער שול איז געווען אויף 16 לודלאָוו סטריט און האָט געקאָסט 23 דאָלאַר א חודש דירה־געלט. די שולן פון דער חברה האָבן זיך שפּעטער גאַנץ אָפּט געביטן.

פון פּראָטאָקאָל 2 און 3 איז צו זען, אז די צאָל מיטגלידער איז גיך געוואַקסן. צוליב דעם האָט מען גערופן א נייע פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָר־געקומען דעם 17־טן אָקטאָבער, כדי צו קלייבן א נייע פאַרוואַלטונג. דער פּרעזידענט איז גע־בליבן דער זעלביקער. מיטגלידער פון דער פאַר־וואַלטונג זיינען אויסגעקליבן געוואָרן: וויצע־פּרעזידענט — ראובן לעוו, קאַסיר — אברהם גאָלדבערג און סעקרעטאַר — אברהם גובערמאַן.

פון 12־טן נאָוועמבער האָט די סעקרעטאַרישע אַרבעט איבערגענומען פּרץ באַרשטיין.

אָנהייב 1904 האָט די חברה גענומען צוויי דאָקטוירים, וואָס האָבן געמוזט באַזוכן די מיט־

קאנסטיטוציאן

פאָן דער

חברה בּרית אחים

אנשי סעמיאטיץ

קאָנגרעגנטעט בּראָדערס אָף סעמיאטיץ

בּענעוואָלענט אסאָסיאיישאָן

געגרינדעט דען 16־טען אויגוסט 1903

געפּרינטעט 1909

אנשים אחים אנחנו.

ר. אויערבאך, יוניאָן פּרינטער, 126 עססעקס סט.

גלידער אין פאל פון א קראנקייט, ווי אויך באַשטעטיקן ווי לאנג זיי זיינען געווען קראנק. די ערשטע דאָקטוירים זיינען געווען: ד״ר ראמאנסקי און ד״ר ראווינסקי.

די חברה האָט געהאַט אויסגעארבעט אַן אייגענע קאָנסטיטוציע, וואָס איז נאָך לאנגע דיסקוסיעס און א סך שינויים אָנגענומען געוואָרן אין דער פאָרעם, ווי זי איז אָפּגעדרוקט אין 1909, ווי עס ווייזט דער בייגעלעגטער פאָטאָסטאַט.

אז מען זאָל משפּטן לויט די פּראָטאָקאָלן, איז די חברה געווען גאנץ איינגעשלאָסן אין די אייגענע ד׳ אמות. דער כמעט איינציקער קאָנטאַקט מיט דער ארומיקער יידישער וועלט איז געווען דעמאָלט, ווען פארשיידענע יידישע אָרגאניזאַציעס פלעגן ארייַנשיקן בילעטן צו זייערס א טעאַטער־אונטערנעמונג אָדער בעטן סתם א נדבה: ,,מלביש ערומים״ פון איסט בראָדוויי, ,,מושב זקנים״ פון מאנהעטן, ,,בית מחסה ליתומים״ אין ירושלים, ,,לחם עניים״ פון איסט סאיד, ,,האיאס״ און אנדערע מוסדות.

דער ערשטער גרעסערער אויפברויז אין דער שטילער און איינגעשלאָסענער ארבעט פון דער חברה איז געקומען אין 1914, מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין פּראָטאָקאָל פון זיבעטן נאָוועמבער 1914, רעדט זיך שוין וועגן דער שווערער לאגע פון ,,אונדזערע ברידער אין דער אלטער היימאַט״. דעם 22־טן נאָוועמבער האָט די חברה גערופן א גרויסן מיטינג פון אַלע סעמיאטיטשער. עס איז געשאפן געוואָרן א רעליף־פאָנד צו העלפן די לאנדסלייט אין סעמיאטיטש. ספּעציעלע זיצונגען פון דער פארוואלטונג פון דער חברה זיינען געווען געווידמעט בלויז דער לאגע פון די יידן אין דער היימאַט. מען האָט געמאכט א טעאטער־אונטערנעמונג פארן רעליף־פאָנד, וואָס האָט אריינגעבראכט איבער 100 דאָלאר. 100 דאָלאר האָט די חברה געגעבן פון איר קאסע.

אין צייט פון קריג איז געווען זייער שווער אריבערצושיקן געלט. ערשט נאָכן סוף פון דער מלחמה איז אָנגעקומען מער הילף פון די אמעריקאנער לאנדסלייט פאר די יידן אין סעמיאטיטש.

די חברה, וואָס האָט ביז די לעצטע יאָרן געהאַט אן אייגענע שול, האָט זיך נוהג געווען צו נעמען פאר א רב איינעם פון סעמיאטיטש אָדער פון די שטעטלעך ארום. אין 1925 האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין רבנות אין דער חברה הרב ר׳ מאיר פאם. עס איז באשלאָסן געוואָרן צו באַזאָרגן מיט פּאפּירן דעם הרב ר׳ שמואל קושעלעוויטש און אים אָנשטעלן פאר א רב פון דער חברה. הרב ר׳ שמואל קושעלעוויטש איז אָבער ניט אויסגעווען קיין יאָר אין דער חברה. אין אָקטאָבער האָט די חברה באשלאָסן אראָפּצוברענגען פאר א רב ר׳ אליעזר פון סעמיאטיטש. אין מאי 1948 הט די חברה באשלאָסן צו באַזאָרגן הרב לוי ביעליצקי, וועלכער האָט זיך געפונען דעמאָלט אין א פליטים־לאגער, מיט אן ,,אפידייוויט״ און אים אָנשטעלן פארן רב פון דער חברה. סוף 1949 האָט הרב ביעליצקי פאַרלאָזן די רבנות אין דער חברה.

אין 1928 איז אָרגאניזירט געוואָרן א פייערלעכער באנקעט צום 25־יאָריקן יובל פון דער ,,חברה ברית אחים אנשי סעמיאטיטש״. דאָס איז געווען די גרעסטע פייערלעכע אונטערנעמונג,

וואָס די חברה האָט ווען ס'איז געמאַכט סיי פאַר דעם, סיי נאָך דעם. ווי ווייט הצלחה'דיק ס'איז געווען יענער באַנקעט באַווייזט דער פאַקט, וואָס די ריינע הכנסה איז געווען איבער 3 טויזנט דאָלאַר.

בשייכות מיטן יובילייו איז די חברה פּרעזענ־טירט געוואָרן מיט אַ ספר־תורה, געשענקט פון אברהם משה גאָלדבערג. די פּרעזענטאַציע איז געווען אויף אַ פייערלעכן אופן: אַלע מיטגלידער פון דער חברה האָבן מאַרשירט פון גאָלדבערגס הויז צו דער אייגענער שול, טראָגנדיק די נייע ספר־תורה אונטער די קלאַנגען פון אַ מוזיק־אָרקעסטער.

דער גרעסטער אויפטו דער אין דער טעטיקייט פון דער חברה איז געקומען דעמאָלט, ווען ציי־טונגען און ראַדיאָ האָבן אָנגעהויבן איבערגעבן ווענן גרויסן חורבן, וואָס די נאַציס האָבן גע־בראַכט אויף די יידן אין אייראָפּע בכלל און אין סעמיאַטיטש בפרט. עס איז גיך געשאַפן געוואָרן אַ רעליף־קאָמיטעט, וואָס האָט געאַרבעט אויטאָ־נאָם, אָבער אונטער דער השגחה פון דער חברה. מען קען ניט זאָגן, אַז דער פּולס פון דער אַרבעט האָט געקלאַפּט אַזוי ווי יענע ביטערע צייט האָט עס געפאָדערט. מיטגלידער פון דער פאַרוואַל־טונג פלעגן טאַקע אָפט קריטיקירן די אַרבעט און פאָדערן צו ווערן מער אַקטיוו און ענערגיש אויפן געביט פון העלפן די יעניקע סעמיאַטיטשער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלער־חורבן. אַ יאָר אָדער צוויי נאָכן צווייטן וועלטקריג האָט דער גרעסטער טייל פון די געראַטעוועטע סע־מיאַטיטשער זיך געפונען אין איטאַליע און אין ארץ־ישראל.

אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 26־טן אָקטאָבער 1947, האָט זיך באַטייליקט מענדל גפני, אַ גאַסט פון ארץ־ישראל און אַ מיטגליד פון דאָרטיקן „מרכז יוצאי סעמיאַטיטש". ער האָט געבעטן הילף פאַר די אַן ערך 50 סעמיאַטיטשער פון דער שארית־הפליטה, וואָס געפינען זיך שוין אין לאַנד, ווי אויך צו שאַפן אַ גמילות־חסד קאַסע פאַר זיי.

אין פעברואַר 1951 האָט די חברה באַשלאָסן צו קויפן אָדער בויען אַ הויז אין ישראל אויפן נאָמען פון די סעמיאַטיטשער קדושים. די הויפּט־איניציאַטאָרן און טוערס אַרום אָט דעם פּראָיעקט זיינען געווען דוד קמחי און בן־ציון מאַזור. דער פאָרזיצער פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע פאַרן דאָזיקן צוועק איז געווען הערי פעלדמאַן. מען האָט געמאַכט אַ ריי אונטערנעמונגען, כדי צו שאַפן מיטלען צו קענען פאַרווירקלעכן דעם פּראָ־יעקט, אָבער נאָך גאַנצע צוויי יאָר אַרבעט איז נאָך אַלץ געווען די סומע צו קליין, אַז מען זאָל קענען טראַכטן וועגן קויפן אַן אייגן הויז. מען האָט דעריבער אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון ד"ר סוקעניק, אַ לאַנדסמאַן פון סעמיאַטיטש, אַז פאַר אַ טייל פון דעם געשאַפענעם געלט זאָל מען קויפן בעטן אין דעם נייעם שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געבויט אין ישראל אויפן נאָמען פון ד"ר חיים ווייצמאַן. אויף די בעטן האָט מען גע־זאָלט אויפהענגען שילדלעך, אַז זיי זיינען גע־שאָנקען פון סעמיאַטיטשער לאַנדסלייט אין אַמעריקע.

נאָך לענגערע פאַרהאַנדלונגען צווישן דער חברה און דעם „סעמיאַטיטשער קלוב" אין ניו־יאָרק איז מען געקומען צו אַזאַ הסכם: 3.000 דאָלאַר אויף אַ הויז אין ישראל; 500 דאָלאַר אויף אַ ליי־קאַסע; 500 דאָלאַר אויף אַ יזכור־בוך און 250 דאָלאַר צו פלאַנצן אַ וואַלד אויפן נאָמען פון סעמיאַטיטש.

דעם 15טן יוני 1947, האָבן צום ערשטן מאָל זיך באַטייליקט אין אַ זיצונג פון רעליף־קאָמי־טעט געראַטעוועטע סעמיאַטיטשער — דוד קמחי און אברהם וואַלאַך. קמחי האָט איבערגעגעבן אַ לענגערן באַריכט וועגן דער לאַגע פון די סע־מיאַטיטשער פליטים אין איטאַליע, פון וואַנען ער איז געקומען. ער האָט זיך אויך באַקלאָגט אויף דער קליינער הילף, וואָס דער סעמיאַטיטשער רעליף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק שיקט פאַר די גע־ראַטעוועטע לאַנדסלייט אין די פליטים־לאַגערן.

דער רעליף־קאָמיטעט האָט דעמאָלט באַ־שלאָסן צו שיקן פאַר סעמיאַטיטשער אין איטאַ־ליע 250 דאָלאַר, אויסער פריערדיקער הילף. אויסער דעם איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן יעדן סעמיאַטיטשער פליט אין איטאַליע 15 דאָ־לאַר. אַ סך געהאָלפן דער סעמיאַטיטשער שארית־הפליטה אין איטאַליע האָט דער קאָמי־טעט פון סעמיאַטיטשער אין נואַרק, ניו־דזשערסי.

די חברה צוזאַמען מיטן רעליף־קאָמיטעט האָבן

אויך באַזאָרגט איינצלנע סעמיאַטיטשער פּליטים מיט אַמעריקאַנער וויזעס.

אין משך פון זיין דריי־יאָריקער עקסיסטענץ האָט דער רעליף־קאָמיטעט פונאַנדערגעטיילט סך־הכל 4,968.97 דאָלאַר פאַר סעמיאַטיטשער פּליטים אין ישראל, איטאַליע, דייטשלאַנד, עסט־רייך, פּוילן און פראַנקרייך. סוף 1949 איז דער קאָמיטעט אויפגעלייזט געוואָרן.

די חברה, וואָס פייערט איצט איר 60.־יאָריקן יובילײ, לעבט נאָך. איר טעטיקייט איז אָבער זייער א קליינע. די פאַרזאַמלונגען ווערן וויניק באַזוכט. די צאָל מיטגלידער האַלט אין פאַלן. דער פּרוּואו אריינצוציען די סעמיאַטיטשער וואָס זיינען געקומען קיין ניו־יאָרק נאָכן צווייטן וועלט־קריג, האָט זיך ניט איינגעגעבן. טאַקע די זעלביקע סעמיאַטיטשער — אָבער פון צוויי וועלטן, און די ניי־געקומענע האָבן זיך געגרינדעט שאַפן אייגענע אָרגאַניזאַציעס אין זייער נייעם לאַנד.

„קלוב פון סעמיאַטיטשער פריינד פאַר ישראל"

די צווייטע אָרגאַניזאַציע פון סעמיאַטיטשער אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געשאַפן גע־וואָרן אין ניו־יאָרק אין 1951. די איניציאַטאָרן פון דעם האָבן געהאַט א זיצונג דעם 9טן יוני 1951. זי איז געעפנט געוואָרן דורך בען מאַזור. אריינפיר־ווערטער האָבן געהאַלטן דוד קמחי און אלתר פעלדמאַן. פאַרזיצער איז געווען יוסף קו־פּערשמיד און סעקרעטאַר — וועלוול זגאַדני. נאָך א לענגערער דיסקוסיע האָבן די פאַרזאַמלטע באַשלאָסן צו שאַפן אן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „קלוב פון סעמיאַטיטשער פריינד פאַר ישראל". בען מאַזור איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פּרע־זידענט, יוסף קופּערשמיד — וויצע־פּרעזידענט, ווילי רובין — קאַסיר. אין דער עקזעקוטיווע זיי־נען אריין: לעאָנאַרד טשעסנעט, אַלפרעד און־גאַר, מאַשע אקאַן, וועלוול זגאַדני, אליה קאַפּ־לאַן, משה פּוטערמאַן, דוד קמחי, לי רובין, הע־לען מאַזור.

ווי דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע זאָגט, האָט דער „קלוב" זיך בעיקר פאַרנומען מיט הילף פאַר ישראל, ריכטיקער געזאָגט — פאַר סעמיאַטיטשער פּליטים אין מדינת ישראל. פון די פּראָטאָקאָלן פון „קלוב" איז צו זען, אז מען פּלעגט שיקן געלט, פּעקלעך קליידער און שפּייז פאַר די ניי־געקומענע לאַנדסלייט אין ישראל, ביז וואַנען זיי האָבן זיך געקענט שטעלן אויף די אייגענע פיס.

דער „קלוב" האָט אָבער אויך געזאַמלט געלט פון זיינע מיטגלידער פאַר אַלגעמיינע הצטרכותן אין ישראל. אין משך פון זיין טעטיקייט האָט ער מיטגעהאָלפן דער סאָסייעטע צו שאַפן 3,000 דאָלאַר פאַר א שול אויפן נאָמען פון די סעמיאַ־טיטשער קדושים, עטלעכע הונדערט דאָלאַר פאַר קופּת חולים, 550 דאָלאַר פאַר א קאַרדיאָ־גראַף אין קופּת חולים.

מערערע הונדערט דאָלאַר האָט דער „קלוב" אויך געגעבן אונטער דער צייט צו „יונייטעד דזשואיש אַפּיל".

די פראַגע פון געבן געלט אויף א שפּיטאָל האָט אַרויסגערופן שאַרפע דיסקוסיעס. טייל פון די מיטגלידער, בראש מיט דוד קמחי, זיינען געווען קעגן דעם, אז מען זאָל געבן געלט אויף א מוסד, וואָס האָט וועלכע ס'איז פּאַרטייאישע באַפאַר־בונג. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אז עס זאָלן זיך פירן לאַנגע און פאַרצויגענע פאַרהאַנדלונ־גען צווישן די קעגנערס און אָנהענגערס פון דאָ־זיקן פּלאַן, צוזאַמען אויך מיט פאַרשטייערס פון ישראל־קאָמיטעט ביי דער סעמיאַטיטשער לאַנדסמאַנשאַפט.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער גרויסער קריזיס אַרום ישראל בשייכות מיט דער סיני־אַקציע אין 1956, האָט דער „קלוב" תיכף געגרופן א ספּע־ציעלע פאַרזאַמלונג פון זיינע מיטגלידער. חברים האָבן זיך דעמאָלט באַשטייערט מיט גרעסערע סומעס און געשאַפן א פאָנד פון 700 דאָלאַר פאַר ישראל און עס אָפּגעשיקט צום 70טן געבורטס־טאָג פון בן־גוריון.

דער „קלוב" האָט פון צייט צו צייט געגעבן הילף אויך אָרטיקע מוסדות, אָבער אין זייער א קליינעם פאַרנעם. צווישן די דאָזיקע מוסדות גע־פינען זיך: הרב שמידמאַנס ישיבה אין ברוקלין, די א. ליעסין שול אין ברוקלין, דער מושב־זקנים פון די ביאַליסטאָקער און אַנדערע.

א באַזונדער קאַפּיטל איז די באַציאונג פון א טייל פון די פירערס פון „קלוב" צום יזכור־בוך פאַר דער סעמיאַטיטשער קהילה. על פּי שכל האָט דער יזכור־בוך געדאַרפט זיין א צענטראַלע אַר־

בעט פון דעם „קלוב", אָבער צוליב מיספאַרשטיי־
ענישן צווישן „קלוב" און די אקטיווע טוערס
פארן יזכור־בוך איז עס ניט אזוי געווען. פונ־
דעסטוועגן האָט דער „קלוב" געגעבן פארן
יזכור־בוך 700 דאָלאַר.

אין אָקטאָבער 1961 האָט בען מאזור רעזיג־
נירט פון צו זיין פרעזידענט פון „קלוב". אויף
זיין אָרט איז אויסגעקליבן געוואָרן סטעלא קו־
פערשמיד. אויפן אָרט פון רעזיגנירטן וויצע־
פרעזידענט ווילי רובין איז אויסגעוויילט געוואָרן
לעאָנארד טשעסנאט. די איבעריקע נייע מיטגלי־
דער אין דער עקזעקוטיווע זיינען געווען: פלאָ־
רענץ בערמאן — פינאנץ־סעקרעטאר, רחל
טשעסנאט — קאָרעספאָנדענץ, און מאשע אקאן
— פראָטאָקאָל־סעקרעטאר. די נייע פרעזידענטין
האָט אָבער רעזיגנירט אין א צען חדשים ארום
און אויף איר אָרט איז ווידער אויסגעקליבן גע־
וואָרן בען מאזור, וועלכער פירט אָן ביז איצט
מיטן „קלוב". ווי א נייער וויצע־פרעזידענט איז
אויסגעוויילט געוואָרן יוסף קופערשמיד.

סעמיאַטיטשער קאָמיטעט פאר ישראל

עטלעכע חדשים פאר דער גרינדונג פון דעם
„קלוב פון סעמיאַטיטשער פריינד פאר ישראל"
איז געשאפן געוואָרן נאָך אַן אָרגאַניזאַציע פון
סעמיאַטיטשער, וואָס איז באשטאַנען בעיקר פון
ניי־געקומענע, אָבער אין קאָאָפעראַציע מיט די
פריערדיקע לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק. געקומען



קלוב פון סעמיאַטיטשער פריינד פאר ישראל
ערשטע ריי פון לינקס צו רעכטס:
פ. בוימן, ח. טויב, פ. מארמור, ה. מאזור, ב. סענדיק, ס. חיים, ח: שניידר
צווייטע ריי פון לינקס צו רעכטס:
זש. בוימן, ל. רובין, ס. קופערשמיט, פ. זאגאדני, ר. טשעסנאט, ס. פריחמן, ל. באראן, ב. באראן
דריטע ריי פון לינקס צו רעכטס:
ח. רובין, ח. זגאדני, י. קופערשמיט, ב"צ מאזור, ל. טשעסנאט, ד. פרידמן, א. סענדיק



עקזעקוטיוו פון „סעמיאטיטש־דראגאטשינער יונג־קלוב"
(פון רעכטס צו לינקס)
זיצן : אייבי בלושטיין, דוד קמחי, גרשון לעוו, העריי שבת
שטייען : א. וואלאך, ד. סטאצקי, ל. פלאטניצקי, י. סטאצקי, א. מארער. מ. קארן, ר. קארן, ה. שבת, ה. קמחי, ב. גודמן, ל. גודמן

איז דאָס ווי א רעזולטאַט פון דער רעזאָלוציע, וואָס די „חברה ברית אחים אנשי סעמיאטיץ" האָט אָנגענומען דעם 10טן פעברואר 1951, וועגן בויען א הויז אין ישראל צום אָנדענק פון די סעמיאטיטשער קדושים. דעם פאָרשלאג האָט אריינגעטראָגן דוד קמחי. פאר דעם צוועק איז געשאפן געוואָרן א ספעציעלער קאָמיטעט, וואָס זיין קאָנסטיטואירנדיקע זיצונג איז פאָרגעקומען דעם 17טן פעברואר 1951, וואָס אויף איר איז אויסגעקליבן געוואָרן פאר פאָרזיצער פון קאָמיטעט אלתר פעלדמאן, סעקרעטאר — דוד קמחי און קאסיר — בען מאזור. צו זיי זיינען שפעטער צוקאָאָפטירט געוואָרן ווילי רובין, פ. מגיד, יוסף קופערשמיד. עס איז אויך באשטימט געוואָרן דער נאָמען : „קאָמיטעט פאר בויען א הויז אין ישראל" (צום אָנדענק נאָך די סעמיאטיטשער קדושים) ביי דער „חברה ברית אחים אנשי סעמיאטיץ". דער נאָמען איז שפעטער געביטן געוואָרן אויף „סעמיאטיטשער קאָמיטעט פאר ישראל". ס'איז געווען קלאָר — און דאָס האָט אויך געזאָגט דער ערשטער נאָמען — אז דער „ברית אחים" איז דער פוסק אחרון אין אלע אָנגעלעגנהייטן פון דעם נייעם קאָמיטעט. אין דעם זין איז אויך אָנגענומען געוואָרן א באשלוס שוין אויף דער ערשטער זיצונג.

דער הויפטציל פונעם קאָמיטעט איז געווען צו שאפן די נייטיקע סומע אויף בויען א הויז אין ישראל, צווישן 3 און 5 טויזנט דאָלאר. דער ערשטער מאַסן־מיטינג, וואָס דער קאָמיטעט האָט איינגעאָרדנט פארן דאָזיקן צוועק, האָט אריינגעבראכט 1.200 דאָלאר.

דערביי דארף מען צוגעבן, אז אויף דער זיצונג פון דער „חברה ברית אחים אנשי סעמיאטיץ", וואו מען האָט באשלאָסן צו בויען א הויז אין ישראל פאר די סעמיאטיטשער קדושים, האָט דער „ברית אחים" אַסיגנירט אויף דעם 1.000 דאָלאר.

ווענדיק אויסברייטערן זיין טעטיקייט און

שאפן מערער געלט, האָט דער קאָמיטעט גע־
מאַכט א ריי פּרואוון זיך צו פאַרבינדן מיט סע־
מיאַטיטשער לאנדסמאַנשאַפטן אין אנדערע
שטעט פון אמעריקע און קאַנאַדע, בעיקר אין נו־
ארק. צום בעדויערן, האָבן יענע ניט ארויסגע־
וויזן דעם געהעריקן אינטערעס און דער קאָמי־
טעט האָט זיך געמוזט באַגרענעצן מיט זיין אר־
בעט אויף ניו־יאָרק.

אויף דער קאָמיטעט־זיצונג פון 20טן אָקטאָ־
בער 1951, גיט אָפּ בען מאזור א דערקלערונג,
אז דער „קלוב פון סעמיאַטיטשער פריינד פאַר
ישראל", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יוני
1951, האָט באַשלאָסן צו פירן אַן אומאָפּהענגיקע
ארבעט, אָבער זיינע מיטגלידער וועלן אויך ווײ־
טער מיטאַרבעטן פאַר אונטערנעמונגען פון דעם
קאָמיטעט. פון דעמאָלט האָבן זיך געשאַפן פאַר־
שיידענע חילוקי־דעות וועגן דעם אופן, ווי אזוי
צו פאַרטיילן די געזאַמלטע געלט פאַר די פאַר־
שיידענע אינסטיטוציעס אין ישראל. נאָך דיס־
קוסיעס אויף א ריי זיצונגען איז ענדגילטיק באַ־
שלאָסן געוואָרן זיך צו האַלטן ביים אָריגינעלן
פּראָיעקט פון בויען א הויז, וואָס זאָל זיין א
לאַנדווירטשאַפט־שול פאַר קינדער.

דעם 30טן יאַנואַר 1955, איז אויף א בשותפות־
דיקער זיצונג מיט דער „חברה ברית אחים אנשי
סעמיאַטיץ" באַשלאָסן געוואָרן:

1) איבערגעבן דעם „יונייטעד דזשויאיש אַפּיל"
די סומע פון 3.000 דאָלאַר אויף צו בויען א קינ־
דערשול אין ישראל;

2) 500 דאָלאַר פאַרן סעמיאַטיטשער „גמילות
חסד" אין ישראל;

3) 500 דאָלאַר פאַר א יזכור־בוך;

4) 250 דאָלאַר אויף פלאַנצן א וועלדל צום
אָנדענק פון די סעמיאַטיטשער קדושים.

דער פּונקט 3 איז אויף א שפּעטערדיקער זי־
צונג רעווידירט געוואָרן.

דער „סעמיאַטיטשער קאָמיטעט פאַר ישראל"
האָט עקסיסטירט ביז אנהייב 1956. זיין לעצטע
פאַרוואַלטונג איז געווען אזא: פאָרזיצער און
פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר — דוד קמחי, קאַסיר —
א. קאַטלער, נאַמנים — דזש. קרעמער, בזשע־
זינסקי און רחל טשעסנאַט, פינאַנץ־סעקרע־
טאַר — דז. קרעמער.

סעמיאַטיטש־דראָגאַטשינער פריינדשאַפטקלוב

די דריטע און יינגסטע אָרגאַניזאַציע פון ניי־
געקומענע סעמיאַטיטשער אין ניו־יאָרק איז די
„סעמיאַטיטש־דראָגאַטשינער פריינדשאַפטקלוב",
וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין 1962.

די פּראָגראַם פון אָט דער נייער אָרגאַניזאַציע
איז צו שיקן הילף פאַר ישראל און פאַר לאַנדס־
לייט. אין משך פון דער קורצער צייט פון איר
עקסיסטענץ האָט זי שוין באַוויזן צו געבן מע־
רערע הונדערט דאָלאַר פאַר דעם „יונייטעד
דזשויאיש אַפּיל" און פאַר נויטבאַדערפטיקע
לאַנדסלייט. איין לאַנדסמאַן אין ניו־יאָרק איז
געהאָלפן געוואָרן מיט 400 דאָלאַר אין זיין שווע־
רער קראַנקייט. זי האָט שוין געהאַט א ריי פאַר־
זאַמלונגען און צוזאַמענקומען. די צאָל פון אירע
חברים איז אַרום ניינציק, בעיקר פון יינגערן
עלעמענט.

די גרינדערס פון „סעמיאַטיטש־דראָגאַטשינער
פריינדשאַפטקלוב" זיינען: העלען שבת, אייב
בלושטיין, גרשון לעוו, רינע קאַרן, הערשל שבת.
אין עקזעקוטיווע גייען אַריין: דוד קמחי — פּרע־
זידענט, ישראל מאַרער — וויצע־פּרעזידענט,
הערשל פּלאָטניצקי — נאַמן, רינע קאַרן — קאַ־
סירערין, הערשל בלושטיין — וויס־פּרעזידענט,
גרשון לעוו, רובינשטיין, דוד סטאַצקי, לייבל
גוטמאַן, קלמן קופּערהאַנט.

דער יונגער קלוב איז זייער אַקטיוו. די מיט־
גלידערשאַפט פאַרגרעסערט זיך און אַלע אונ־
טערנעמונגען זיינען געווען מיט גרויס דערפאָלג.


סעמיאַטיטשער יזכור־בוך קאָמיטעט אין ניו־יאָרק

דעם 22טן דעצעמבער 1956, איז פאָרגעקומען
א זיצונג פון מערערע סעמיאַטיטשער. דאָרטן איז
באַשלאָסן געוואָרן ארויסצוגעבן א יזכור־בוך,
אין וועלכן עס זאָלן פאַראייביקט ווערן די גע־
שיכטע, לעבן און אומקום פון דער סעמיאַטי־
טשער קהילה. דער פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט
פאַרן בוך איז די גאַנצע צייט געווען ווילי רובין,
דער סעקרעטאַר — דוד קמחי און קאַסיר —
יוסף קופּערשמיד. אין דעם קאָמיטעט זיינען גע־
ווען אַקטיוו: לוי רובין, הערשל שבת, אברהם

וואלאך, מאטל ברוקער, העשל פּלאַטניצקי, ישראל מארער, קלמן קופערהאנט.

דער פּלאַן פון ניו־יאָרקער יזכור־בוך קאָמי־טעט איז תחילת געווען ארויסצוגעבן דעם ספר אין ניו־יאָרק. צוליב פארשיידענע שוועריקייטן איז דאָס געוואָרן אוממעגלעך אויסצופירן, דע־ריבער האָט דער קאָמיטיט זיך פארבונדן מיטן „איגוד יוצאי סמיאטיץ" אין ישראל, וואָס האָט מסכים געווען ארויסצוגעבן בשותפות דאָס בוך אין תל־אביב. דאס בוך דארף זיין אויף יידיש און עברית. אויב עס וועט זיין א מעגלעכקייט, וועט געגעבן ווערן א רעזומירונג אויך אויף ענגליש.

צום אויפשטעלן די בילד וועגן סעמיאטיטש צווישןביידע וועלט־מלחמות, ספּעציעל וועגן חורבן, וואלד און טרעבלינקע, זיינען אויסגע־נוצט געוואָרן די גבית־עדות און זכרונות פון: הערש פּלאַטניצקי, מרדכי ברוקער, ישראל מא־רער, ברוך קאטלער, דוד קמחי, ווילי רובין און ביחוד פון אברהם וואלאך און הערשל שבת.



אמעריקאנער קאמיטעט פארן סעמיאטיטשער יזכור־בוך

(פון רעכטס צו לינקס)

שטייען: ען מארער, העלען שבת, יהודית וואלאך, העלען קמחי, לי רובין, הערי פלאטניצקי. לילי פלאטניצקי

זיצן: אירווינג מארער, הערי שבת, אייבי וואלאך, דוד קמחי, איסר ראבינאוויטש (רובין), יאסל קופערשמיד, מאקס ברוקער

חורבן

אין וואלד

איך זיץ אין וואַלד איינזאַם אַליין,
אין האַרצן דריקט אַ שטיל געוויין.
אַן אַ נאָנטן, אַן אַ פריינט,
אַן אַ מאָרגן און אַן אַ היינט.

מיין וואַנדערן איז אַן אַ צוועק,
איינגעהילט אין גרויל און שרעק.
שוין לאַנג פאַרגעסן וואָס הייסט זיין זאַט
אויף דעם וועג פון נע־ונד.

צו זיך אַליין איך טראַכט און רעד.
אַרום איז פינצטער, קאַלט און שפעט.
די אויגן מיד, געשוואָלן די וויעס,
דער הונגער זויגט אויס פון מיר דאָס חיות.

איך טראַכט ווי זיך ראַטעווען פון היטלערס הענט,
ניט צו ווערן לעבעדיק פאַרברענט,
גיט אַן עצה, זאָגט מיר ווער...
אויף מיין פנים רינט אַ תפילה־טרער.

אלי, אלי, איך שעפּטשע שטיל,
אל רחום וחנון מיט גרויס געפיל.
טו אַ חסד, אַ גענאַד,
קענסט דאָך אַלץ, אָה גרויסער גאָט!

אַזוי בין איך איינגעשלאָפן,
אַ קורצע צייט איז בלויז פאַרלאָפן.
דער גאַנצער וואַלד און אַלץ אַרום
איז געוואָרן שטיל און שטום.

אַ בת־קול דערהערט האָט זיך דאָרט...
איך געדענק נאָך איצט יעדעס וואָרט:
„זאָרג ניט, קינד מיינס, ניט וויין און קלאָג,
ס'וועט אויך פאַר דיר קומען דער טאָג".

„די זון וועט נאָך פאַר דיר אויפשיינען
און פאַר אַלע יידן וואו זיי זיינען.
איר וועט נאָך שירה זינגען אין אייגן לאנד
און ,הוירא' טאַנצן האַנט ביי האַנט"...

אַ פרייד באַהערשט האָט מיך אינטים,
דערפילט האָב איך דעם צלם אלוקים.
די אויגן שטראַלן, דאָס פנים גליט,
די נשמה מתיקותדיק אין הימלען פליט.

פלוצלינג — אַ ירגזון־דינער האָט זיך דערהערט
און מיין זיסן חלום־טרוים צעשטערט.
— — — — — — — — — — — — — — —
זיץ איך אין וואַלד איינזאַם, אַליין,
אין האַרצן דריקט אַ שטיל געוויין.

ד. פּריסטאַר

אונטער דער סאָוויעטישער אקופּאציע

סעמיאטיטש איז געווען א טייל פון יענער פּוילישער געגנט, וואָס איז לויטן אָפּמאַך פון מאָלאָטאָוו־ריבנטראָפּ אָפּגעגעבן געוואָרן צו סאָוויעט־רוסלאנד. דער חורבן פון אָט דער קהילה קדושה האָט דעריבער דורכגעמאכט צוויי פאַזעס: די סאָוויעטן האָבן אָנגעהויבן מיטן חרוב מאכן דאָס גאנצע יידיש־גייסטיקע און עקאָנאָמישע לעבן און די נאַציס האָבן עס פארענדיקט מיטן פארטיליקן די יידן גופא.

סעמיאטיטש איז פארנומען דורך די דייטשן שוין אין צען טעג נאָכן אויסבראָך פון פּויליש־דייטשן קריג. די נאַציס זיינען דאָרטן געווען 12 טעג, ביז די סאָוויעטן האָבן איבערגענומען פון זיי די שטאָט. אין אָט דער קורצער צייט האָבן די סעמיאטיטשער יידן געפילט אויף זייער אייגענער הויט, וואָס עס וועט זיין זייער גורל, אויב די נאַציס זאָלן פארבלייבן אין שטאָט די ענטגילטיקע בעלי־בתים.

איינער פון די ערשטע אדמיניסטראטיווע שריט פון די דייטשן איז געווען צו שאַפן א מין רעפּרעזענטאַנץ פון די יידישע איינוואוינערס. קודם־כל האָבן זיי גערופן דעם מרא דאתרא, הרב הגאון גערשטיין, און אים געמאַכט פאראַנטוואָרטלעך פאר קהל. צו אים זיינען צוגעצויגן געוואָרן ר׳ ראובן מאנטשער און יאנקל רובינס, ווי אויך דער גלח און דער אַדוואָקאַט טשאַרניעצקי און אויף זיי אלעמען איז ארויפגעלייגט געוואָרן די אחריות פארן סדר אין שטאָט. די ערשטע זיצונג פון אָט דער כלומרשטער רעפּרעזענטאַנץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שול אויף הויפּישער גאס אונטער דער השגחה פון די דייטשן, איז געווען גאַנץ „דראַמאַטיש": די דייטשן האָבן ארויפגעלאָזן א מאַלפּע צו טאַנצן אויף די קעפּ פון די שטעטלשע „פאַרשטייערס".

גלייך אויף מאָרגן נאָך זייער ארייַנקום אין שטאָט האָבן די דייטשן ארויסגעגעבן אַ באַפעל, אז אלע יידן מוזן זיך רעגיסטרירן. די רעגיסטראציע איז באגלייט געוואָרן מיט גוטע קלעפּ מצד די דייטשן.

דאָס פאַרנעמען סעמיאטיטש איז אויסגעפאלן גראָד אין דער צייט פון ימים־נוראים. א טייל יידן האָבן פשוט מורא געהאט צו גיין אין שול, ווי בכלל צו באווייזן זיך אויף דער גאס. פאר יום־כיפור האָט דער רב געלאָזט וויסן, אז „כל־נדרי" וועט מען ניט זאָגן ביי נאכט, נאָר צוויי א זייגער ביי טאָג ערב יום־כיפור. אין מיטן כל־נדרי זיינען אריין נאַציס אין שול און געזונגען זייער כוליגאַנישע „האָרסט וועסל ליד". אויך אויף מאָרגן, אום יום־כיפור, זיינען דייטשן אריין אין די שולן. עס איז אויסגעבראָכן א גרויסע פּאַניק צווישן די דאַוונענדיקע יידן. א סך האָבן גענומען לויפן דורך די פענצטערס. אין בית־מדרש „חיי אדם", אויף דראָגאָטשינער גאס, איז יאָסל דער טאָקער געבליבן הענגען א דערשאָסענער אויפן פענצטער פון שול.

נאָך אַזאַ טרויעריקן פאָרשפּיל פון די נאַציס האָבן די יידן זיך שטאַרק דערפרייט מיט די סאָוויעטן, וואָס האָבן איבערגענומען סעמיאטיטש סוכות־צייט. מען האָט זיך געטרייסט, אז מען איז כאָטש זיכער מיטן נפש. אָבער ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אנדערע צרות.

אויך די סאָוויעטן האָבן קודם־כל באפוילן אלע שטעטלשע תושבים זיך צו רעגיסטרירן. די איינוואוינערס זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין דריי קאַטעגאָריעס: ארבעטערס, סוחרים, האַנטווערקערס. היות דער גרעסטער טייל פון די סעמיאטיטשער יידן האָבן געהערט צום סוחרים־קלאס, זיינען זיי ממילא געווען די ערשטע צו ליידן פון דער ניי־איינגעפירטער סאָוויעטישער אָרדענונג אין שטאָט.

כמעט אלע קראָמען זיינען נאציאָנאליזירט גע־

וואָרן דורך דער נייער מאַכט. פאַר די האַנט־ווערקערס זיינען געשאַפן געוואָרן אַרטעלן. אין די אַרטעלן האָט מען אָבער ניט אָנגענומען די אַלע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געוואָלט דאָרטן ווערן מיטגלידער. האַנטווערקערס, וואָס זיינען געבליבן אויסער דעם ראַם פון אַרטעלן, האָבן געקענט האַלטן ווייטער זייערע פּריוואַטע וואַרשטאַטן. אָבער די אויסערגעוויינלעכע שטייערן, וואָס מען האָט אַרויפגעלעגט אויף זיי, זיינען געווען אַ זעלכע שווערע, אַז די פּריוואַטע מייסטערסקייטס זיינען ממילא געצוואונגען געוואָרן זיך גיך צו פאַרמאַכן איינע נאָך דער אַנדערער.

דער סוחרישער עלעמענט איז דורך די סאָוויעטן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּאָליטישער שונא פונעם נייעם רעזשים, דעריבער האָבן די סאָוויעטישע מושלים זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט דעם, וואָס זיי האָבן צוגענומען די קראָמען און די פאַבריקן, נאָר זיי האָבן נאָך אַרויסגעשיקט די גרעסערע סוחרים און פאַבריקאַנטן — ס׳רוב יידישע, פאַרשטייט זיך — פון שטאָט. דער ערשטער אַרויסגעשיקט צו ווערן פון סעמיאַטיטש איז געווען שמעון האַמערשלאַק. נאָך אים איז גיך געקומען די ריי פון: ראובן מאַנטשער, ישראל צוקערמאַן, יואל לעוו, ניסן נאָוויק און משפּחה, פּרוי מינץ, מאיר פּעלכאָוויטש, משה פאַרבער, אירע מאַרמור, חיים זאַלטאַק, כאַמסקי דער אַפּטייקער, משה פונדיק, מרדכי מאַנדלבוים, לאַנדאַן דער אַפּטייקער, משה מאַרמור, זלמן אַרליאַנסקי, זינגער, שמאי יודל יאַבלאָן, אברהם וואַלאַך און זיין מאַמע, וואָלף וואַלאַך, יאַנקל רובינס, נחמן אַש, מרדכי טענעוויצקי, אלחנן קמחי און משפּחה, פאַמיליע סיר, בלימטשע אוועברוך, יאַנקל באַבין, פּייוול בזשעזינסקי, גאָלאָמב, טאַלווינסקי, קלמן ראָזנבוים, שמואל סאָקעניק, וואָלף, ברוך פוקס, יאַנקל אורשעס (אַלטעס), מענדל אַבערקאָוויטש, פּינטשע פּירער, הרב גערשטיין, חיים בער פּירער, פּייוול ראַדזינסקי, משה מלאַך, יאַנקל באַגליי, יודל געווירץ, נח קראַמער, איצל באַטשאַן, די מאַליניאַקעס, פאַמיליע סאַלאַט, חיים דייטש, ישעיה דייטש, העניע קאַטלער, יהודה קאַהוט.

אַ טייל זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צוליב פּאָליטישע מאָטיוון: פּירערס פון פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס די מאַכט האָט זיי פאַרדעכטיקט אין אַנטי־סאָוויעטיזם.

די אַלע אויבן־דערמאַנטע און אַנדערע, וואָס זייערע נעמען געדענקען זיך ניט, זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון סעמיאַטיטש אויף אַ מרחק פון 8—10 קילאָמעטער. אַ טייל פון יענע און אַנדערע יידן זיינען אָבער שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. צווישן זיי: הרב לוי ביעליצקי, די משפּחה מאַליניאַק, יאַנקל אורשעס (אַלטעס), ברוך פּנקס דער אַנאַרכיסט, בערל מלאַך, הערשל מלאַך, קלמן מלאַך, מרדכי קאַטלער, בצלאל קאַטלער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אין די לחלוטין נייע באַדינגונגען זיינען אַלע אַלטע יידיש־געזעלשאַפטלעכע טוערס גלייך אַראָפּ פון דער סצענע. אַ טייל פון זיי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, און די איבערגעבליבענע האָבן זיך געסטאַרעט וואָס ווייניקער זיך צו וואַרפן אין די אויגן. אויף דער אייבערפלאַך פון סעמיאַטיטשער יידישן לעבן זיינען דעמאָלט אויפגעשוואומען נייע נעמען: אברהם גאַרבער, יאָסל פיש, העניך ווראַנע.

ניט ווייניקער ווי אויפן עקאָנאָמישן איז אויך אויפן גייסטיקן געביט פאָרגעקומען אַ פולע איבערקערעניש. די העברעאישע „קדימה" שול איז תיכף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידיש־קאָמוניסטישער שול. די תלמוד־תורה און חדרים זיינען פאַרמאַכט געוואָרן. דאָס גאַנצע יידיש־רעליגיעזע לעבן איז געפּירט געוואָרן אונטערן שאָטן פון מורא און שרעק. די אַרטיקע מושלים האָבן אפילו געמאַכט אַ פּרוּוו צוצונעמען די איינציקע גרויסע שול, וואוהין די יידן פלעגן נאָך קומען דאַווענען. אָבער די סעמיאַטיטשער יידן האָבן אַרויסגעוויזן דרייסטקייט, ווען ס׳איז געקומען ביים צונעמען פון זיי זייער מקום קדוש. ס׳איז אַוועק אַ דעלעגאַציע צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג צו אינטערווענירן קעגן דעם פּלאַן פון מאַכן אַ סחורות־מאַגאַזין אין דער גרויסער שול. קלמן שוואַרץ, איינער פון דער דעלעגאַציע, האָט דרייסט געזאָגט: אויב איר וועט צונעמען די קירך אויף אַן אַפּערע־הויז, וועלן מיר אַן פּראָטעסט אָפּגעבן די שול פאַר אַ סחורה־לאַגער. נאָך אַ לענגערער דעבאַטע האָבן די יידן אויסגעפּירט.

אין דער דעלעגאַציע האָבן זיך באַטייליקט, אויסער קלמן שעוויץ, אברהם וואָלאַך, שמעון שבת, ראובן ברוקער.

איינע פון די טענות פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג צו דער דעלעגאַציע איז געווען, אַז יידן האָבן נאָך שולן אין שטאָט און זיי שטיין פאַרמאַכט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז יידן זאָלן אָנהויבן גיין דאַווענען אין מערערע שולן פון שטאָט.

די יידן אין סעמיאַטיטש האָבן ביסלעכווייז גענומען צופּאַסן זייער לעבן צום נייעם רעזשים. מיט די אַלע צרות און גזירות זיינען די סאָוויעטן, נאָך אַלעמען, דאָך געווען בעסער פון די דייטשן, און מיטן יידיש־טראַדיציאָנעלן „גם זו לטובה" האָבן די יידן גענומען פון דאָס ניי בויען ווי עס איז זייער לעבן. אָבער דאָס איז זיי ניט באַשערט געווען.

עס האָבן אַלץ שטאַרקער גענומען צירקולירן קלאַנגען, אַז דער דייטש־סאָוויעטישער ניט־אָנפאַל אָפּמאַך וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן. פון וואַנקען אין דער פּרעסע און פון שמועסן מיט סאָוויעטישע אָפיצערן האָט זיך געשאַפן אַ מיינונג ביי כמעט אַלעמען אין שטאָט, אַז יעדע מינוט קען קומען צו אַ קריג צווישן נאַצי־דייטשלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד. און עס זיינען געווען אויף דעם קאָנקרעטע אָנדייטן: אָנהייב יוני 1941 האָבן זיך גענומען שיטן דורך סעמיאַטיטש אָן אַ שיעור סאָוויעטישע מיליטער־טראַנספּאָרטן מכל המינים.

אַ רמז אויף מעגלעכע ערנסטע געשעענישן איז אויך געווען דער ווייטערדיקער פאַל: אין שטאָט האָט עקסיסטירט אַ יוגנטקלוב. דאָרטן פלעגן פאָרקומען פאַרשיידענע לעקציעס, ס'פלעגט געפירט ווערן אַ ספּאָרט־טעטיקייט, און יוגנטלעכע פלעגן דאָרטן פאַרברענגען געמיטלעך זייער צייט. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען אין קלוב אין אַפּריל־מאַי פון 1941 איז צווישן אַנדערע פלוצים פאָרגעלייענט געוואָרן אַ בריוו פון סטאַלינען, אין וועלכן די יוגנטלעכע ווערן געפרעגט, צי זיי ווילן זיין פרייוויליקע סאָלדאַטן אין דער רויטער אַרמיי. פאַרשטייט זיך, אַז דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג האָט שוין געענטפערט פאַר אַלעמען מיט „יאָ". די געבוירענע אין 1918 און 1919 זיינען תיכף רעקרוטירט געוואָרן. די געבוירענע אין אַנדערע יאָרן זיינען באַשטימט געוואָרן זיך צו טרענירן אין אַן אָרטיקער באַזע, וואָס איז געווען ביי קראַמערן אין הויף.

די יידן אין שטאָט האָבן מיט אומגעוויינלעכער שרעק נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, וואָס זיינען אָבער געלאָפן אַזוי גיך, אַז די סעמיאַטיטשער האָבן כמעט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט פון אָננעמען החלטות און זיך אַנטשליסן, וואָס צו טאָן אין אַט דער געפערלעכער צייט. און טאָן אין די געגעבענע באַדינגונגען איז געווען נאָר איינס: אַנטלויפן, אויב מעגלעך, פון שטאָט אין טיפערע געגנטן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, כדי צו זיין וואָס ווייטער פונעם פראָנט.

און כאָטש יידן האָבן גערעכנט אויף דער מעגלעכקייט פון אַ דייטש־סאָוויעטישן קריג, האָבן זיי זיך אָבער ניט פאָרגעשטעלט, אַז עס שטייט שוין אַזוי נאָענט פאַר דער טיר. ווי פלוצעמדיק אָט דער קריג איז געקומען, קען מען זען פון דעם: אין דער נאַכט פון ערב דייטשן אָנפאַל אויף רוסלאַנד, דעם 20טן יוני 1941, איז פאָרגעקומען אין סעמיאַטיטש אַ טאַנצבאַל. צום באַל זיינען געקומען, ווי תמיד אין דער לעצטער צייט, אויך דייטשן פון דער גרענעצוואַך אויף דער אַנדערער זייט: אַרום פיר פאַרטאָג האָבן פלוצים אָנגעהויבן פאַלן שיסן. דאָס האָבן די דייטשן אָנגעהויבן זייער אַטאַקע. די עלעקטריע אין זאַל איז פאַרלאָשן געוואָרן. אין חושך און מיט געוואַלדן און געשרייען זיינען אַלע זיך צעלאָפן.

אין דער פרי זיינען די דייטשן שוין געווען אין שטאָט. מען האָט גערעדט, אַז דער סאָוויעטישער גענעראַל, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יענעם פראָנט־אָפּשניט, זאָל זיך האָבן פאַרקויפט צו די דייטשן, און דעריבער איז דער סאָוויעטישער ווידערשטאַנד געווען אַזאַ שוואַכער.

די סאַמע העכסטע פון דער אָרטיקער סאָוויעטישער מאַכט האָבן זיכער געוואוסט פון אַ דראָענדיקן דייטשן אָנגריף. טייל פון סאָוויעטישן פּערסאָנאַל זיינען עוואַקואירט געוואָרן. איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז פון די יידישע קאָמוניסטישע פירערס אין סעמיאַטיטש איז קיינער ניט עוואַקואירט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער מאַכט.

לאה ביעליצקי

פון סעמיאַטיטש ביז קאַזאַכסטאַן

אין אפריל 1940 האָבן סעמיאַטיטשער ייִדן גענומען ווערן אומרואיק. דאָס שטעטל ליגט ביים טייך בוג, וואָס איז געווען די אָפּגעמאַכטע גרענעץ צווישן די באָלשעוויקעס און די נאַציס.

א דינער שניי האָט נאָך באַדעקט די ערד. עס האָט געבלאָזן א קאַלטער ווינט, און קאַלט איז אויך געווען אויפן הארצן.

איך דערמאָן זיך, ווי די באָלשעוויקעס האָבן צוגענומען די פאַבריק ביי מיינע עלטערן און אונדז ארויסגעיאָגט אויך פון אונדזער הויז. מיר האָבן דאַן געדונגען א קליינע דירה פון צוויי צימערן מיט א קיך לעבן טייך, וואָס צעטיילט דאָס שטעטל אין צווייען. דעם טייל, וואו מיר האָבן אלע יאָרן געוואוינט, האָט מען גערופן „אונטערן בריק". אויף אָט דעם טייכל, ווען עס פלעגט זיין פאַרפרוירן, פלעגן די גויים מיט די גלחים פּאַרויס גייען מיט פּראָצעסיעס און פלעגן אויסהאַקן א צלם אין אייז. ווען אזא פּראָצעסיע פלעגט דאַרפן דורכגיין, פלעגן ייִדן זיך ניט דרייען אין די גאַסן אויס מורא פאַרן המון. לעבן טייך איז אויך געשטאַנען דער קליינער בית־המדרש, וואו עס פלעגן זיין מנינים אָן אויפהער און ייִדן פלעגן דאָרטן זיצן און לערנען תורה.

דעם ערשטן אקט פון אכזריות האָבן די דייטשן ארויסגעוויזן ביים דאָזיקן טייכל. ווען זיי זיינען דעם ערשטן שבת אריין אין שטעטל, האָבן זיי ארויסגענומען די ספר־תורות פון דעם בית־מדרש און זיי אריינגעוואָרפן אין טייך. מיט אָט דער ידיעה זיינען געקומען צולויפן צעשראָקענע בעלי־בתים צו מיין פאָטער ר' לוי, וועלכער איז געווען ראש־הקהל און פון די חשובי־העיר. מיין פאָטער איז גלייך ארויס אין גאַס און זיך געלאָזט גיין צום דייטשן מיליטערישן פירער אין שטאָט, כאָטש אומעטום איז געווען באַלאַגערט פון דייטשע סאָלדאטן און וואָפן. מיין פאָטער האָט געבעטן דעם דייטשן אפיציער א דערלויבעניש ארויסצונעמען די ספר־תורות. ווייזט אויס, אז דאַן האָבן די דייטשן נאָך ניט געהאַט קיין באַפעל צו רודפן ייִדן — און דער אפיציער האָט באַוויליקט זיין בקשה.

★

דעם צוועלפטן אפריל איז מיין פאָטער געזעסן א גאַנצן טאָג אין בית־מדרש. ער האָט געפילט עפּעס א מורא, ניט וויסנדיק אליין פאַר וואָס. פרייטאָג צו נאַכט נאָכן עסן האָט מיין פאָטער, ווי אלע מאָל, געזאָגט: „גאָט זאָל העלפן איבער אכט טאָג שבת זאָל ניט זיין ערגער, און אלץ וואָס עס מאַכט זיך, מוז מען מקבל זיין באהבה". די מורא פון מיין פאָטער האָט אויך געווירקט אויף אונדז. ווי ס'איז נאָר געוואָרן פינצטער, האָט מען פאַרמאַכט די לאָדנס און פאַרריגלט גוט די טירן, ווי מען וואָלט זיך געוואָלט באַוואָרענען פאַר עפּעס, וואָס דאַרף פאַרקומען.

דריי ביי נאַכט איז מיין פאָטער אויפגעשטאַנען לערנען משניות. פּלוצים האָבן זיך דערהערט אָ פּאָר שטאַרקע קלעפּ אין טיר — ווער קען דאָס זיין אין מיטן נאַכט? מיין פאָטער, וועלכער איז פון נאַטור זייער א דרייסטער, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און געפרעגט: ווער איז דאָרטן? דער ענטפער איז געווען אויף רוסיש, אז מען זאָל עפענען, ווייל זיי זוכן געווער. מען האָט געעפנט און עס זיינען אריינגעקומען צוויי קאָמוניסטישע פּאָליציסטן, הויכע, שטאַרקע פּויערים מיט רויטע באַקן — עשו אין פולן זין פון וואָרט. זיי האָבן אלץ איבערגעוואָרפן, געזוכט, גענישטערט און, פאַרשטייט זיך, קיין געווער ניט געפונען. דערנאָך האָבן זיי געזאָגט: „סאָבירייטיס, יעדיעם וואָבאָז". מיר האָבן אָנגעהויבן וויינען און פרעגן וואוהין מען פירט אונדז. יענע האָבן געענטפערט: „מען וועט אייך שוין לאָזן וויסן. דערווייל האָט איר צוואנציק מינוט צייט זיך איינצופּאַקן".

ס'איז געוואָרן א בהלה. דער פּאָטער האָט דאָס ערשטע גענומען א קאָסטן מצה, וואָס איז שוין צוגעגרייט פאר פסח, און א ריי אנדערע זאכן. איך האָב געהאלטן אין איין שרייען: „מיר פאָרן קיין רוסלאנד, דארף מען גאָרניט נעמען" — און גענומען ווארפן די זאכן צוריק. מיין שוועגערין, וואָס האָט געוואוינט צוזאמען מיט אונדז, האָט אָנגעגעבן איר מיידלשן נאָמען, כדי מען זאָל זי ניט נעמען (מיין ברודער איז געווען אין לובלין ביים דייטש). האלטנדיק איר יאָריק מיידעלע אויפן האַנט, האָט די שוועגערין אונדז איבערגעגעבן עטלעכע טויזנט רובל.

מען האָט אונדז ארויפגעזעצט אויף א פור, ארויפגעלייגט די זאכן און אונדז געפירט צו דער סטאַנציע, א מהלך פון 12 קילאָמעטער פון שטאָט. דער פּאָטער איז געגאנגען צו פוס, ניט וועלנדיק מחלל שבת זיין. אויפן וועג האָט מען שוין געטראָפן יידן, וועלכע זיינען געגאנגען דאָווענען — און יעדער האָט מיט טרערן זיך מיט אונדז געזעגנט.

ביים וואָקזאָל איז געשטאנען א לאנגער עשאַלאָן מיט פראַכטוואַגאָנען, אין וועלכע עס האָבן זיך שוין געפונען יידן, ווי אויך קריסטן. די וואַגאָנען זיינען באוואכט געוואָרן פון רוסישע זעלנערס. די טירן זיינען געווען פארמאכט. מען האָט געזען, ווי יעדערער פון די מענטשן שטופּט זיך ארויסצורוקן זיין קאָפּ דורך דעם קליינעם פענצטערל, כדי צו זען וועמען מען פירט נאָך.

אונדז האָט מען אריינגעוואָרפן אין א וואגאָן, וואו ס'זיינען געווען נאָר גויים, ביי 25 פערזאָן, מערסטנס פרויען און קינדער, וואָס זייערע מענער זיינען געזעסן אין תפיסה. מיר האָבן אוועקגעלייגט די זאכן אין א ווינקל. דער פּאָטער האָט גלייך אָנגעטאָן דעם טלית און זיך געשטעלט דאווגען, אויסגיסנדיק זיין צעבראָכן הארץ פארן רבונו של עולם. איך מיט מיין יינגערער שוועסטער ציפקע זיינען צוגעגאנגען צום קליינעם פענצטערל, זיך געשטופּט נאָך א קוק אויף דער פרייער וועלט.

אין משך פון טאָג זיינען צוגעקומען צו אונדז פריינד זיך געזעגענען. מוצאי שבת האָב איך גענומען א שטיקל פּאפּיר און אָנגעשריבן א פּאָר ווערטער צו מיין עלטערער שוועסטער אין בּריסק: „טייערסטע מיינע, מיר פּאָרן קיין רוסלאנד. גאָט ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך זען. זייט געזונט. לאה". דער פּאָליציסט האָט מיר דערלויבט ארויסצוגיין ארייננווארפן דאָס בריוועלע אין פּאָסטקעסטל.

אויף מאָרגן נאָך האלבן טאָג זיינען מיר אָנגעקומען צו דער אמאָליקער פויליש־רוסישער גרענעץ, צום שטעטל מיקאשעוויץ. דאָרטן זיינען געשטאנען פיל עשאלאָנען פון פארשיידענע שטעט. אויף דער סטאַנציע האָט מען אלעמען איבערגעזעצט אין רוסישע וואגאָנען. מיר האָבן געקענט זען א סך באקאנטע מענטשן. אויף דער סטאַנציע האָבן מיר געהאט „מזל" מער פון אנדערע. אונדזער היטער, דער רוסישער סאָלדאט, האָט אונדז געלאָזן ארומגיין פריי. דורכגייענדיק אן עשאַלאָן האָט א פרוי פון ביאליסטאָק זיך אָנגערופן צו אונדז: „יידן, איר זענט פריי, ראטעוועט זיך". מיין עלטערע שוועסטער אסתרקע האָט דאן דעצידירט זיך אומצוקערן קיין בריסק צו דער שוועסטער. זי האָט צוגענומען איר באַגאַזש און זיך פריי ארויפגעזעצט אויף א באַן, וואָס איז געגאנגען קיין לונינעץ, און אָפּגעפאָרן. ווער זאָל וויסן, אז עס איז ניט באשערט געווען איר צו בלייבן לעבן, איז זי געפאָרן צוריק. זי איז שפּעטער אומגעקומען אין אוקראַאינע צוזאמען מיט דער אנדערער שוועסטער.

★

די ערשטע באַנסטאַנציע, וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין סאָוויעט־רוסלאנד, איז געווען האָמעל. מיר האָבן דאָרטן געטראָפן א יידישן באַן־נאטשאלניק, א ווארעמען, טייערן ייד. ווען דער רוסישער זעלנער איז געשטאנען דערביי, האָט ער גערעדט צו אונדז נאָר רוסיש: „יעדער האָט רעכט צו לעבן אין רוסלאנד. ווער עס ארבעט, האָט וואָס צו עסן, ווי אין קאָנסטיטוציע שטייט". אָבער ווי נאָר דער רוסישער סאָלדאט איז אוועק, האָט דער נאטשאלניק אָנגעהויבן ריידן צו אונדז יידיש: ווי קומט א ייד ווי איר זאָל זיין צווישן די ארויסגעשיקטע? האָט ער געפרעגט מיין פּאָטער. „א פאבריקאנט" — האָט מיין פּאָטער געענטפערט. — „נו, — זאָגט דער נאטשאלניק — א ייד דארף האלטן דעם קאָפּ אויף די פלייצעס און דאן וועט ער אויך דאָ ניט פארלארן גיין". — איך וועל ניט פארגעסן אונדזער פרייד הערנדיק זיין זאפטיקן יידיש און

פילנדיק זיין ווארעמע באציאונג צו אונדז. עפּעס אזוי ברידערלעך איז ער געווען!

פון האָמעל זיינען מיר געפאָרן אלץ טיפער און טיפער אין רוסלאנד. אויפן וועג פלעגט מען אויף יעדער באַנסטאַנציע אונדז דערלויבן גיין נאָך ווארעם וואסער. ברויט און הייסע זופּ פלעגט מען ברענגען צום וואגאָן. מיר האָבן געלעבט נאָר מיט ברויט און וואסער. איך וועל ניט פאַר־געסן די טעג, ווען עס האָט אויסגעפעלט וואסער און מיר האָבן געמיינט, אז מיר גייען אויס פון דאָרשט. נאָענט צו אוראל איז דאָס וואסער גע־ווען פול מיט נאפט, פשוט שווער געווען צו נע־מען עס אין מויל. ווי גליקלעך זיינען מיר געווען, ווען צוויי ביי נאַכט האָט מען אָפּגעשטעלט דעם עשאַלאָן ביי סווערדלאָווסק און געוועקט גיין נאָך „קיפּיאַטאָק" (ווארעם וואסער).

די סדר־נעכט זיינען מיר נאָך געווען אין וואַ־גאָן. די כוסות זיינען געווען פול מיט טרערן. די מצווה פון אכילת מצה במרור האָבן מיר דער־פילט בשלמות.

נאָך צוויי וואָכן זיך שלעפּן אין די וואַגאָנען זיינען מיר סוף־סוף אָנגעקומען אין ווייטן סי־ביר, אין קאזאכסטאן, א 40 קילאָמעטער פון דער שטאָט פּיעטראָפּאָוולאווסק, וואו עס געפינט זיך די באוואוסטע טורמע.

מ׳האָט ארויסגעטראָגן פון וואגאָן אלע זאכן. מיר קוקן זיך ארום — מיר שטייען אויף א וויסטן אָרט. לעבן אונדז שטייען די קאזאכן — שוואַרצע מענטשן מיט ארויסגעשטאָרצטע ביינער ביי די באַקן, מיט לאנגע, קליינע אויגן. זיי טראָגן אויף די קעפּ גרויסע פוטערנע היטלעך, לאנגע וואלי־קעס ביז איבער די קני, וואַטאָווע הויזן און וואַ־טאָווע „קופייקעס" (קורטקעס). זיי האָבן אויס־געקוקט ווילד — און מיר אין זייערע אויגן מס־תמא דאָס זעלביקע...

עס איז געווען אָנהייב מאַי — און די קעלט איז נאָך געווען גרויס. מען האָט אונדז ארויפגעזעצט אויף א לאַסטאויטאָ צוזאמען מיט נאָך 30 מענטשן, ארויפגעלייגט די פּעק זאכן און אונדז געפירט. די שפּראך האָבן מיר, פארשטייט זיך, ניט געקענט, און ווען מיר האָבן געפרעגט וואו־הין מען פירט אונדז, האָבן מיר קיין ענטפער ניט באקומען. נאָך א פּאָר שעה פאָרן האָט זיך דער אויטאָ אָפּגעשטעלט אין א פוסטן אָרט. דאָ און

דאָרט האבן זיך געזען קליינע הייזלעך, וואס זיינען געבויט פון פשוטער ערד. נאָך לאנגע פרעגענישן האָט מען אונדז געזאָגט, אז דאָס איז א קאָלכאָז מיטן נאָמען רובלאווקא. און איצט, רופט זיך אָפּ צו אונדז דער „פּרעדסעדאטעל", גייט און זוכט אן אָרט וואו צו לעבן. — עס איז אונדז געוואָרן פינצטער אין די אויגן: צו ווע־מען צו ריידן איז ניטאָ, וועמען צו בעטן איז ניטאָ, וואוהין וועלן מיר גיין? ווער וועט אונדז ארייינלאָזן?

נאָר אז ס׳איז ניט געווען קיין ברירה, האָט מען זיך געלאָזט גיין איבערן דאָרף. די הייזלעך אינע־ווייניק האָבן איין צימער, וואו עס שטייט אויך א קליין קיכל. דער דיל איז פון ערד, אויסגע־שמירט מיט אַ גרינעם קאָליר, אָבער ניט מיט קיין פארב. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוואוסט מיט וואָס: זיי נעמען די צואה פון בהמות, מ׳שן עס מיט וואסער און מיט דעם שמירט מען די פּאָדלאָגע — זיי זאָגן, אז דאס איז א דעזינפעק־ציע־מיטל קעגן ווערעם אויפן ערדישן דיל. אין א סך הייזקעס האָבן מיר אויך געטראָפן הינער אין א ווינקל, ווייל אין שטאָל איז געווען קאלט זיי צו האלטן, און רייכערע פויערים האָבן אויך געהאלטן אין הויז א ניי געבאָרן קעלבל.

איז וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר קענען גאָרניט פארלאנגען, אז מען זאָל אונדז ארייינלאָזן? וואו וועלן מיר זיך אהינטאָן מיט די פּעק זאַכן? די פּראגעס לאָזן אונדז ניט רוען. אָבער דער רבונו של עולם פארלאָזט ניט. אָט גייען מיר ווייטער און מיר זעען צווישן די גאָר קליינע הייזקעס א גרעסער הויז, געמאכט פון ציגל, געטריקנטע פון דער זון, און די ציגל זיינען צונויפגעמישט פון ליים מיט שטרוי. דאָס דאָזיקע הויז איז א סך העכער פון די איבעריקע הייזקעס און לגבי זיי זעט עס אויס ווי א ריז. זיין דאַך, וואָס איז פון א נאָרמאל הויז, האָבן מיר אָנגערופן „קולטור־נער דאַך". אין דאָזיקן הויז זיינען מיר ארייין און געבעטן אונדז דאָרטן איינקוואַרטירן.

דאָס הויז האָט געהאט א שטיבל ביים ארייינ־גאנג, וואו עס איז געשטאנען א קו. דערנאָך איז געווען די קיך, וואו עס איז געשטאנען אזא אויוון, וואס ביי אונדז האָט מען אין אים גע־באָקן ברויט. קיין קיך צו קאָכן איז ניט געווען. זיי האָבן אלץ געקאָכט אינעם גרויסן אויוון.

אויפן אויוון זיינען געלעגן פיר קליינע קינדער, און דאָרטן פלעגן זיי שלאָפן. לעבן אויוון זיינען געשטאַנען הינער, א קעלבל איז געווען צוגע־בונדן צום וואנט. אויף דער ערד איז געווען אויסגעשאָטן שטרוי. פון אָט דעם „צימער" זיינען מיר אריין אין א צווייטס — א פּאַלאַץ לגבי די אלע, וואס מיר האָבן געזען. דאָס צימער האָט געהאט פון איין זייט צוויי פענצטערס און אין דער צווייטער זייט איין פענצטער. אין א ווינקל איז געשטאַנען א בעט. איבערן בעט זיינען גע־האנגען דריי פּאָרטרעטן פון מאָלאָטאָווּן, וואָראָ־שילאָוון מיט סטאַלינען אין דער מיטן. ווען מיר פלעגן וועלן ריידן וועגן סטאַלינען, פלעגן מיר אים באַצייכענען מיטן נאָעמען „דער מיטלסטער". קיין ברכות האָבן מיר אים ניט געגעבן...

דער בעל־הבית איז ניט געווען, ווען מיר זיי־נען אריין אין הויז. ער האָט געאַרבעט אויפן פעלד. גערעדט האָבן מיר מיט דער באַלעבאָסטע. אין אָנהייב האָט זי ניט געוואָלט הערן פון אונ־דזער בקשה צו פאַרבלייבן ביי זיי. מיר האָבן גע־פּרוּווט ווירקן אויף איר מיט צוזאָגן, אז מיר וועלן געבן זאכן פאר איר און די קינדער. דאָס האָט ווייך געמאכט איר הארץ און זי האָט מסכים געווען אונדז אריינצולאָזן.

א פּאָר טעג האָבן מיר אָפּגעלעבט אין קאָל־כאָז, אָבער אויף דער צווייטער נאכט איז געקו־מען מיליץ אונדז רופן אין ביוראָ פון פּרעדסע־דאטל. אונדזער שרעק קען איך ניט באַשרייבן. עס פעלן ווערטער. די הויט האָט אויף אונדז גע־ציטערט, זעענדיק, ווי דער מיליציאַנער וואַרט ביז מיר וועלן זיך אָנטאָן און גיין מיט אים.

מיר קומען אהין — און פאר אונדז זיצן ענקאַ־ווּעדיסטן ביי טישן. מען הייסט אונדז אונטער־שרייבן אנקעטעס. וואס דאָרטן שטייט, ווייסן מיר ניט, נאָר זיי זאָגן אונדז, אז מיר גיבן אונ־דזער חתימה אויף צו ווערן סאָוויעטישע ביר־גערס. א ברירה האָבן מיר? מיר באַקומען גלייך סאָוויעטישע פּעסער, וואו עס ווערט אונטערגע־שטראָכן, אז מיר טאָרן זיך ניט רירן פון דעם קאָלכאָז מער ווי דריי קילאָמעטערס אין יעדער זייט, לויטן געזעץ פון ארויסגעשיקטע. מיר האָבן זיך געפילט זייער ביטער, דורכלייענענדיק די דאָ־זיקע שורה — הייסט עס, אז מיר זיינען ארעס־טירטע און אונדזער טורמע איז די גרייס פון דריי קילאָמעטערס.

צו ביסלעך האָט מען זיך דערצו אויך צוגע־וואוינט. אין דער אמתן האָט מען אונדז ניט נאָכ־געקוקט. מיר פלעגן גיין ווייטער ווי דריי קילאָ־מעטערס אין אנדערע קאָלכאָזן צו קויפן שפּייז — און מען האָט ניט געשטערט. ניט יעדערער האָט געוואָגט עס צו טאָן, אָבער מיר האבן נאָך געהאט דעם גבירישן מוט אין זיך, און אפשר איז דאָס גיכער געווען נאַאיוויטעט: מיר האָבן נאָך ניט געקענט דעם סאָוויעטישן רעזשים.

די אלע קאָלכאָזן ארום אונדז זיינען געווען קאזאכישע. די מענטשן לעבן אין ערדענע כאָט־קעס, שלאָפן אויף דער ערד, אָבער זיי לייגן אונ־טער אזעלכע „טעפּעכער", וואָס זיי וועבן אליין אויס. זיי האָבן קיילעכדיקע און גאָר נידעריקע טישלעך. זיי טרינקען דריי מאָל א טאָג טיי פון סאמאָוואר. אין א יום־טוב קאָכן זיי פלייש — און דאַן קומט זיך צונויף די גאנצע משפחה. קיין פּאפּיראָסן רויכערן זיי ניט — זיי לייגן ארונטער מאַכאָרקע אונטער דער פאָדערשטער ליפּ און זיי האַלטן עס דאָרטן ביז זיי וואַרפן עס ארויס.

די קאזאכן זיינען פיזיש שוואכע מענטשן. א סך פון זיי זיינען קראנק אויף די לונגען. זיי האָבן ארויסגעוויזן מער רחמנות צו די אריסגעשיקטע ווי די רוסן. די קאזאכן האָבן ניט געוואוסט פון אנטיסעמיטיזם. בכלל האָבן זיי ווייניק געוואוסט וועגן יידן.

אין קאָלכאָז האָבן מיר געלעבט דריי מאָנאטן, פון מאַי ביז סוף יולי 1940. מיר האָבן כמעט ווי ניט געאַרבעט, ווייל ברויט איז געווען צו דער זעט און דאָס איז געווען אונדזער הויפּטשפּייז. מיר זיינען געגאנגען ארבעטן נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט גערופן און מען האָט געמוזט גיין. מען פלעגט באַצאָלן מיט „טרודאדני", דאָס הייסט מיט ווייץ, ניט מיט געלט. אויך די קאָל־כאָזניקעס קריגן באַצאָלט נאָר מיט ווייץ פאַרן גאנצן יאָר מיט איין מאָל — נאָכן שניט פון דער תבואה. זיי פירן די תבואה אָפּ אין דער נאָענט־סטער שטאָט צו פאַרקויפן און גלייכצייטיק קויפן זיי דאָרטן איין זאכן, וואס זיי דארפן, ספּעציעל מלבושים. וועגן קויפן א מלבוש אין קאָלכאָז איז קיין רייד ניטאָ. ווען די קאָלכאָזניקעס האָבן גע־זען, ווי מיר טוען זיך אָן, האָבן זיי דאַן ערשט

אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואס עס זיינען קאַפּיטאַליסטן. זיי האָבן אָפּגעקויפט א נאכטהעמד פון אונדז און עס געטראָגן ווי א קלייד אויף א באַל. אין ווירטשאפטלעכן זינען איז אונדזער קאָלכאָז גראד געווען א רייכער. מיר האָבן דאָרטן געקענט בייטן זאכן און באקומען גענוג אייער, פּוטער און מילך. מיר האָבן זיך ניט געוואָלט צוגעוואוינען צום געדאנק, אז מיר באזעצן זיך דאָ, סיי צוליב זיך, סיי צוליב אונדזערע שוועסטערן, וועלכע זיינען געבליבן אין בריסק — און פון דאָרטן שפּעטער אריבער קיין מאניעוויץ, וואָלין — חנהלע, שרהלע, אסתרקע, ווי אויך מיין שוועסטער פרומעלע אין ווילנע מיט מיין יינגסטן ברודערל. זיי האָבן ניט גערוט און כסדר צו אונדז געשריבן, אז מיר זאלן שרייבן ביטעס קיין מאָסקווע, אז מען זאל אונדז שיקן צוריק, ווייל דאָ קען דער פאָטער ניט ארבעטן ביי זיין ספּעציאליטעט ווי א „טעכנארוק" אין א קאכל־פאבריק.

מיר זיינען געווען אזוי נאַאיוו, אז מיר האָבן טאַקע געוואגט צו שרייבן א ביטע — ניט קיין מאָסקווע, נאָר צו דער ענקוו"ד אין קרייז. אין איין העלן טאָג איז אראָפּגעקומען ספּעציעל אין קאָלכאָז דער נאטשאלניק פון ענקוו"ד, צו וועמען מען האָט תיכף גערופן מיין פאָטער. איך האָב מיין פאָטער ניט געלאָזן גיין אליין און בין מיטגעגאנגען מיט אים. דער נאטשאלניק, אליין א קאזאך, פרעגט קורץ: „דו האָסט געשריבן א ביטע. וואוהין ווילסטו פאָרן?" — מיין פאָטער דערציילט אים, ווי ער בענקט נאָך זיינע קינדער, וועלכע וואוינען אין אוקראַאינע, אז ער וויל ברענגען נוצן רוסלאנד און וויל ארבעטן ווי א ספּעציאליסט — און אזוי ווי אין ווייס־רוסלאנד אָדער אין אוקראַאינע זיינען דאָ אזעלכע פאבריקן פון קאַכלעס, וואו ער איז א פאכמאן, בעט ער, אז מען זאָל אים לאָזן פאָרן צוריק.

דער נאטשאלניק האָט גאָרניט געענטפערט און געהייסן אונדז גיין. גאָט צו דאנקן, אז מיר גייען ארויס אָן א וואַך...

דערווייל האָט מיין פאָטער באשלאָסן איינצושטעלן און צו פאָרן קיין פּעטראָפּאוולאָווסק, פּשוט באצאָלן א קאָלכאָזניק אז יענער זאָל אים מיטנעמען אויף א לאסטאויטאָ אין שטאָט אריין. די קאָלכאָזניקעס האבן ניט געוואוסט, אז מיר טאָרן זיך ניט רירן פון אָרט מער ווי דריי קילאָמעטערס. מיין פאָטער איז א גרויסער איינשטעלער, האָט ער קיין סך ניט געטראכט, זיך אָנגעטאָן, ארויס אויפן וועג, וואס פירט צום שטאָט, און אָפּגעווארט א לאסטאויטאָ, זיך ארויפגעזעצט אויף די זעקלעך תבואה און געפאָרן.

מיין פאָטער איז אָנגעקומען אין שטאָט בשלום. עס איז אים אויך געלונגען צו געפינען אן אָרט ביי א פיינעם גוי איבערצונעכטיקן. אין פּעטראָפּאוולאָווסק האָט דער פאָטער אָפּגעטאָן א מערקווירדיקע זאך: ער האָט געקויפט בילעטן קיין קיעוו פאר דער גאנצער משפחה און זיך אומגעקערט קיין רובלאָווקע אין קאָלכאָז. ווען דער פאָטער איז געקומען צוריק, האָבן מיר שטיל אָנגעהויבן צו פארפּאקן די זאכן, א ביסל האָבן מיר מפקיר געווען און איבערגעלאָזן פאר דער גויע.

די פראגע ווען און ווי אזוי צו פארלאָזן דעם קאָלכאָז איז געלייזט געוואָרן דורך א גליקלעכן צופאל: עס איז גראד אראָפּגעקומען א צירק אין קאָלכאָז און אלע קאלכאזניקעס מיטן פּרעדסעדאטעל בראש זיינען געווען פארנומען מיט דער שמחה. האבן מיר אויסגענוצט די גוטע געלעגנהייט, באשטעלט א לאסטאויטאָ, ארויפגעוואָרפן אלע זאכן און גיך ארויס פון קאָלכאָז.

נאָכן אָנקומען קיין פּעטראָפּאוולאָווסק האָבן מיר דעם גרעסטן טייל פעקלעך אונדזערע אָפּגעגעבן אויף באַגאַזש אויף דער באַן. פאר זיך האָט יעדער געהאט א זעקל אויף דער פּלייצע. דער פאָטער האָט יעדערן געגעבן 1000 דאָלאר אין פאל, אז איינער וועט אָפּגעריסן פון אנדערן.

מיר זיינען אריין אין באַן מיטאָג צייט, דעם 24סטן יוני 1940. פון קאזאכסטאן ביז קיעוו איז א מהלך פון 3.000 קילאָמעטער. אין באַן האָבן מיר זיך געפילט ממש ווי פרייע מענטשן, גלייך מיט די אנדערע פּאסאזשירן. מיר האָבן געשמועסט, זיך געוויצלט, געווען גוט אויפגעלייגט און גאָרניט געטראכט, אז מען דארף זיך האלטן א ביסל סאָלידער, ווייל מען דערקענט לויט אונדזערע מלבושים, אז מיר זיינען פרעמדע. מיר זיינען געפאָרן א גאנצע נאכט. אין דער פרי זיינען מיר אָנגעקומען קיין טשעליאבינסק, דאָס איז די ערשטע שטאָט נאָך אוראל אויף דער אייראָפּעאישער זייט, וואו מיר האָבן געדארפט נעמען א צווייטן צוג, וואס האט געזאָלט אָפּגיין איינס

ביי נאכט. 12 א זייגער ביי נאכט האָט מען געעפנט דעם פעראָן צום צוג. נקוו״ד האָט דורכגעלאָזן די מענטשן. ווען עס איז געקומען די ריי פון מיין פאָטער און שוועסטער, האָט מען זיי פארהאלטן און אריינגענומען אין מיליץ. מיך, מיין מוטער און מיין אלטע באבע פון א יאָר 78 האָבן זיי דורכגעלאָזן. אונדזער שרעק האָט אָנגעהאלטן נאָר עטלעכע מינוט, ווייל מיין פאָטער און שוועסטער זיינען גיך געקומען צוריק. אין מיליץ האָט מען מיין פאָטער געבעטן ווייזן א דאָקומענט. ער האָט געוויזן דעם פאספאָרט מיטן „סטאַטיא״ פון די ארויסגעשיקטע, ווי אויך צוגעלייגט א קאָמאנדיראווקע, וואס ער האָט געהאט נאָך פון די צייטן, ווען ער האָט געארבעט אין זיין פאבריק — א קאָמאנדיראווקע צו פאָרן אין א שטאָט פון ווייסרוסלאנד. אָן שום אנדערע פראגעס האָט דער ענקאוועדיסט אים ארויסגעלאָזן. די אויגן זיינען אים פארשטעלט געוואָרן, אָדער אפשר האָט ער רחמנות געקראגן אויף א יידן מיט א באָרד.

ווען מיר זיינען שוין געווען אָפגעפאָרן וואָסערע 800 קילאָמעטער פון טשעלאבינסק, קומט אריין אן ענקאוועדיסט און בעט מיין פאָטער ווייזן דעם פאספאָרט. ער האָט תיכף געהייסן אויפלייגן אונדזערע זאכן. אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע זיינען מיר אראָפגעפירט געוואָרן פון באַן און אָפגעשיקט צו דער אָרטיקער מיליץ. אין מיליץ האָט מען אונדז פשוט אויסגעטאָן נאקעט. ווען זיי האָבן גאָרניט געפונען, האָבן זיי אונדז געפירט אין ארעסטהויז.

א גאנצע נאכט איז קיינער פון אונדז ניט געשלאָפן. מיר זיינען אלע געזעסן אויף דער ערד און געקלאָגט. מיר האָבן ניט געוואוסט, וואָס זיי וועלן טאָן מיט אונדז. אויף מאָרגן האָט מיך געשיקט רופן דער נאטשאלניק, ווייל אונדזער שומר האָט אים איבערגעגעבן מיין בקשה, אז איך וויל ריידן מיט אים.

מיט ציטערדיקע טריט בין איך געגאנגען צו אים, שעפטשענדיק א תפלה צום רבונו של עולם אונדז ארויסצוהעלפן פון דער צרה. איך בין אריין אין זיין ביוראָ. „וואָס ווילסטו ?״ — פרעגט ער. איך הייב אָן: „טאָווארישטש נאטשאַלניק״... — „איך בין דיר ניט קיין חבר — גיט ער א געשריי, אז די ווענט האָבן געציטערט — רוף מיך גראזשדאנין. דו ביסט ארעסטירט, ביסטו ניט מיין חבר״. רוף איך זיך אָפ: „גראזשדאנין נאטשאלניק, איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, אז מיר זיינען ניט קיין פארברעכערס, מיר האָבן נאָר געוואָלט פאָרן צו אונדזער משפחה אין אוקראַאינע״. ער לאָזט מיך ניט ענדיקן, ער נעמט א קליין ביכעלע, דעם קאָדעקס, און לייענט פאר מיר: „דער יעניקער, וואָס אנטלויפט פון פארשיקונגסאָרט, קומט אים צוויי יאָר טורמע״. און דאן זאָגט ער שטרענג: „אייך שיקט מען צוריק דאָרטן, פון וואנען איר זייט געקומען״.

ווען איך האָב דאָס געהערט, איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ווען פרייט זיך אן אָרעמאן ? ווען ער פארלירט און געפינט דאָס פארלאָרענע צוריק. אין אָט דער מדרגה האָב איך זיך געפילט. איך האָב דעם נאטשאלניק באדאנקט און ארויס.

מיינע עלטערן האָבן שוין ארויסגעקוקט אויף מיר, זיך געשראָקן טאָמער פארהאלט מען מיך. ווען איך האָב זיי איבערגעגעבן די רייד פון דעם נאטשאלניק, האָבן אלע אָנגעהויבן וויינען פאר פרייד. דער פאָטער האָט אָבער צוגעגעבן: ווי גרויס וועט זיין דער צער פון אונדזערע קינדער וואָס ווארטן שוין אויף אונדז. פרומעלע פון ווילנע האָט טאקע געשריבן אין נאָמען פון הגאון ר׳ חיים גראדזענסקי, דאמאָלדיקן ווילנער רב זצ״ל, אז מיר זאלן זיך ניט רירן פון אָרט, ווייל עס וועט קומען א צייט, ווען מען וועט אונדז מקנא זיין...

אונטער א שטענדיקער וואַך האָט מען אונדז סוף־סוף געבראכט אין קאזאכישן קאָלכאָז ביינעטקאר. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן פיל ארויסגעשיקטע פאָליאקן, ווי אויך עטלעכע פאמיליעס יידן. מיר האָבן נאָך ניט געוואוסט, וואָס אונדזער גורל וועט זיין, ווייל יעדער טאָג פלעגט מען רופן דעם פאָטער אין נקוו״ד. דערנאָך האָט מען גענומען רופן אונדז אלעמען, אָבער יעדערן באזונדער. זיי האָבן אלץ געוואָלט אָנשרייבן א פראָטאָקאָל, אז מיר זיינען אנטלאָפן פון פארשיקונגס־אָרט. יעדערער פון אונדז האָט זיך אָבער געהאלטן פעסט און אזא פראָטאָקאָל ניט אונטערגעשריבן. זיי האָבן וויפל מאָל געמוזט צערייסן די אָנגעשריבענע פאפירן. איך האָב מערערע מאָל איבערגעחזרט פאר מיין אויספרעגער

אז מיר זיינען ניט אַנטלאָפֿן. מיר זיינען געפֿאָרן, ווען אלע האָבן געזען, ווייל עס איז נאָך געווען טאָג און ניט נאכט — און איך וועל ניט אונטער־שרייבן.

זעענדיק אונדזער איינגעשפּאַרטקייט, האָבן זיי געמוזט איבערשרייבן דעם אַקט און שרייבן אזוי, ווי מיר האָבן געזאָגט...

באמערקונג פון רעדאקציע

הרבנית לאה אָרענשטיין, די טאָכטער פון הרב לוי ביעליצקי, האָט ניט באוויזן צו ענדיקן אירע זכרונות, ווייל זי איז נפטר געוואָרן י׳ ניסן תשי״ז אין ניו־יאָרק, אין עלטער פון 33 יאָר. זי איז געווען די פרוי פון הרה״ג ר׳ שמואל אָרענשטיין, רב אין בראָנקס, ניו־יאָרק. אויסער וואָס זי איז געווען באשאָנקען מיט א סך נאטיר־לעכע מעלות, איז זי געווען גוט באהאַוונט אין לימודי היהדות. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אין שול פון איר מאן געשאַפן א לערנ־קרייז „עונג שבת" פאר פרויען, וואו זי פלעגט יעדן שבת ריידן וועגן אגדות חז״ל, מוסר און יידישע דינים. אירע לעקציעס האָבן צוגעצויגן א גרויסן צוהערער־עולם. איר נאָמען איז געווען באקאנט אין ווייטע קרייזן פון יידן אין בראָנקס.

איר טויט האָט ארויסגערופן טיפסטן טרויער ביי אלע יידן פון דער געגנט. די פרויען ביי דער לוויה האָבן ניט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאָגן. עס האָבן זי מספיד געווען א ריי באַקאנ־טע רבנים.

ד. פּריסטאַר

אונטער די נאציס

דער ערשטער יידישער קרבן נאָכן דייטשן צווייטן ארייננקום אין שטאָט איז געווען יאנקל דזום, משה קיטניקס זון. ער איז געהרגעט גע־וואָרן פון א באָמבע. פון די יידן, וואָס זיינען גלייך דעם ערשטן טאָג אַנטלאָפן אין די ארומיקע דערפער, איז דורך די דייטשן געכאַפּט געוואָרן יעקב טיקאָצקי מיט ביידע זין, לייזער טיקאָצקי און זייער מאַמע הענע. זיי האָבן דערשאָסן די קינדער פאר די אויגן פון דער מאמען, לאָזנדיק זי לעבן. הענע טיקאָצקי איז אָבער געוואָרן ווילד פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון אירע קינדער. זי האָט געשריען, אז זי וועט פון דאַנען ניט אוועק און אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער אויף די מער־דערס. דעמאָלט האָבן די רוצחים אויך זי דער־שאָסן.

אין די ערשטע טעג איז אריינגעוואָרפן גע־וואָרן לעבעדיקערהייט אין א גרוב שלמה שלע־זינאָווסקי, ער איז געמסרט געוואָרן דורך קריסטן ווי א קאָמוניסט.

לאַנג פאַרבלייבן אין די דערפער האָבן די אַנטלאָפענע יידן ניט געקענט. לויט א באַפעל פון די דייטשן, האָבן אלע איינוואוינערס זיך גע־מוזט אומקערן צוריק צו זייערע פריערדיקע וואוינערטער. טויטשטראָף האָט געדראָט ניט נאָר די באַטרעפיקע נאָר אויך די יעניקע, ביי וועמען זיי געפינען זיך. ביי אזא מצב האָבן די מערסטע יידן זיך אומגעקערט צו זייערע היימען אין סע־מיאטיטש. א טייל האָבן ריזיקירט און זיינען נאָך אלץ פארבליבן אין זייערע ערטער אויסער דער שטאָט.

אין אַ פּאָר טעג ארום האָבן די דייטשן ארויס־געפירט אלע יידן פון די הייזער און זיי געפירט צו דער פאבריק „מעלבא" ביי דער סטאַנציע, 12 קילאָמעטער פון שטאָט. עטלעכע שקצים האָבן אָנגעוויזן אויף יאָסל פיש און מיינקע קראַ־וועץ, אז זיי זיינען קאָמוניסטן. מען האָט זיי ארויסגענומען פון דער ריי, מערדערלעך גע־שלאָגן און דערנאָך זיי אויפגעהאָנגען לעבעדי־קערהייט אויף די ווענט. פּאָליאַקן האָבן אויך געטייטלט מיט די פינגערס אויף ד״ר געלבוים, פון די וויכטיקע יידישע עסקנים. אויך אים האָט מען ארויסגענומען פון דער ריי. ער איז שוין מער ניט צוריקגעקומען.

אין „מעלבא" האָבן די יידן געארבעט א פּאָר

טעג. דער אָרט איז פאַרצוימט געוואָרן מיט דראָט. אויפן דריטן טאָג איז געקומען דער פּאַ־ליאַק רודע און געהייסן אַלע יידן זיך אויסשטעלן אין א ריי. א פּאָר צענדליק יידן זיינען דורך אים ארויסגענומען און אוועקגעשיקט געוואָרן, ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, צום טויט.

די אלע פארבליבענע יידן פון „מעלבא" זיינען געבראכט געוואָרן צוריק אין סעמיאַטיטש. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פאר זיי א קייט פון גזירות רעות ופורעניות און מיתות משונות אָן א שיעור און אָן א ברעג.

דער צוריקגעקומענער לייבל מארמאר האָט געפונען זיין קו ביי א קריסט און געוואָלט זי צונעמען. דער קריסט האָט געמאכט א געוואַלד, אז יידן זיינען געקומען אים באראבעווען. עס זיינען געקומען דייטשן, האָבן געכאַפּט לייבל מארמאר מיט זיין זון חיים, זיי פארבונדן און לעבעדיקערהייט באגראָבן.

אָרטיקע פּאָליאַקן האָבן געהאָלפן די דייטשן זיך איזדיעקעווען אויף די יידן. אויפן באַפעל פון די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט אויף די גאַסן א סך יידן, זיי געהייסן אָנטאָן טלית און תפילין, נעמען דאָס טהרה־ברעט און גיין אַראָפּוואַרפן דעם רי־זיקן לענין־מאָנומענט, וואָס די סאָוויעטן האָבן געהאָט אויפגעשטעלט אין שטאָט, און עס באַ־גראָבן אויפן יידישן בית־עולם. די געכאַפּטע יידן האָט מען געשלאָגן מכות־רצח. י. קאָהוט איז גע־צוואונגען געוואָרן צו מאכן א הספד אויף לע־נינען און שרייען: „נידער מיטן סאָוויעטן־פאַר־באנד!" מען האָט די יידן געטריבן צום בית־עולם דווקא דורכן וואסער, וואָס פירט אַהין. איי־נער פון זיי איז אין וואסער דערטרונקען גע־וואָרן, דאָס איז משה קאַזעדאַוויטש. ווען די יידן זיינען געגאַנגען צוריק פון בית־עולם, האָבן זיי געמוזט דורכגיין דורך צוויי רייען פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיי געשלאָגן פון ביידע זייטן.

א פּאָר וואָכן נאָכן אריינקום פון די דייטשן אין סעמיאַטיטש האָט דער בירגערמייסטער גערופן דעם רב און אים באפוילן צוזאמענצושטעלן א יודן־ראַט. דער רב האָט פאררופן צו זיך די ווייַ־טערדיקע פּערזאָנען: י. קאָהוט, י. ראָזענצווייג, שמעון ציפּעלעוויטש, פּסח שטיינבערג, לייזער שוסטער, לעווין, דוד נח גרוסקין און מרדכי גרוסקין. די אלע האָבן זיך אָנגענומען צו שאפן דעם יודן־ראַט. צום פּאָרזיצער איז דורך זיי אויסגעקליבן געוואָרן י. ראָזענצווייג. ניט דער פּאָרזיצער, ניט די מיטגלידער פון סעמיאַטיטשער יודן־ראַט זיינען באַשטימט געוואָרן דורך דער דייטשער מאכט. זיי זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דורך די יידן און געאַרבעט לטובת זיי. קען זיין, אז דאָס איז די סיבה, פאר וואָס סעמיאַטיטשער האָבן ניט געהאט קיין טענות קעגן זייערע אויפּ־געצוואונגענע פאַרשטייערס, וואָס האָבן גע־דאַרפט פירן די עדה יידן אין אזא צייט פון די גרעסטע געפאַרן.

דער יודן־ראַט האָט זיך געפונען אין ישראל צוקערמאנס הויז. גלייך אויף דער ערשטער זי־צונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פּוילישער שול, האָבן די דייטשן געפאָדערט, אז די יידן זאָלן אָפּגעבן זייער גאַנצע צירונג, גאָלד און געלט. אויב ניט, האָבן זיי געדראָט, וועט מען אויסשיסן אלע יידן. זייער באַפעל איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעפירט געוואָרן. די קליגערע און די דרייסטערע יידן האָבן אויסבאַהאַלטן זייער גאָלד און צירונג.

דער פּאָרזיצער פון יודן־ראַט, י. ראָזענצווייג, האָט גלייך די ערשטע טעג געשאַפן א יידישע פּאָליציי פון 12 מאָן. איר שעף איז געווען צוקער.

פון די ערשטע גזירות, וואָס דער יודן־ראַט האָט געמוזט דורכפירן, איז געווען דער באַפעל, אז אלע שטעטלשע יידן, וואָס וואוינען אין קריסטלעכע געגנטן, מוזן זיך אריבערקלייבן אין יידישן קוואַרטאַל. ארויסגיין אויפן גאַס האָבן די יידן געמעגט נאָר צוויי שעה אין מעת־לעת, פון איינס ביז דריי ביי טאָג. פארן גיין אין אַנ־דערע שעהן האָט געדראָט טויטשטראָף.

דער דייטשער בירגערמייסטער האָט ניט ווייַ־ניק צוגעלייגט א האַנט אין מאַטערן די יידן און זיך איזדיעקעווען איבער זיי.

דער ברום (ראַטוש) איז געווען אין גאַנצן חרוב פון די דייטשע באָמבעס. האָט ער באַפוילן די יידן אָפּצורייניקן דעם אָרט פון די שטיינער און עס אוועקפירן צום טייך. די יידן האָבן גע־דאַרפט אָנלאָדן די שטיינער אויף וואַגאָנעס אויף ספּעציעל־אויפגעלייגטע רעלסן. דער פּוילישער פּאָליציאַנט נאָוואַק האָט די יידן דאָרטן אָנגעטאָן גרויסע צרות. ביי דעם ראַטוש האָבן א סך יידן געאַרבעט עטלעכע חדשים.

איין מאָל האָט דער בירגערמייסטער באפוילן דעם גאנצן יודן־ראט, אויסער דעם פּאַרזיצער, צו קומען אויסרייניקן דעם שטאָטישן אָפּטרעט־אָרט. אלע זיינען געשטאַנען ארום און זיך גע־קייכט פון געלעכטער.

אן אנדערש מאָל האָט דער בירגערמייסטער ארויסגעטריבן אלע יידן אין גאס, זיי געגעבן ציגל און געהייסן ווארפן איינער אויפן אנדערן. ווי א צוגאָב האָט מען נאָך געשלאָגן די יידן.

פּוילישע מסירות אויף יידן זיינען געווען אָן א שיעור. צו די שוין פריער דערמאָנטע זאָל דאָ צוגעגעבן ווערן נאָך א פאל. חנא קאפּלאן, א שטארקער יידישער פּאָליציי־מאַן, האָט צוליב וועלכע ס׳איז סיבות שטארק צעשלאָגן א פּאָר פּאָליאקן. זיינען זיי אוועק צו די דייטשן און גע־מסרט, אז ער האנדלט מיט מאַכאָרקע. איז געקו־מען צו אים דער דייטשער זשאַנדאַר רודאָלף מיט זיין הונט רעקס, וואָס סעמיאַטיטשער יידן האָבן זיך געשראָקן פאר אים אימת־מות. דער דייטש האָט אָראָפּגעלאָזן זיין בייזן הונט אויף חנאן, וואס האט אים צעריסן די קליידער און שטארק צעביסן. חנא קאפּלאן איז געפירט גע־וואָרן צו דער דייטשער פּאָליציי־סטאַנציע, איז אים נאָכגעגאנגען א כאָפּטע שקצים און זיך גע־רייצט מיט אים. חנא איז ווילד געוואָרן פון כעס און ער האָט זיי גענומען דערלאנגען פון לינקס און רעכטס, צעבלוטעקנדיק א סך פון זיי. מעשה נס האָט דער דייטש ניט רעאַגירט אויף אזא „באליידיקונג״ פון דער אַרישער ראַסע.

דעם רב, הרב הגאון גערשטיין, איז איין מאָל באשערט געוואָרן בייצושטיין א ביטערן נסיון און צו ראטעווען דורך דעם א יידישן נפש. חנה כווילאווסקי איז איינמאָל געגאנגען אין די פּאר־באָטענע שעהן. א דייטשער זשאַנדאַרם האָט איר געהייסן זיך אָפּשטעלן. זי האָט אָנגעהויבן צו לויפן, ביז זי האָט זיך ארייגעכאַפּט אין רב׳ס הויז. זי האָט גיך דערציילט די מעשה און מען האָט זי גוט באהאלטן. דער אָנגעלאָפענער זשאַנ־דאַרם האָט געפאָדערט פון רב ארויסצוגעבן די יידישע פרוי. דער רב האָט געזאָגט, אז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. דער דייטש האָט געזוכט און זי ניט געקענט געפינען. ער האָט געשלאָגן דעם רב און געדראָט אים צו שיסן, אָבער ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן. ער האָט דעם רב ארעסטירט, שפּעטער האָט מען אים ארויסגענומען דורך א סך אויסלייזגעלט. דער רב האָט דערנאָך דערקלערט די יידן, אז לויטן דין האָט ער ניט געטאָרט ארויסגעבן די באהאלטענע יידישע פרוי, ווייל ס׳איז געווען כמעט זיכער, אז מען וועט זי דער־שיסן, און א ייד טאָר ניט ארויסגעבן א יידן צום טויט.

מיט דער צייט האָבן די דייטשן גענומען פאָ־דערן פון סעמיאַטיטשער יודן־ראט צו געבן יידן אויף ארבעט אין אנדערע מקומות. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי געפאָדערט 20 יידן. דער צוגאנג פון יודן־ראט אין אזא פאל איז געווען אזוי: פון א פאמיליע מיט דריי זין האָט מען גענומען איי־נעם, פון א פאמיליע מיט צוויי זין — דאָס זעל־ביקע, אָבער פון א משפּחה מיט איין זון האָט מען ניט גענומען. אויב דער יודן־ראט האָט אויף אזא אופן ניט געקענט צושטעלן די געפאָ־דערטע צאָל, פלעגן די דייטשן כאַפּן דעם רעשט אויף דער גאס.

תחילת האָט מען ניט געוואוסט דעם גורל פון די אוועקגעשיקטע אויף ארבעט, ווי די דייטשן פלעגן עס אָנרופן, אין ווייטערע ערטער. ווען מען האָט אָבער געזען, אז יענע קומען ניט צו־ריק, האָט מען פארשטאנען דעם מיין פון אָט דער „ארבעט״, און דער יודן־ראט פלעגט שוין מער ניט ארויסגעבן קיין יידן אין אזא פאל.

עס האָט געטראָפן, אז געכאָפּטע יידן זיינען שפּעטער אָנטלאָפן פון זייערע כאַפּערס. אזוינס האָט פּאַסירט מיט הערשל שבת, שאול קראוועץ, און נאָך צוויי יידן. זיי זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן מיט א פּאַרטיע סעמיאַטיטשער אויף אן ארבעטס־פּלאַץ הינטער ביאַליסטאָק. דאָרטן איז זיי גע־לונגען אונטערצוקויפן די היטערס און צו אנט־לויפן.

דריי חדשים געטאָ

פון 21סטן יוני, 1941, ביז אָנהייב אויגוסט, 1942, האָבן די סעמיאַטיטשער יידן זיך געמעגט באוועגן פריי אין די פּאָר שעה, וואָס איז זיי געווען דערלויבט ארויסצוגיין פון די הייזער. פון דעמאָלט האָבן זיי געמוזט אריין אין געטאָ, וואָס איז ארומגעצוימט געוואָרן מיט דראָטן און ארום וועלכן עס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א ספּע־ציעלע דייטשע וואַך. אייגנטליך, זיינען געווען

צווי געטאָס אין סעמיאַטיטש: ביידע האָבן זיך געפונען הינטערן בריק. איינער האָט זיך געצויגן פון קליינעם בית־מדרש ביז דער קאַזאַרמעס־גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען דער בית־עולם; דער צווייטער — פון יאַנטשע קאַוואַל (פּוטער־מאַן) ביז יאַקעלסקין.

די יידן האָבן אריבערגעפירט אין געטאָ זייערע זאכן, ווייל א גרויסער טייל פון די מעבל האָבן די דייטשן שוין פריער געהאַט צוגענומען ביי פאַרשיידענע „הויז־אקציעס". זיי האָבן זיך אויך באַזאָרגט מיט וואָס מער עסנוואַרג. ניט אַלץ איז דערגאַנגען צום געטאָ, ווייל די דייטשן האָבן געגנישטערט די פעקלעך, וואָס זיינען געלעגן אויף וועגענער, און זיך צוגענומען דאָס, וואָס ס'איז זיי געפעלן געוואָרן.

אין געטאָ זיינען אריינגעטריבן געוואָרן ניט נאָר סעמיאַטיטשער יידן, נאָר אויך די יידן פון נוזשעץ, מעלניק, דראַגאַטשין און פון די ארומי־קע דאָרפישע ישובים.

דער פּלאַץ איז געווען זייער ענג. פאַר אַ פּער־זאָן אין א דירה איז באשטימט געוואָרן 1.1 קוואַדראַט־מעטער. דער יודן־ראַט האָט גע־פּרוּווט פּראָטעסטירן קעגן דעם, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. טייל זיינען אפילו געבליבן אָן דירות און זיינען געלעגן אין שייערן ארום בית־עולם, זיך אויסגעגראָבן אונטער־ערדישע לעכער, ווי אמאָליקע ווילדע, וכדומה.

אלע יידן אין געטאָ האָבן באקומען ספּעציעלע קאַרטן. יעדער טאָג האָט מען גענומען אויף אר־בעט, פאַר וועלכער מען האָט נישטיק באצאָלט. פון הונגער האָט אָבער דער געטאָ ניט געליטן, ווייל, ערשטנס, דער גרעסטער טייל האָט מיטגע־נומען אַהין א סך פּראָדוקטן און, צווייטנס, ווייל מען פלעגט אריינברענגען עסן פון אויסער די ווענט פון געטאָ. פאַר די יעניקע וואָס האָבן ניט געהאַט גענוג צום עסן, איז געווען אן אלגעמיינע קיך, וואו עס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן אומ־זיסטע מיטיקן.

א סך געהאָלפן צו באַזאָרגן דעם געטאָ מיט ברויט האָט די יידישע בעקעריי. היות זי האָט זיך געפונען אויסערן געטאָ, האָט דער יודן־ראַט גע־געבן צו הערשל פּלאַטניצקי, וואָס האָט געאַר־בעט אין דער בעקעריי, פערד און וואָגן, און יע־נער האָט אָפט געבראַכט ברויט אין געטאָ.

ראש־השנה האָבן די יידן אויסגעפּועלט — פאַר געלט, פאַרשטייט זיך — אז יידן זאָלן קענען בלייבן אין געטאָ. נאָר א קליינער טייל יידן איז אוועק ארבעטן אויסערן געטאָ. היות אלע שולן האָבן זיך געפונען אויסערן תחום פון געטאָ, האָבן די יידן געדאַוונט אין מנינים אין פּריוואַטע היי־זער. די תפילות און געוויינען זיינען געגאַנגען עד לב השמים. אָבער אפילו וויינען האָבן די רוצחים ניט פאַרגונען. עס איז פּלוצים געקומען א באַ־פעל, אז אלע מענער זאָלן זיך צוזאַמענקלייבן אין געטאָ. דאָרטן האָט מען זיי געשלאָגן אָן רח־מנות, געשניטן די בערד. א יידישן פּאַריקמאַכער האָבן זיי געהייסן אָפּשניידן די באָרד פון רב. נאָך דעם האָט מען אלעמען באפוילן זיך צוזע־גיין.

סעמיאַטיטשער געטאָ האָט אָנגעהאַלטן סך־הכל דריי חדשים. אונטער דער צייט האָט מען געמוטשעט די יידן, ניט ווייניק פון זיי האָט מען אויסגעשאָסן — אָבער דאָס אלץ איז געווען גאָר־נישט מיט גאָרנישט קעגן דעם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון זונטאָג, דעם צווייטן נאָוועמבער 1942, דעם אָנהייב ליקווידאַציע פון דער גאַנצער קהילה קדושה אין סעמיאַטיטש.

אין מיטן נאכט איז דער געטאָ פּלוצים ארום־גערינגלט געוואָרן דורך דייטשן מיט אויסגע־שטעלטע ביקסן און פּאָלעמיאָטן אויפן געטאָ. אז ס'איז זייער שלעכט, האָט מען זיך נאָך פריער דערוואוסט פון י. ראַזנצווייג. 6 א זייגער אין דער פרי פון יענעם זונטאָג האָט מען אים געזען לויפנדיק גאָר גיך. אויף די פראַגעס פון די צום טויט דערשראָקענע יידן האָט ראַזנצווייג געענט־פערט: „ס'איז ביטער, מיר זיינען פאַרטיק. ראַ־טעוועט זיך, ווער עס קען". די זעלביקע ביטערע נייעס האָט מען זיך אויך דערוואוסט פון צווי דייטשן, וואָס מען האָט זיי גוט באצאָלט פאַר דעם.

אין געטאָ איז אויסגעבראָכן א שרעקלעכע פּאַניק. מענטשן זיינען ארומגעלאָפן ווי משוגעים. איינער האָט געפרעגט דעם אנדערן: „וואָס טוט מען?" און קיינער האָט ניט געוואוסט קיין ענט־פער אפילו פאַר זיך אליין. א חושך האָט זיך אראָפּגעלאָזן אויפן געטאָ, אויף וועלכן ס'איז מיסטעריעז געהאנגען איין ריזיקע פראַגע: מאין יבוא עזרי?

שוין זונטאָג פרי האָבן די דייטשן געוויזן, וואָס זיי גרייטן זיך צו טאָן. דייטשע פּאָליציסטן זייַנען אַריין אין געטאָ און אַרויסגעפּאַדערט די ייִדישע פאַבריקמאַכערס: פּיש, חיים דער שערער און נאָך איינעם. מען האָט זיי אַריינגעפירט אין דער זשאַנדאַרמעריע, וואו זיי האָבן אָפּראַזירט אַלע דייטשן דאָרטן. דערנאָך האָט מען זיי גלייך דערשאָסן. יאַנקל אַרליאַנסקי איז דערשאָסן געוואָרן אין דער פרי ביים געטאָ־טויער, ווען ער האָט זיך געגרייט גיין צו זיין שטענדיקער אַרבעט ביים בירגערמייסטער.

די ייִדן האָבן געזען, אַז ס׳איז שוין ממילא ניטאָ קיין האָפענונג, האָבן אַ טייל פון זיי זיך געלאָזן לויפן פון געטאָ שוין דעם ערשטן טאָג נאָך דער אַרומרינגלונג, מאָנטאָג, דעם דריטן נאָוועמבער. די מערסטע זיינען געלאָפן צום וועלדל. דאָרטן זיינען אָבער געווען באַהאַלטן דייטשן, וואָס האָבן גענומען שיסן אויף די ייִדן. אַ פּאָר הונדערט ייִדן זיינען געפאַלן פון די מערדערישע קוילן. די איבעריקע האָבן שוין קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט און זיינען געלאָפן צוריק אין געטאָ.

דער אַלטער יודן־ראַט איז שוין ניט געווען. נייע מענטשן זיינען אַריין אין אים, און פאַקטיש איז ער געפירט געוואָרן נאָר פון איין מענטשן, זיין נייעם פאָרזיצער: מאיר שערעשעווסקי.

לויטן באַפעל פון די דייטשן האָט דער יודן־ראָט אַרויסגעשיקט 25 ייִדן צונויפצונעמען די אַלע טויטע ייִדישע קערפּערס פון הינטערן שטאָט און זיי באַגראָבן. זיי זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן אַרויסצונעמען אַלץ פון די קעשענעס און עס איבערגעבן די דייטשן. די ייִדישע באַגראַבערס האָבן דערקענט צווישן די הונדערטער הרוגים: בערל קאַפּלאַן, די פאַמיליע קראַמער — ראָזע, זיסה, אסתר, לייבל און שלמה —, שמואל און שמחה פּרוס, יאַנקל אַקאַם מיט זיין משפּחה, יאַנקל דאַלינער, אברהם שאַשקעס, יאַנקל ציפּע־לעוויטש. אַלע זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין איין גרוב ניט ווייט פון וועלדל. די אַלע ייִדישע אַרבעטערס זיינען דערנאָך אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ ריי, מען האָט זיי געהייסן זינגען לי־דער, און אַזוי האָט מען זיי געבראַכט צוריק אין געטאָ.

דינסטאָג האָבן די ייִדן באַקומען אַ באַפעל צו גיין אויפן בית־עולם, אַרויסנעמען אַלע מצבות אויף איין אָרט און אויסגלייכן די קברים.

דעם זעלביקן טאָג זיינען משה נאַכטיגאַל, קלמן קראַוועץ און הערשל שוסטאַק געפירט געוואָרן צו דער אַרבעט דורך די פּוילישע פּאָליציסטן אַלעק באַטשעקער און קרישאַק. אויף אַן אָנפרעג האָט דער לעצטער זיי געזאָגט: איר זענט אַלע פאַרמשפּט צום טויט, ניט היינט איז מאָרגן. איך אַליין, האָט קרישאַק געזאָגט, האָב נעכטן דערשאָסן צוויי ייִדן אויף דראַגאַטשינער גאַס. איך האָב זיי געוואָלט איבערגעבן צו די דייטשן, אָבער זיי האָבן זיך געבעטן ביי מיר, אַז בעסער זאָל איך זיי דערשיסן.

ווען די ייִדן זיינען אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ, האָבן זיי מיטגענומען אַ פּאָר ספר־תורהס פון די שולן, וואָס זיינען געבליבן אין שטאָט. אין די שווערסטע טעג האָט מען ניט פאַרגעסן אָן די דאָזיקע הייליקייטן. קלמן שעווץ, לייזער מאַרער און מעלניקער דער שוחט זיינען זיך צו־נויפגעקומען ביים חסיד איצע דער הינקעדיקער אויף אַ ישוב־הדעת. דער לעצטער האָט געזאָגט, אַז לויטן דין דאַרף מען די ספר־תורהס באַגראָבן און אַזוי האָבן זיי געטאָן.

אויפן דריטן טאָג נאָך דער אַרומרינגלונג פון געטאָ האָבן אַלע ייִדן געקראָגן אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן זיך אין דער פרי צוזאַמענקלייבן אין צענ־טער פון געטאָ. מען האָט געמוזט שטיין 8 אין אַ ריי. יעדער אַכטער איז אַרויסגענומען געוואָרן. קינדער, אַלטע און קראַנקע זיינען געוואָרפן גע־וואָרן אין די וועגענער. טייל פון זיי זיינען דער־שאָסן געוואָרן אויפן אָרט. פרוי קאַפּעלושניק איז דערשאָסן געוואָרן אין איר שטוב, בעת זי האָט פאַרברענט אירע קליידער. דער רויך פון קוימען האָט זי אַרויסגעגעבן.

עס זיינען אָפּגעקליבן געוואָרן אַרום 2.400 ייִדן, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן צו פוס צו דער סטאַנציע, 12 קילאָמעטער פון געטאָ. אַ פּאָר ייִדן זיינען דערשאָסן געוואָרן בעתן מאַרש. די אַריינגעזעצטע ייִדן אין די וואַגאָנעס האָט מען געזאָגט, אַז מען פירט זיי אויף אַרבעט ערגעץ אין די פאַרנומענע געביטן פון סאָוויעט־רוסלאַנד. די ייִדן האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געגלייבט די דייטשע רייד. נאָר אויב ס׳איז נאָך געווען ביי עמיצן אַ שטיקל ספק אין די דייטשע כוונות, איז

עס פארשוואונדן דעמאָלט, ווען דער צוג איז אָנ־
געקומען אויף דער סטאַנציע טשערעמכע: ס׳איז
קלאָר געוואָרן, אז מען פירט זיי קיין טרעבלינקע.
מען האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון אַנטלויפן. טייל
זיינען געשפרונגען פון צוג. פאר געלט האָבן
פּאָליאַקן פון צוג געהאָלפן אַנטלויפן עטלעכע
יידן.

די אלע יידן פון ערשטן טראַנספּאָרט פון סע־
מיאַטיטשער געטאָ זיינען געבראַכט געוואָרן קיין
טרעבלינקע און זיינען דאָרטן גלייך אויף מאָרגן
פארברענט געוואָרן. לויט א גבית־עדות פון
רפאל קירשנבלום, וואָס שטאַמט פון לובלין און
האָט געוואוינט אין סעמיאַטיטש פון 1928, האָט
ער זיך געראַטעוועט פון יענעם טראַנספּאָרט
אויף אזא אופן: ער איז ארויסגעקראָכן דורכן
פענצטער פון לויפנדיקן צוג, האָט זיך צוגע־
שאָרט צום דייטשן פּאָליציסט אויפן לעצטן וואַ־
גאָן, ארויסגעכאַפּט פון אים דעם רעוואָלווער און
אים דערשאָסן דערנאָך איז ער אראָפּגעשפּרונגען.
לויט אים נאָך, זיינען אלע, וואָס זיינען גע־
שפרונגען פון ערשטן טראַנספּאָרט, געפאלן פון
דייטשע קוילן. קירשנבלום דערציילט אויך, אז
בנימין ראק פון ערשטן טראַנספּאָרט האָט זיך אין
טרעבלינקע גופא געראַטעוועט: ווי א סטאָליאַר
איז ער גלייך באשעפטיקט געוואָרן אין א טרעב־
לינקער ווארשטאַט, און ווען מען האָט אלע סע־
מיאַטיטשער יידן געפירט צו די אויוונס, האָט ער
זיך אויסגעבאהאלטן.

אין דעם ערשטן טראַנספּאָרט האָבן זיך געפו־
נען דער גרעסטער טייל פון די דראגאטשינער.

עטלעכע יידן האָבן ניט געפאָלגט דעם באפעל
צו קומען דעם 5טן נאָוועמבער ביים טויער פון
געטאָ. זיי האָבן געפרואווט זיך ראטעווען דורך
אויסבאהאלטן זיך אין געטאָ גופא.

איינע פון זיי איז געווען די משפחה פון שמאי
יודל יאבלאָן, הרב שמידמאנס שווער. פּאָליאַקן
האָבן אָבער געמסרט, און די גאנצע יאבלאָנ־
משפחה איז דערשאָסן געוואָרן אויף אָן אָרט.

מער מזל האָבן שוין געהאט די קאטלערס. ווען
אלע יידן זיינען באפוילן געוואָרן זיך צונויפצו־
קלייבן אין איין טייל געטאָ, האָבן זיי זיך פאר־
באהאלטן אין דער מאלינע, וואָס זיי האָבן גע־
האט אין זייער אייגענער שטוב. אין דער מאלינע
זיינען געלעגן העניע קאטלערס קינדער: ברוך,
אסתר און דוד. זיי פלעגן הערן, ווי די דייטשן
גייען ארום איבער די הייזער, זוכנדיק יידן: די
פּאָליאַקן פלעגן קומען אין די נעכט ראבעווען
די פארלאָזענע יידישע הייזער אין געטאָ. עטלע־
כע טעג האָבן זיי זייער קאָפּ ניט ארויסגעשטעקט
פון דער מאלינע. אויף דער דריטער אָדער פערד־
טער נאכט איז ברוך קאטלער ארויס צו בעל־
קעסעס פאבריק, וואו עס האָט געארבעט ווי א
וועכטער א געפאנגענער סאָוויעטישער אפיצער,
מיט וועלכן ער האָט געהאט א קאָנטאַקט. אין
יענער פאבריק איז ברוך קאטלער געקומען עט־
לעכע מאָל. אין דעם האָט אים געהאָלפן אויך
דער פוילישער סטרוזש פון פאבריק.

גאנצע צען טעג זיינען די קאטלער־קינדער
געלעגן אין זייער מאלינע. נאָך דעם זיינען זיי
אוועק צו בעלקעסעס פאבריק און פון דאָרטן,
דורכן קאָנטאַקט מיטן סאָוויעטישן אָפיצער, זיי־
נען זיי אוועק אין וואלד. זיי האָבן זיך אויסגע־
באהאלטן ביי פארשיידענע באקאנטע פויערים.
א חודש נאָך זייער אנטלויפן פון געטאָ איז אסתר
קאטלער געקומען אַהין נעמען זאכן פון זייער
שטוב, כדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו צאָלן די
פויערים פארן עסן.

א חלק אין ראטעווען די קאטלערס האָט,
אייגנטליך, אן ס״ס־מאן. און מעשה שהיה כך
היה: ווען מען האָט ארומגערינגלטביידע גע־
טאָס, דעם צווייטן נאָוועמבער, און אלע יידן
אריינגעטריבן אין איין טייל געטאָ, איז העניע
קאטלער צוגעגאנגען צו איינעם פון די ס״ס־
לייט, וואָס האָבן פּאַטרולירט ארום די דראָטן,
און אים געבעטן ארויסלאָזן דורכן געטאָ־צוים
איר פופצן־יעריקע טאָכטער. פארשטייט זיך, אז
דאָס איז געווען פארבונדן מיט טויטגעפאר, ווייל
דער דייטש האָט זי געקענט שיסן אויפן אָרט
פאר אזא בקשה. זי האָט אָבער ריזיקירט — און
עס האָט איר אָפּגעגאָלטן. דער ס״ס־מאן האָט זי
געפרעגט: האָט איר נאָר איין קינד? ענע קאט־
לער האָט געענטפערט, אז זי האָט דריי קינדער.
אויף דעם האָט איר געזאָגט דער דייטש: נעם
און באהאלט דיינע קינדער, ווייל מאָרגן וועלן
מיר שוין דאָ ניט זיין און דו וועסט קענען קומען
זיי ארויסנעמען פון באהעלטעניש. ענע איז
גלייך געלאָפן און באהאלטן די קינדער אין דער
צוגעגרייטער מאלינע. זי גופא איז געגאנגען צו־

ריק צום אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער ס״ס־מאַן. יענער האָט צו איר געזאָגט: איך וועל צוגיין צו א צווייטן פּאַטרול און זיך שטעלן אזוי, אז ער זאָל דיך ניט זען, דעמאָלט זאָלסטו אויסניצן די געלעגנהייט און ארויסגיין פון געטאָ. זי איז ארויס און אוועק אין וואלד אריין. דורכן קאָנטאַקט מיטן סטרוזש פון בעלקעסעס פאבריק האָט זי זיך דערוואוסט וועגן אירע קינדער אין דער מאלינע. א סאָוויעטישער סאָלדאט האָט אין א געוויסער צייט ארום געבראַכט די קאטלער־קינדער צו זייער מאמען אין וואלד.

אויפן דריטן טאָג נאָכן ארויספירן א טייל יידן פון געטאָ — שבת, דעם 6טן נאָוועמבער 1942 — האָט זיך אָנגעהויבן די ענטגילטיקע ליקווידאַציע פון סעמיאטיטשער געטאָ. ווידער איז געקומען א באפעל פון די דייטשן, אז אלע יידן זאָלן זיך צונויפקלייבן ביי די טויערן פון געטאָ. דאָס מאָל איז שוין קיין לעבעדיקער נפש ניט געבליבן אין געטאָ. ישראל מארער, ישראל קראַוועץ און הערשל לײדאַק זיינען געווען די לעצטע צו העלפן שליסן די געטאָ־טויערן: זיי זיינען שוין געפאָרן אויף א דייטשער מאשין צו דער סטאַנציע, וואוהין מען האָט געפירט די גאנצע סעמיאַטיטשער עדה יידן. דאָרטן זיינען דערשאָסן געוואָרן עטלעכע יידן. די פּאַניק צווישן עולם איז געווען שרעקלעך. פון די יללות האָבן שטיינער געקענט פּלאַצן. און ווער עס האָט דעמאָלט געזען די שרעקעוודיק־בעטנדיקע אייגעלעך פון די יידישע קינדערלעך, וועט שוין ביז זיין קבר זיי ניט פארגעסן.

מען האָט אלעמען אריינגעלאָזן אין פראַכט־וואַגאָנעס. ווען דאָרטן איז שוין ניט געווען קיין אָרט, האָט מען א טייל יידן דערלויבט צו פארנעמען פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס, צווישן זיי געטאָ־פּאָליציאַנטן און מיטגלידער פון יודן־ראַט. איינער פון זיי, דייטשס איידעם (פון דער קאָכלעפאבריק), האָט זיך מיט א פּיל פארסמט אין וואַגאָן.

א טאָג צייט ביז פינצטער זיינען די יידן־אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס געשטאַנען אויף דער סטאַנציע. ווען זיי האָבן זיך גענומען רירן, איז די שרעק און אומרו צווישן די פאַרנדיקע אלץ מער געוואַקסן. מען האָט זיך געהאַלטן אין פרעגן איינע די אנדערע: „וואוהין פירט מען אונדז, וואו־הין?״ — אָבער טיף אין הארצן האָבן אלע געוואוסט דעם שרעקלעכן אמת: צום טויט. אנדערע האָבן עס אויך ניט נאָר געהאַלטן אין זיך. לאה הורוויץ האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. גרשון כץ האָט געשריען צו זיין טאַטן, ישראלקע דער טרעגער, און זיין מאמען: „דאָס איז דער סוף. מען פירט אונדז קיין טרעבלינקע. לאָמיר שפּרינגען פון וואַגאָן״. קראַוועץ האָט געזאָגט זיין טאַטן, אז ער וויל שפּרינגען פון צוג. זיין טאַטע האָט אים געענטפערט: „היינט ביסטו ניט מיין זון. טו ווי דו פארשטייסט״. זיין מאמע האָט געזאָגט: „איך וויל ניט זען דיין טויט״. זיין ברודער, דער ישיבה־בחור יעקב הערש, האָט געזאָגט: „פון טויט קען מען נ״ט אנטלויפן״. זיין שוועסטערל שרהלע איז אים ארויפּגעשפּרונגען אויפן האלדז און געקלאָגט: „ווי קענסטו אונדז איבערלאָזן איינע אליין?״ האָט קראַוועץ ניט געהאַט קיין כוח עס צו טאָן און איז געבליבן.

אין אנדערע וואַגאָנעס איז געווען מער אנטשלאָסנקייט אין יענע טראַגישע שעהן פון ערב טויט. אין איינעם פון זיי האָט א גרופּע באַשלאָסן צו שפּרינגען פון צוג, אויב עס וועט ווערן קלאָר, אז ער פאָרט אין דער ריכטונג פון טרעבלינקע. ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט אין דעם, האָבן די סעמיאַטיטשער פון יענער גרופּע גענומען שפּרינגען פון צוג, וואָס איז גראַד געלאָפן מיט א גרויסער גיכקייט. עלף זיינען געשפּרונגען און אלע האָבן זיך געראַטעוועט. ווי אָפּגערעדט פון פריער, האָבן זיי געוואַרט איינער אויפן אנדערן, ביז זיי האָבן זיך אלע דערנאָך געטראָפן. די עלף זיינען געווען: ישראל קראַוועץ, הערשל לײדאַק, ישראל מארער, רבקה גרוסקין, מרדכי גרוסקין, קלמן גאָלדוואַסער, לאַזאַר רעזניק, מאַטעס סטראַנאָווסקי און פרוי (סאָניע פארבער), מאַטע גרינבערג, שלמה גאָלדוואַסער.

דער לערער פון טויזנטער סעמיאַטיטשער קינדער, י. קאָהוט, האָט אויך אין די לעצטע שעהן זיך ניט אָפּגעטיילט פון זיינע תלמידים. ער איז געפאָרן מיט זיי אין איין וואַגאָן, און ס׳איז געווען שרעקלעך און צוגלייך מיסטישדערהייבן די סצענע, וואָס האָט דערמאָנט לעגענדאַרישע בילדער פון אלט־יידישן קידוש־השם, ווי קאָהוט מיט זיינע תלמידים זיינען

אויפן וועג קיין טרעבלינקע געזעסן און געזונגען „התקוה" און אנדערע יידיש־נאַציאָנאַלע לידער.

ה' ינקום דמם!

סעמיאַטיטשער אין טרעבלינקע

ווען דער צוג מיט די פארמשפטע סעמיאַטיטשער יידן צום טויט האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טרעבלינקע, זיינען זיי געקומען אַפּנעמען דייטשן מיט רויטע לענטעס, מיט בלויע לענטעס און מיט גרויסע הינט.

דער ערשטער איז ארויסגעגאנגען פון צוג קלמן ריבאַווסקי, האלטנדיק הרב גערשטיין אונטער דער האַנט. דער רב האָט געקוקט אויפן הימל און געשעפּטשעט: שמע ישראל.

די מענער, פרויען און קינדער זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן אין דריי גרופּעס. מען האָט אַלעמען באַפוילן זיך אויסצוטאָן מוטער־נאַקעט, כאָטש אין דרויסן איז געפאַלן א שניי.

אין צווייטן טראַנספּאָרט סעמיאַטיטשער זיינען געווען ארום 3.200. פון זיי האָט מען אָפּגעקליבן 152 צום ארבעטסלאַגער און די אַלע איבעריקע זיינען דעם זעלביקן טאָג פארברענט געוואָרן.

דער אייבער־קאַפּאַ קרושעווסקי, פון פאַליניץ, און איגנאַץ, געוועזענער באַנקיר פון ווארשע, האָבן די 152 געהייסן זיך שטעלן אין ריי און אויסלייגן אַלץ, וואָס זיי האָבן ביי זיך.

שפּעטער האָט מען אַלעמען אריינגעפירט אין באַראַקעס. די געוויינען זיינען געווען שרעקלעך. פאַר נאַכט איז געקומען א גרופּע יידן, וואָס האָבן געארבעט ביי קוילן. מען האָט דעמאָלט אַלעמען געגעבן קאַווע. נאָך דעם האָט דער עולם זיך געשטעלט דאַווענען מעריב און אַלע האָבן געזאָגט קדיש.

ניין א זייגער האָט זיך אָנגעהויבן די נאַכטרו, ווען קיינער טאָר ניט פארלאָזן דעם באַראַק. 15 מינוט נאָך ניין איז אליה קראַוועץ ארויס פון טיר און ער איז גלייך געטראָפן געוואָרן דורך א קויל. דאָס איז געווען **דער ערשטער קרבן פון די 152** סעמיאַטיטשער אין טרעבלינקע.

אויף מאָרגן, האָט מען אַלע סעמיאַטיטשער אריבערגעפירט אין אנדערע צוויי בלאָקן — 104 אין איין בלאָק און 47 אין א צווייטן. דערנאָך האָט מען זיי געשיקט אויף ארבעט: אָנשיטן זאַמד אויף באַנרעלסן. די אויפפּאַסערס אויף דער ארבעט זיינען געווען ס"ס־אונטערשארפירער שווארץ, אָבערגרופּנפירער שטומפּע, דער אוקראַאינער אַלשאַניקאָוו און אנדערע.

סיאַמעלע פארבער, וואָס האָט תמיד געהאַט א שמייכל אויפן פנים, איז עפּעס געפאַלן שווארצן אין די אויגן. דער דייטש האָט סיאַמעלען צוגערופן און האָט אים גלייך דערלאַנגט עטלעכע מאָל מיט א שטעקן איבערן קאָפּ. סיאַמעלע איז געפאַלן א פארבלוטיקטער. דער ס"ס־מאַן איז אוועק. שעפּסל ניעפּלאַטניק און באַרבאַנעל דער עלעקטריקער האָבן אים געגעבן וואַסער און אים געמוטיקט. זיי האָבן אים געבעטן זיך אויפהייבן און גיין צו דער ארבעט. ער האָט אָבער זיך ניט געקענט אויפשטעלן. 12 א זייגער איז שווארץ ווידער געקומען און סיאַמעלען געשלאָגן פון ס'ניי. פארנאַכט, ווען מען האָט געדאַרפט גיין צו דער באַן צו פאָרן צוריק אין לאַגער, האָט סיאַמעלע נאָך אַלץ ניט געקענט זיך הייבן פון אָרט. די סעמיאַטיטשער האָבן אים צוגעטראָגן צו דער באַן און שפּעטער געבראַכט צום לאַגער. מען האָט אים אָבער אַהין ניט אריינגעלאָזן. ער איז געבליבן ליגן צווישן די דראָטן. אַלשאַניקאָוו האָט אים דערהרגעט. ער איז געווען **דער צווייטער קרבן פון די 152.**

דינסטיק, דעם 10טן נאָוועמבער, איז מען ווידער געפאָרן צום זעלביקן ארבעטספּלאַץ צו טראָגן זאַמד. שווארץ האָט באַרבאַנעלן געשלאָגן מיט א שטעקן איבערן קאָפּ, ביז ער האָט אים צוגעהרגעט. דאָס איז געווען **דער דריטער קרבן פון די 152.**

מיטוואָך פרי, דעם 11טן נאָוועמבער, ווען מען איז ארויס צום אַפּעל, זיינען אויפן הויף געלעגן צענדליקער טויטע גופים. די סעמיאַטיטשער זיינען ווידער אוועק ארבעטן ביים טראָגן זאַמד. יענעם טאָג איז דורך א דייטש דערהרגעט געוואָרן גוסקע דאַלינער (דער יינגסטער). **קרבן נומער 4.**

דאָנערשטיק, דעם 12טן נאָוועמבער, האָט שווארץ דערהרגעט שמחהלע פרוס ביי דער ארבעט. **קרבן נומער 5.**

עטלעכע סעמיאַטיטשער אין טרעבלינקע האָבן געזען, אז אויב עס זאָל אזוי גיין יעדן טאָג, וועט מען זיי אויסהרגענען איינציקווייז. צווישן די ערשטע צו פּלאַנירן ווי צו אַנטלויפן פון טרעבלינקע זיינען געווען: מאיר פעלכאָוויטש, לאַנ־

טשיק דער בוכהאלטער, אשר דאלינער, יאנקל דאלינער, ישעיה ניעפּלאטניק, שעפּסל ניעפּלאט־ניק און קלמן קראוועץ. דער פּלאן איז געווען צו רעוואָלטירן ביי דער ערשטער געלעגנהייט און צו אנטלויפן. עס האָט ניט געקענט דורכגעפירט ווערן, ווייל גראד אויף מאָרגן האָט מען א טייל סעמיאטיטשער אוועקגעשיקט אין אן אנדער אָרט ארבעטן — אין מאלקין.

דינסטיק, דעם 17טן נאָוועמבער, האָט מען ווי־דער אלע סעמיאטיטשער געשיקט אויף איין אָרט ארבעטן. די אקטיווע פּלאניר־גרופּע האָט דאָס מאָל געגרייט דאָס אנטלויפן. זי האָט איבערגעגעבן וועגן פּלאן די איבעריקע סעמיאטיטשער אויפן ארבעטספּלאַץ. זייערע שומרים זיינען גע־ווען בלויז 5 אוקראַאינער. אלע זיינען אָנגעזאָגט געוואָרן זיך צו האלטן נאָענט צו די אוקראַאינער. יאנקל דאלינער, דער געוועזענער סעקרעטאר פון „השומר הצעיר" אין סעמיאטיטש, האָט גע־דארפט אָנפירן מיטן גאנצן רעוואָלט. לויטן פּלאן האָט מען געמוזט זיך אויסהיטן פון א שיסעריי, ווי אויך פון די אוקראַאינער פייפלען אויף א אלארם. די וועכטערס האָבן געמוזט דערהרגעט ווערן מיט אייזנס, אז די דייטשן זאלן ניט אלאר־מירט ווערן.

אין לעצטן מאָמענט איז אָבער אלץ קאַליע גע־וואָרן. ווען יאנקל דאלינער האָט געהאלטן, אז ס'איז שוין די געהעריקע צייט צו באפאלן די אוקראַאינישע וועכטערס, זיינען לאנטשיק און פּעלכאַוויטש ארויס קעגן, ווייל זיי האָבן גע־מיינט, אז ס'איז נאָך ניט דער פּאַסיקער מאָמענט. מיט די סעמיאטיטשער האָט געארבעט איינער א וואַרשעווער, א מאָגערער בחור. ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן פּלאן, האָט ער גענומען שרייען צו די אוקראַאינער, אז די אנדערע ווילן אנט־לויפן. ווען די אוקראַאינער וואָלטן פארשטאנען דעם וואַרשעווערס רייד, וואָלט עס געקענט ברענ־גען די שחיטה פון דער גאנצער סעמיאטיטשער ארבעטס־בריגאַדע. א סעמיאטיטשער, וועלכער האָט באמערקט, אז די וועכטערס פארשטייען ניט דעם וואַרשעווערס לשון, און האָט באנומען די גרויסע טויטגעפאר פאר זיי אלעמען, איז צוגע־לאָפן צו די אוקראַאינער און געזאָגט: יענער וויל אנטלויפן. דער וואַרשעווער איז תיכף דערשאָסן געוואָרן. די בריגאַדע האָט איבערגעריסן די אר־בעט און אוועק צו די באַראַקעס.

פון דעמאָלט אָן האָבן די סעמיאטיטשער מער ניט פארטרויט זייער פּלאן צו יידן פון אנדערע שטעט.

דאָנערשטיק, דעם 19 נאָוועמבער, האָט מען געזוכט עמעצן אין לאגער, וואָס קען ארבעטן אין א קיך. מען האָט גענומען אויף דעם חיים סלו־כאָווסקי. יענעם טאָג איז משה ווינער קראנק געוואָרן אויף טיפוס. חיים פלעגט אים ברענגען עסן. אים האָט שטארק געהאָלפן ד"ר קאצענעל־בויגן, וואָס איז פריער געווען דאָקטאָר אין סע־מיאטיטשער געטאָ און אין טרעבלינקע האָט ער געארבעט אין סאניטאר־קאָמיסיע פון באַראַק.

אויף מאָרגן איז דערהרגעט געוואָרן נאָך א סעמיאטיטשער ביי דער ארבעט, בנימין הורוויץ. קרבן נומער 6.

שבת, דעם 21טן נאָוועמבער, האָבן אלע גע־ראָמט דעם שניי. וואַשקאָ אלשאניקאוו האָט צו־גערופן חיים לייב לעוו און אים געהייסן זיך אויסציען אויף דער ערד, מיט די הענט פון הינטן. דעמאָלט האָט ער אים דערלאנגט מיט א הילצערנעם האמער אין קאָפּ. ער האָט אים אזוי פיל געקלאָפּט, ביז ער האָט אים דערהרגעט. דעם זעלביקן טאָג האָבן די רוצחים פארפייניקט צום טויט ראדזינסקיס זון, שכנאס אָן אייניקל, און קלמן קראוועצס קוזין משה.

זונטיק איז קראנק געוואָרן אויף טיפוס שעפּסל ניעפּלאטניק. געקומען צוריק פון ארבעט האלב טויט. ד"ר קאצענעלבויגן האָט אים געהאָלפן. מעדיצין האָט מען געקויפט ביי עטלעכע קאסא־ווער יידן, וואָס פלעגן פאר 5 רובל גאָלד ארייג־שמוגלען מעדיקאַמענטן אין לאגער. די סעמיא־טיטשער פלעגן זיך צונויפלייגן און קויפן פון זיי. די איניציאַטאָרן פון דעם זיינען געווען לאנ־טשיק און מאיר פּעלכאַוויטש. שעפּסל איז אין א פּאָר טעג ארום אוועק מיט דער סעלעקציע.

דינסטיק, דעם 24טן נאָוועמבער, האָבן סע־מיאטיטשער אין טרעבלינקע זיך צוגעקוקט דער־שטוינטע און צעשראָקענע צו אזא סצענע: חיים אקאם, דער בית"ריסט, האָט אראָפּגענומען פון זיך זיין מאנטל און געשריען: איך וועל מער ניט ארבעטן פאר די מערדערס פון מיין טאטע־

מאמען. שטומפּע האָט אים גלייך אוועקגעשיקט צום טויט.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז מאַנעק בלומענפעלד צוגעלאָפן צו באַראַק 13 און געזאָגט: „איך שטאַרב פון הונגער, גיט אַ ביס ברויט" — און איז געשטאָרבן אויפן שוועל.

דאָנערשטיק, דעם 25טן נאָוועמבער, זיינען קלמן קראָוועצעס ברידערלעך צוגעפירט געוואָרן צום טויער און דאָרטן מערדערלעך דערהרגעט געוואָרן מיט אַן אייזן.

זונטיק, דעם 28טן נאָוועמבער, איז שמואל שעוועץ אָפּגעקליבן געוואָרן פאַר סעלעקציע, דאָס הייסט צום טויט. זיין ברודער אהרן לייב, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער עלעקטרישער סטאַנציע אין טרעבלינקע און איז געווען באַקאַנט מיט שטומפּע און אָבערשטורמפירער פרייפי, האָט זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן שמואלן לאָזן. ביידע ברידער האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן און געכליפּעט. ס'האָט ניט געהאָלפן קיין געבעט, ניט קיין געוויין.

חנוכה, צום ערשטן ליכטל, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן שיכורערהייט אונטערשאַרפירער לינדינקע, שטומפּע, ווייס, שוואַרץ. ס'איז געקומען אַ באַפעל: אַפּעל! אַלע זיינען אַרויס נאַקעט אויפן שניי. לינדינקע האָט גלייך גענומען שיסן אויף די מענטשן. עס זיינען געווען אַ סך געהרגעטע.

דעם ערשטן טאָג חנוכה האָט מען ווידער געאַרבעט ביים זשוויר אין דער „קיעסגרובע". אַ קליינע גרופּע איז אָפּגעפירט געוואָרן אין דערבייאיקן וואַלד צו רייסן צווייגן. די גרופּע איז באַשטאַנען פון מאיר פעלכאָוויטש, לאַנטשיק און נאָך דריי וואַרשעווער יידן. זייער שומר איז געווען דער אוקראַאינער בובע. ווי מאיר פעלכאָוויטש האָט שפּעטער דערציילט, האָט דער אוקראַאינער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. די דריי וואַרשעווער האָבן געזאָגט: לאָמיר אַנטלויפן. פעלכאָוויטש האָט געענטפערט: ווער ווייסט וויפיל יידן מען וועט הרגענען צוליב אונדז. די דריי האָבן געענטפערט: לאָזט אונדז אַנטלויפן. און אַלע פינף זיינען דעמאָלט איינגעגאַנגען אויף אַזאַ פּלאַן: די דריי זאָלן אַנטלויפן. אין אַ שעה אַרום וועלן פעלכאָוויטש און לאַנטשיק אויפוועקן דעם אוקראַאינער און אים דערציילן די מעשה. אַזוי איז געשען. דער אוקראַאינער האָט גענומען שיסן. עס זיינען אַנגעלאָפן נאָך וועכטערס מיט שפּירהינט. די דייטשן האָבן גענומען שלאָגן די צוויי סעמיאַטיטשער, אָבער דער אוקראַאינער האָט ניט געלאָזן. ווען מאיר פעלכאָוויטש איז געקומען צוריק אין באַראַק, האָט לייבל מאַרער געפרעגט: פאַר וואָס ביסטו ניט אַנטלאָפן? האָסט מורא געהאַט, אַז ס'איז נאָך דאָ צו ווייניק טויטע? אויף דעם האָט מאיר געענטפערט: „יעדער מענטש האָט זיין געוויסן און זיין פאַרשטאַנד. איך וואָלט ניט געקענט לעבן, ווען צוליב מיר זאָלן דערהרגעט ווערן מענטשן".

אין דריי טעג אַרום, בעת דער אַרבעט אין „קיעסגרובע", האָבן די וועכטערס, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן שפּיץ באַרג, צוגערופן צו זיך מאיר פעלכאָוויטשן. זיי האָבן צוגענומען פון אים זיין גראַנאַטענעם מאַנטל. איין אוקראַאינער האָט געזאָגט צו אים: גיב אַוועק דיין גאָלד און דו וועסט בלייבן לעבן. מאיר האָט ניט געהאַט קיין גאָלד ביי זיך. האָבן די שומרים אים געהייסן זיך אַוועקלייגן אויפן באַרג און פון דאָרטן אים אַראָפּגעשטופּט אין טאָל אַריין, וואו מאיר איז געהרגעט געוואָרן.

דריי טעג שפּעטער האָבן די אוקראַאינער דערדערהרגעט שמואל פּרוסן מיט אַ קירקע פאַר די אויגן פון זיין פאָטער.

אין אַ וואָך אַרום איז קלמן קראָוועץ קראַנק געוואָרן. מען האָט אים גענומען צום קאַראַנטין, וואו אַלע קראַנקע זיינען פאַרמשפּט צום טויט. דעם טאָג ווען ער האָט געהאַט פערצעך גראַד היץ, זיינען געקומען איגנאַץ און פרייפי. זיי האָבן אַלעמען באַפוילן אַרויסצוגיין נאַקעט אויפן גרויסן פראָסט. קראָוועץ איז פּשוט געראַטעוועט געוואָרן דורך ד"ר קאַצענעלבויגן, וואָס האָט דאָרטן געאַרבעט. אויף אַ פראַגע פון פרייפן, וואָס עס איז קראָוועצן, האָט ד"ר קאַצענעלנבויגן אים געזאָגט, אַז ער איז פאַרקילט און וועט מאָרגן שוין זיין געזונט. דער אַלטער אומגליקלעכער פּרוס האָט געגעבן קראָוועצן ברויט מיט 50 זלאָטעס, זאָגנדיק: נעם דאָס, איך דאַרף עס שוין מער ניט האָבן. ווען פּרוס איז שפּעטער אַרויסגעפירט געוואָרן אין דרויסן, האָט ער געשריען: „אַ טויט היטלערן!" מען האָט אים ניט

געשאָסן, נאָר געלאָזט אויסגיין אין דער גרויסער קעלט.

דריי וואָכן פאַר פורים האָבן די דייטשן געשיקט א פאַרטיע ארבעטערס קיין סטאַראַוויעזש, לעבן שעדליץ, כדי צו צענעמען דאָרט די באַראקן און עס ברענגען קיין טרעבלינקע. אין דער גרופּע ארבעטערס זיינען אויך געווען דריי סעמיאַטיטשער: אבא הורוויץ, הערשל ליידאַק און בענצל ליידאַק. זיי האָבן דאָרטן געאַרבעט א דריי וואָכן. ווען די באַראַקן זיינען שוין געווען צענומען, זיינען געקומען אַהין שטומפּע, לינדינקע און שטיבל אָפּצופירן די ארבעטערס צוריק קיין טרעבלינקע. היות ס'איז ניט געווען גענוג פּלאַץ פאַר נאָך 20 יידן ארויפצונעמען אויף די לאַסט-אויטאָס, האָט מען זיי אַלעמען דערשאָסן אויפן אָרט, צווישן זיי די דריי סעמיאַטיטשער.

א וואָך פריער איז אוועק צו דער ארבעט אין מאַלקין א גרופּע פון איבער 100 יידן. אנשטאָט זיי צו פירן צוריק צו זייערע בלאָקן, האָט מען זיי אַלעמען געבראַכט אין דער „טויטן-האַלע" און פאַרגאַזט. צווישן זיי האָבן זיך געפונען: אשר דאַלינער, יאַנקל דאַלינער און ישעיהו ניע-פּלאַטניק.

דאָ דאַרף מען זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן אשר דאַלינער, דעם געוועזענעם בית"ריסט. ער איז געווען דער קאַפּאָ פון בלאָק איינס. ער איז געווען זייער א גוטער, האָט געהאָלפן וויפיל ער האָט געקענט און ניט אויסגעניצט זיין קאַפּאָ-אמט פאַר זיך אליין.

אַרום דעם 22-23טן מערץ, 1943, האָבן די דייטשן באַפוילן אַלע יידן פון באַראַק ארויסצוגיין טראָגן שניי. דער רוצח וויס האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט א האַק אין האַנט לעבן דער טיר, דורך וועלכער אַלע האָבן געמוזט ארויסגיין. ער האָט געהאַקט קאָפּ נאָך קאָפּ. קלמן קראַוועץ, דערזעענדיק פאַר זיך א באַרג מיט טויטע, האָט זיך אליין אוועקגעלייגט לעבן די טויטע. פון די מוראַדיקע קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע האָט מען געקענט שטאַרבן אויף אָן אָרט. 12 ביי טאָג האָבן די אוקראַאינער געבראַכט צוויי יידן און זיי געהייסן וואַרפן אין א גרויסן וואָגן סיי די טויטע, סיי די פאַרוואונדעטע: ווען זיי זיינען צוגעקומען צו קראַוועצן, האָט יענער זיי געזאָגט: „איך לעב". דאָס האָט באַמערקט דער אוקראַאינער אַלשאַניאַק, וואָס האָט אים גלייך געוואָלט דערהרגענען, ער האָט אָבער מעשה-נס חרטה געהאַט און געלאָזן קראַוועצן לעבן. בנימין קראַשעווסקי האָט קראַוועצן שפּעטער געזאָגט: אז דו לעבסט נאָך איצט, וועסטו שוין איבערלעבן.

אידל פּירער און גבריאל פינעס אָיידים (דעם קצבס) האָבן געמאַכט פּרוואון צו אנטלויפן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אונטער ברעטער. ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן ביים אַפּעל, אז עס פעלן צוויי מענטשן, האָט אוטערשאַרפירער שטומפּע באַפוילן: געפינען מיט אַלע מיטלען! אַלעק וואָוואַלאַנאָוויטש, א פּאַליציסט פון סאָקאָלאָווע, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ, האָט געדראָט דעם אויבערקאַפּאָ ב. קראַשעווסקי מיט טויט, אויב ער וועט ניט געפינען די אנטלאָפענע: ווען מען האָט די צוויי געכאַפּט, האָט מען זיי צעהאַקט אויפן אָרט מיט א קירקע.

★

אזוי האָבן זיך געצויגן טעג און נעכט אין דעם שרעקלעכסטן עמק הבכא, וואָס א מענטש האָט ווען ס'איז אויסגעטראַכט. דער טויט האָט ניט אויפגעהערט צו בושעווען אין טרעבלינקע. מענטשן זיינען געפאַלן ווי פליגן — דורך קרענק, דורך א קויל, צו דורך א האַק. יעדער האָט געוואוסט, אז ניט היינט איז מאָרגן וועט קומען זיין ריי. א גרויסער טייל פון די טרעבלינקער איז דעריבער געווען אזוי פאַריאושט, אז זייער ווילן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן צו טראַכטן וועגן עפּעס א וועג, ווי זיך ארויסצורייסן פון די נעגל פון טויט. געווען אָבער דאָך געציילטע, וואָס האָבן ניט פאַרלוירן די האָפענונג אין די דאָזיקע שרעקלעכע באַדינגונגען און האָבן געמאַכט פּלענער פון אנטלויפן און ראַטעווען זיך. צווישן די לעצטע איז געווען א גרופּע סעמיאַטיטשער.

דער פּלאַן פון די סעמיאַטיטשער האָט זיך אָנגעהויבן ווען אין אויגוסט 1943, נאָכן אָפּזיין אין טרעבלינקע א ניין חדשים. נאָך זייער דורכפאַל אין דער ערשטער וואָך, האָבן זיי דאָסמאָל זיך געסטאַרעט צו זיין אָפּגעהיטער מיטן צוגרייטן און דורכפירן דעם פּלאַן פון אנטלויפן.

אין איינעם אָן אויגוסט-טאָג האָבן דרייצן מאַן פון טרעבלינקע געאַרבעט ביים בויען שאָסייען. דער קאַפּאָ איז געווען מיעטשיסלאַוו כאַטשקאַ. דערביי איז געווען א וואַלד. קלמן קראַוועץ, איי-

נער פון די דרייצן, איז צוגעגאנגען צו כאטשקאן און אים געזאָגט אין דער שטיל: „דער וואלד קען אונדז ראטעווען". כאטשקא האָט אים דערלאנגט מיט א שטעקן איבערן רוקן, שטילערהייט האָט ער אָבער געזאָגט צו אים: „ווייסט אז מען קען דיך שיסן פאר דיינע רייד?" קראוועץ האָט געענטפערט: „מיין לעבן איז אין דיינע הענט". כאטשקע האָט זיך א ווײַלע פארטראכט און דערנאָך געזאָגט: „מיר וועלן נאָך ריידן".

אויף מאָרגן ביי דער ארבעט האָט כאטשקא געזאָגט צו קלמן קראוועץ: „מיר קענען גיין צוזאמען, אויב דו וועסט מיר געבן א שבועה, אז דו וועסט מיך ניט ארויסגעבן, ווען מען זאָל דיך כאַפּן". קראוועץ האָט געטאָן זיין פארלאנג. דעמאָלט האָט כאטשקע אים אויפגעקלערט, אז צום פּלאַן פון אנטלויפן, וואָס איז פארבונדן מיט גרויס ריזיקע און דראסטישע מעשים, דארף מען אויך האָבן עלעמענטן פון אונטערוועלט. ער האָט קראוועצן געשיקט מיטן פּלאַן צו איינעם שלמהלע, א ווארשעווער גנב. דער צווייטער איז געווען סטעפאן, א ווארשעווער באַנדיט, דער דריטער יאקאב און דער פערטער מאטיע, א פערדגנב פון סאקאלאוו, וואָס האָט געקענט אויסגעבונדן יעדער ווינקעלע אין דעם געגנט. מען האָט גערעדט מיט יעדערן באזונדער. קיינער פון זיי האָט תחילת ניט געוואוסט, ווער עס שטייט בראש פון גאנצן פּלאַן. אין דער גרופּע צו אַנטלויפן זיינען נאָך אריינגענומען געוואָרן אינזשיניער יאלאוויץ פון גראָדנע, שמואליק פון פּאַליניץ, מאניעק און אנדערע, צוזאמען 13 מאן.

איין טאָג האָט כאטשקע געזאָגט צו ראטענפּירער ווייס, אז ער דארף האָבן גוטע מענטשן צו דער ארבעט. ווייס האָט געגעבן א באפעל צום אייבערקאַפּאָ קראשעווסקי, אז ער זאָל לאָזן כאטשקאן אליין אָפּקלייבן די מענטשן פאר זיין גרופּע. ווען קראשעווסקי האָט דערזען די מענטשן, וואָס כאטשקא האָט אָפּגעקליבן, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט תיכף פארשטאנען, אז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק. ער האָט דעריבער מיטגעשיקט זיין זון אין דער גרופּע, כדי ער זאָל נאָכשפּיאָנירן איר טעטיקייט. דער זון האָט געארבעט מיט די 13 מאן א פּאָר וואָכן. כאטשקאַ, וואָס האָט אויך פארשטאנען קראשעווסקיס מיין, האָט שטרענג אָנגעזאָגט זיינע מענטשן, אז כל זמן דעם קאַפּאָס זון וועט ארבעטן מיט זיי, זאָל מען קיין וואָרט ניט ריידן וועגן פּלאַן און מען זאָל אים ניט מאכן פארדעכטיק אויף דער מינדסטער קלייניקייט.

ווען קראשעווסקיס זון האָט אויפגעהערט צו קומען צו דער גרופּע — זיין טאטע האָט מסתמא אויפגעהערט חושד צו זיין די דרייצן אין געפערלעכע פּלענער — האָט מען זיך ווידער גענומען מיט התמדה דורכצופירן דעם אַנטלויף. איין טאָג, ווען זיי האָבן גראד געארבעט אין וואלד ביים קלייבן שטיינער, ניט ווייט פון א פויערישער כאַלופּקע, האָט כאטשקא געזאָגט צום אוקראַאינער, וואָס איז געווען זייער איינציקער באוואָפנטער שומר:

— ווילסט מאכן א שנאַפּס?

דער אוקראַאינער איז געוואָרן א לעבעדיקער:

אוודאי!

שלמהלע איז אריין צום פויער פון דער דערבייאיקער כאַלופּקע און געקומען צוריק מיט בראַנפן, ברויט און וואורשט. לויטן פּלאַן האָט אינזשיניער יאלאוויץ געדארפט אריינלייגן אין בראנפן א פּיל, וואָס פארשלעפערט, אוועקהרגענען דעם שומר און אנטלויפן. איז אָבער געשען א צרה: דער אריינגעלייגטער פּיל איז אין פלאַש ניט צעגאנגען. מען האָט גיך צעבראָכן די פלאש, אז דער אוקראַאינער זאָל עס ניט באמערקן — און דער פּלאַן איז דערווייל ווידער דורכגעפאלן.

די דרייצן האָבן זיך אָבער ניט מייאש געווען. מען האָט אָבער געמוזט שאפן געלט, סיי אויף קויפן בראַנפן, סיי צו באזאָרגן זיך מיט מיטלען נאָכן אנטלויפן. סטעפאן און שלמהלע האָבן געוואוסט, אז א ווארשעווער ייד, וואָס איז קראנק אויף טיפוס, האָט א סך געלט איינגענייט אין זיינע גאַטקעס. ווען יענער איז געשלאָפן, האָבן די צוויי אויסגעשניטן דאָס גאנצע געלט און עס איבערגעגעבן צו קראוועצן.

אויף מאָרגן צו דער ארבעט האָט מען ווידער געגעבן דעם אוקראַאינער צו טרינקען משקה. דאָס מאָל האָט שוין דער פּיל געווירקט. ווען דער אוקראַאינער איז שטארק אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט סטעפאן אים דערלאנגט מיט א אייזן איבערן קאָפּ און דערהרגעט. מען האָט צוגענומען זיין ביקס. שמואליק האָט זיך אַנגעטאָן זיינע קליי

דער און אלע האָבן גענומען ציען טיפער אין וואלד אריין.

נאָך עטלעכע טעג ארומשלעפן זיך זיינען זיי געקומען קיין קורטשעוו. דער הונגער האָט גע־נומען שטארק מאַטערן. א ביסל עסן האָט מען געקריגן ביי פויערים מיט גוטן, און א ביסל האָט מען ארויסבאקומען מיט קונצן און סטראַשונקעס.

די הויפּטפּראָבלעם איז איצט געווען: ווי פאלט מען אויף די שפורן פון אנדערע אנטלאָפענע אָדער אויסבאהאלטענע יידן און ווי קען מען אָנ־קניפּן א קאָנטאַקט מיט פארטיזאנער? דאָס איז אָבער געווען א שווערער ענין. פויערים האָבן עטלעכע מאָל אלארמירט די דייטשן, אז יידן דרייען זיך ארום אין דעם געגנט. צוליב דעם האָט זיך די גרופּע צעברעקלט. דער איינציקער סעמיאַטיטשער, קלמן קראַוועץ, האָט זיך געגנו־מען גיין אין דער ריכטונג פון זיין היימשטאָט מיט דער האָפענונג, אז אפשר וועט אים דאָך געלונגען צו טרעפן עמעצן פון זיין שטעטל.

אין וועלדער און בונקערס

כאָטש דער סעמיאטיטשער געטאָ האָט אָנגע־האלטן נאָר דריי חדשים, פון 2טן אויגוסט ביזן 2טן נאָוועמבער 1942, האָבן א סך יידן דאָרטן תיכף פארשטאַנען, אז דער סוף וועט זיין איי־נער: טויט. דעריבער זיינען געמאַכט געוואָרן א סך פּרואוון צו אנטלויפן פון געטאָ. א גרויסער טייל פון זיי איז דורכגעפאלן, טאַקע אפשר צו־ליב דער קורצער עקסיסטענץ פון געטאָ, ווייל איידער מען האָט נאָך געמאַכט די געהעריקע הכנות, איז דעם צווייטן נאָוועמבער פּלוצים גע־קומען די ארומרינגלונג פון געטאָ. אין דעם איי־נעם טאָג, וואָס מען האָט זיך געהאט דערוואוסט פריער וועגן דעם, האָט מען שוין קיין גרויסע זאכן ניט געקענט אויפטאָן.

געווען אויך פּרואוון פון איינקויפן געווער — און דאָס איז געטאָן געוואָרן מיטן שטילן הסכם פון יודן־ראט. אזוי, למשל, איז שמאי פלאַטניצקי געפאָרן קויפן וואָפן ביים וואלדוועכטער אין דאָרף זשירדזשיץ. ער האָט געהאט א „שיין" פון יודן־ראט, כאָטש מען האָט געוואוסט דעם ציל פון זיין פאָרן. דער אויסרייד איז געווען: קויפן 100 מעטער האָלץ, וואָס די דייטשן האָבן דער־לויבט אריינצופירן אין געטאָ: דאָס געווער איז ניט געווען געפּלאַנט פאר אן אויפשטאַנד אין סעמיאטיטשער געטאָ, נאָר צוצוגרייטן עס פאר דער צייט, ווען יידן, וואָס וועלן זיך ראטעווען פון געטאָ, וועלן אנטלויפן אין די וועלדער.

צווישן ערשטן און צווייטן טראַנספּאָרט, אין די עטלעכע טעג צווישן 2טן נאָוועמבער און 6טן נאָוועמבער 1942, זיינען פאָרגעקומען עטלעכע זיצונגען פון די פאָרשטייערס פון פארשיידענע פארטייען: השומר־הצעיר, בית"ר, בונד, החלוץ־הצעיר. אָן צוגרייטונגען, אָן מיטלען, אָן גע־ווער — וואָס האָבן זיי געקענט אויפטאָן? דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן באשלאָסן, איז געווען צו פארניכטן אלץ וואָס מען קען. מאטיע ווינער האָט געשריען אויף יענער זיצונג: אלץ פאר־ברענען. אורשעס — אלץ אונטערצינדן. אָבער זיי האָבן ניט געברענט און גאָרניט געצונדן — ווייל אין א טאָג צוויי ארום זיינען זיי שוין אלע געזעסן אין די טויט־וואַגאָנעס, וואָס פירן קיין טרעבלינקע.

שטימונגען צו א ווידערשטאַנד, בעיקר דורכן אנטלויפן צו פארטיזאנער, זיינען אויך פריער געווען ביי גרופּעס יונגע מענטשן, אָבער זיי האָבן ניט געטראָגן קיין אָרגאניזירטן כאַראַקטער. אויף וויפיל עס זיינען יאָ געווען געוויסע פארטיזאני־שע מעשים פון סעמיאטיטשער, זיינען דאָס גי־כער אויפטוען פון יחידים, ווי פון א פארטיזא־נער־אָרגאניזאציע.

דאָ דארף דערמאָנט ווערן, אז אין יענער צייט, סוף 1942, איז כמעט ניט געווען אפילו קיין פּוי־לישע פארטיזאנער־באוועגונג אין דער סעמיא־טיטשער געגנט. דאָס האָט, פארשטייט זיך, זיך אָפּגערופן אויף די יידיש־פארטיזאנישע פּרואוון.

דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעקניפּט באצי־אונגען מיט די אלגעמיינע פארטיזאנער, איז גע־ווען הערשל שבת. ער פלעגט זיי אויך באַזאָרגן מיט מעדיצין פון שטאָט.

הערשל שבת האָט געלעבט די גאנצע צייט אויסערן געטאָ. ער האָט אָנגעפירט מיט דער גרעסטער גרופּע סעמיאטיטשער, וואָס האָט עט־לעכע מאָל דורכגעפירט אויך פארטיזאנישע אויפגאַבעס, אָבער איר הויפּטציל איז, אייגנט־לעך, געווען זיך אויסצובאהאלטן עד יעבור זעם און צו ראטעווען און העלפן אַנטלאָפענע יידן.

דעם 15טן נאָוועמבער 1942 איז הערשל שבת געקומען צוריק צו די רוסישע פּאַרטיזאַנער, וואו ער איז שוין געווען פריער ביי זיי. ער האָט געטראָפן ביי זיי א גרופּע פון 12 יידן. דער ערשטער באַפעל, וואָס דער פּאַרטיזאַנער־פירער האָט אים געגעבן, איז געווען: אויסגעפינען צי די יידן האָבן גאָלד און געלט, און אויב יאָ — עס גלייך אָפּגעבן. אויף איין פּאַרטיזאַנער „זאַדאַניע" זיינען דערהרגעט געוואָרן 12 מאַן, צווישן זיי א פּאָר יידן פון דער גרופּע.

אין א פּאָר וואָכן ארום זיינען אָנגעקומען אין יענעם אָרט נייע רוסישע פּאַרטיזאַנער. עס איז באַשטימט געוואָרן א נייער נאַטשאַלניק, אַן אוקראַאינער. זיין ערשטע ארבעט, וואָס ער האָט זיך געגרייט צו טאָן, איז געווען אויסצוראָטן די אַלע יידן אין זיין אָפּטיילונג. ער האָט דאָס מגלה סוד געווען צו הערשל שבת, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן, און אים געזאָגט: דו אנטלויף. שבת האָט עס גלייך איבערגעגעבן צו קלמן פּירער, וואָס איז געווען מיט אים. ער האָט געזאָגט צו קלמנען: נעם צו א העלפט יידן און איך וועל נעמען א העלפט און לאָמיר גיך אָפּציען פון דאַנען. הערשל האָט גענומען זיין שוועסטער מיט נאָך עטלעכע יידן און אנטלאָפן.

שפּעטער האָט הערשל שבת זיך געטראָפן מיט שאול קראַוועץ. איין מאָל האָבן פּוילישע פּאַרטיזאַנער זיי ביידן געכאַפּט ביי א פּויער און זיי געוואָלט דערשיסן. דער פּויער מיט זיינע זין, וואָס האָבן פריער געהאָלפן די פּאַרטיזאַנער, האָבן אויסגעשטעלט זייערע ביקסן און געזאָגט: „אָדער איר גייט אוועק, אָדער מיר שיסן אויף אייך". אזוי האָט דער פּויער געראַטעוועט הערשלען מיט שאולן פון א זיכערן טויט. ביידע זיינען אוועק פון דאָרטן אין א נייער געגנט מיט א ביקס וואָס דער פּויער האָט זיי געשאנקן.

א צאָל סעמיאַטיטשער, וואָס זיינעז לכתחילה ניט אריין אין געטאָ, אָדער זיינען אנטלאָפן פון געטאָ אָדער פון די טראַנספּאָרטן, האָבן אין פאַרשיידענע צייטן און אין פאַרשיידענע ערטער זיך שפּעטער געטראָפן, דער גרעסטער טייל פון זיי מיט הערשל שבת.

ווען די 11 סעמיאַטיטשער, וואָס זיינען געשפּרונגען פון צוג קיין טרעבלינקע, האָבן זיך דערנאָך צונויפגעטראָפן, זיינען זיי געפירט געוואָרן דורך לייזער רעזניק, וועלכער האָט גוט געוואוסט די ארומיקע געגנט. זיי זיינען געווען א קורצע צייט צוזאמען און שפּעטער אוועק אין פאַרשיידענע ריכטונגען. ישראל מארער, איינער פון זיי, האָט אויפן וועג געטראָפן צוויי יידן פון סעמיאַטיטש, ישעיה ראטשילד און שמואליק מילנער. א פּויער פון מאַלינאָווע, קאַרוואָווסקי, האָט זיי געהאָלפן. אין דערבייאיקן וואלד זיינען געווען גריבער פאַר קארטאָפל, האָבן זיי זיך דאָרטן אויסגעבאהאלטן עטלעכע טעג. ווען דער פּויער האָט זיי מער ניט געוואָלט העלפן, האָבן זיי זיך צעטיילט. ראטשילד און מילנער זיינען געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן, מארער האָט זיך דערשלאָגן צו אַן אָרט, וואו ער האָט געטראָפן הערשל שבת, ישראל קראַוועץ און אנדערע.

דער פּויער, ביי וועמען עס האָט זיך אויפגעהאלטן הערשל שבת און די אנדערע, האָט ניט געוואָלט האלטן אזויפיל יידן ביי זיך. האָבן זיי זיך צעשיידט: הערשל שבת און ישראל קראַוועץ זיינען אוועק אין איין ריכטונג, ישראל מארער אין א צווייטער.

מארער האָט אויף זיין וועג געטראָפן זיין אָנקל אברהם וואלאך, מיט וועמען ער איז שוין געווען צוזאמען ביזן סוף קריג. זיי האָבן אָבער אלץ געמאכט פּלענער ווי זיך ווידער צו טרעפן, כדי צו שאפן אַן אָרגאניזירטע גרופּע, וואָס זאָל, ערשטנס, זיין באוואָפנט און, צווייטנס, זוכן נאָך יידן. אין א זעקס חדשים ארום איז זיי געלונגען זיך ווידער צו טרעפן. זיי האָבן אויסגעפונען נאָך צוויי יידן: הערש לייב סמאליוק און חיים גראדזינסקי. אזוי ארום זיינען זיי שוין געווען א גרופּע פון 5. ניט ווייט פון דאָרף קריניק האָבן זיי שפּעטער געפונען א גרופּע פון 20 יידן, אלע סעמיאַטיטשער, וואָס האָבן געלעבט אין וואלד. פון יענער גרופּע האָבן די פינף זיך דערוואוסט, אז ביי ארומיקע פּויערים באהאלטן זיך אויס נאָך יידן. די פינף זיינען אוועק צו זיי און געזאָגט, אז מען דארף זיך בעסער אָרגאניזירן, זיך איינשאפן געווער און קעמפן. יענע האָבן סוף־סוף מסכים געווען. זיי האָבן אויך געגעבן אַן עצה, ווי צו קריגן געלט, כדי מען זאָל קענען קויפן געווער. חיים מארמאר, דוד סאלאמאן און שיע קיילעס פון יענער גרופּע האָבן דערציילט אז ביי א קריסט אין לאכאווקע געפינט זיך א גרויסער פאַרמעגן פון

א יידן. 12 בחורים מיט איין ביקס און מיט שטעקנס אויסגעמאָלענע ווי ביקסן האָבן זיך א לאָז געטאָן צום פויער און געפאָדערט פון אים דאָס געלט און די זאכן פונעם יידן. דער פויער האָט זיי אָפּגעגעבן א סך זאכן, וואָס זיי האָבן צעטיילט צווישן זיך און די איבעריקע יידן. די בעסערע חפצים האָבן זיי געגעבן צו יאַן מאָטש־קאוויאַק, וואָס האָט איינגעקויפט פאר זיי נאָך א ביקס. פון מאטשקאוויאקן האָבן זיי זיך דער־וואוסט, אז זיינער א שכן האָט א סך וואפן. זיינען זיי אריין צו אים און דורך דראָאונגען ארויסבא־קומען א ביקס. מיט דער הילף פון העשל סמאַ־ליוק און חיים בזשעזינסקי איז מען אוועק צו נאָך א פויער און באקומען נאָך א ביקס. אזוי ארום האָט די גרופּע שוין פארמאָגט 4 ביקסן.

מיט עטלעכע ביקסן און מיט א גרעסערער צאָל יידן — צו זיי האָבן געהערט, אויסער די אויבן אויסגערעכנטע אויך שלמה און פסח צימבאליסט, הערשל פלאטניצקי, מאיר גרוסקין, יודל קאוואל פון אונטערן בריק, חנא קאפלאן, גדליה קאפלאן, פייוול וואולקער, פעלטע פוטערמאן, שלמה מוניס — האָט די גרופּע אָנגעהויבן טראכטן צו ווערן אקטיווער קעגן די פויערים, וואָס מסרן אָדער הרגענען יידן.

די גרופּע האָט קודם כל ארויסגעגעבן א וואָר־נונג צו די פויערים אין דער געגנט, אז פארן ארויסגעבן א יידן צו די דייטשן וועט מען נעמען נקמה. און די סעמיאטיטשער האָבן גאָר גיך בא־וויזן, אז זיי מיינען ערנסט מיט זייער וואָרענונג. עס איז צו זיי דערגאנגען א ידיעה, אז א פויער האָט געכאַפּט וועלוול שאשקעס, ישראל קראוועצעס אָנקל, אים צוגעבונדן אויף א קייט צו זיין וואָגן און אים אָפּגעפירט צו דער געסטאַפּאָ, וואו מען האָט אים דערשאָסן. אין עטלעכע טעג ארום איז דער פויער געפאלן פון א סעמיאטיטשער קויל. דאָס איז געווען דער ערשטער אקט פון נקמה, אבער ניט דער לעצטער.

אין דאָרף סקיף האָבן אָרטיקע פויערים אומ־געבראכט א סך יידן, וואָס האָבן זיך באהאלטן אין יענער געגנט. שלמה גרודע פון דראגאטשין האָט דערציילט, אז גדליה און חנא קאפלאן זיי־נען קוים מיטן לעבן אנטלאָפן פון דעם פויער, ביי וועמען זיי האָבן זיך אויסבאהאלטן א קורצע צייט. די סעמיאטיטשער גרופּע האָט די איינ־וואוינערס פון דאָרף געוואָרנט פאר זייערע מע־שים. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דעמאָלט זיי־נען די סעמיאטיטשער אוועק קיין סקיף, ארויס־געפירט 15 פערד און אונטערגעצונדן דעם דאָרף.

ארום דעצעמבער 1942 האָט א גוי פון נארעוו־קע געכאַפּט דריי יידן, צווישן זיי מאָטל בלו־שטיין, זיי געבונדן און געבראכט קיין דראגא־טשין. די דייטשן האָבן זיי געפּייניקט און דער־נאָך דערשאָסן. די סעמיאטיטשער האָבן שפּע־טער אויסגעהרגעט די גאנצע פאמיליע פונעם פויער.

דער לעשניק (וואלדוועכטער) פון מאלינאוונער וואלד האָט אָנגעטאָן יידן א סך צרות. א סך זיי־נען אומגעקומען צוליב זיינע מסירות. אויף זיין קאָפּ איז אויך געפאלן דאָס בלוט פון 18 יידן, וואָס האָבן זיך געהאט אויסבאהאלטן אין יענעם וואלד. א דאנק אים האָט מען געכאַפּט א יידישן בחור, וואָס האָט נאָך א סך פּייניקונגען אויסגע־געבן דאָס באהעלטעניש. די דייטשן זיינען גע־קומען, ארומגערינגלט דאָס וועלדל און אויסגע־שאָסן אלע יידן דאָרטן. צווישן די געהרגעטע האָבן זיך געפונען: דריי מיטגלידער פון דער משפחה דראגיצקי, דריי פון פאמיליע פוטערמאן, איציק באבעל דעם שמשס איידעם. דער לעצטער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאט א רעוואָלווער. ער איז ארויס און געשאָסן אויף די דייטשן און געפאלן אין קאמף. זיי זיינען אלע באגראָבן געוואָרן אין איין ברודער־קבר. דער איינציקער וואָס האָט זיך געראטעוועט פון יענער גרופּע, איז געווען מאטל ברוקער, וואָס איז צו־פעליק געווען א האלבן מייל פונעם אָרט און האָט עס אלץ געזען מיט זיינע אייגענע אויגן.

די גרופּע פון הערשל שבת האָט זיך דערוואוסט צופעליק וועגן יענער בלוטבאָד אויף יידן. ווען זיי זיינען געקומען קיין מאלינאווע, האָט אן אל־טע קריסטין, די מאַמע פון די קארוואווסקיס, זיי געזאָגט: „גאָט האָט אייך געבראכט אהער, שוין צייט צו באצאָלן דעם מערדער פאר זיינע מע־שים". די יידן זיינען אוועק צום לעשניק. יענער האָט נאָך געכאַפּט א רעוואָלווער, האָט מען אים אנטוואָפנט און דערשאָסן.

דורכן דערשיסן דעם לעשניק האָט מען גלייך געראטעוועט נאָך דריי יידישע משפחות. פארן דערשיסן האָט מען אים געצוואונגען צו דער־

ציילן וועגן אויסבאַהאַלטענע יידן, וואָס איז אים באַקאַנט. ער האָט איבערגעגעבן די באַהאַלט־ערטער פון די משפחות פון בנימין ראַדזינסקי, משה באַש און משה ראַדזינסקי. מען האָט תיכף זיי אַרויסגענומען פון דאָרטן. אויף מאָרגן זיינען געקומען דייטשן זיי זוכן.

פון דעמאָלט אָן האָט די שבת־גרופּע אַרומגע־וואַנדערט איבער די געגנטן, פון דראַגאַטשין ביעלסק, ברײַנסק, וויסאָקי־ליטאָווסק, מיליי־טשיטש און טשעכאַנאָווצע. זיי האָבן דאָ און דאָרטן געפונען אַ ייִד.

סוף 1943 האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות: עס האָבן זיך גענומען באַווייזן אַלץ גרעסערע באַנדעס פון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער „אַרמיאַ קראַיאָווא", באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַקאָוו־צעס", וואָס האָבן אָפּט אָנגעגריפן און אויך גע־הרגעט יידן אין די וועלדער. אין וועלדל בזשע־זינקי איז איין מאָל געקומען צו אַן אמתער שלאַכט צווישן אַ באַנדע אַקאָווצעס און 13 מאַן פון הערשל שבתעס גרופּע. אויף מאָרגן האָט מען איבערגעגעבן אַז די פּוילישע פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרלאָרן דעמאָלט אַ פּאָר צענדליק מענטשן. די יידן האָבן ניט געהאַט קיין פאַרלוסטן. אַזעלכע צוזאַמענשטויסן, אָבער פון קלענערן פאַרנעם, זיינען געווען ניט ווייניק.

הערשל פּלאַטניצקי און מאיר גרוסקין האָבן זיך פּשוט מעשה נס געראַטעוועט איין מאָל פון די הענט פון די אַקאָווצעס, וואָס האָבן אים און נאָך אַ גרופּע יידן געכאַפּט אין יאַשינאָווקער וואַלד. אויף מאיר גרוסקין האָבן זיי געזאָגט, אַז ער האָט געהרגעט אַ קריסט און האָבן אים גע־נומען אויף צו דערשיסן. עס איז פּלוצים אָנגעג־קומען אַן אָפיציר פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", אַ לערער פון ווירטשען. יענער האָט געזאָגט, אַז ער זוכט הערש שבת. די יידן האָבן געענטפערט, אַז זיי ווייסן גאָרניט וועגן אים און אַז דאָס איינ־ציקע, וואָס זיי ווילן, איז איבערצולעבן דעם קריג. אַ פויער וואָס איז גראָד געקומען מיט אַ פור עסן פאַר די פּאַרטיזאַנער, האָט שטאַרק גע־בעטן, אַז מען זאָל די יידן ניט טאָן קיין שלעכטס. מען האָט די יידן געלאָזט גיין.

דער אַלטער קראַקאָווקע פון בריקע איז געווען גוט צו יידן. זיינע שייערן זיינען געווען אָפן פאַר יידן און אויך זיינע שפּייכלערס. אַ סך יידן האָבן דאָרטן געפונען אַ מקום־מקלט. אָבער זיין זון עדמאָנד האָט זיך גענומען חבר'ן מיט יידן־מער־דערס און מיט די אַקאָווצעס. אַ גרופּע יידן — צווישן זיי קלמן קראַוועץ, כתריאל קאַרשנשטיין, שלמה גרודע פון דראַגאַטשין און נאָך עטלע־כע — וואָס זיינען געווען באַהאַלטן אין אַ מאַ־לינע אין יענער געגנט, האָבן געשיקט שלמה גרודען מיט אַ וואָרנונג צום אַלטן קראַקאָווקאַ וועגן די מעשים פון זיין זון. שפּעטער איז געקו־מען צו אים אַ גאַנצע דעלעגאַציע פון דראַגאַ־טשינער און סעמיאַטיטשער פּאַרטיזאַנער מיט דער וואָרנונג, אַז זיין זון וועט דערשאָסן ווערן, אויב ער וועט ווייטער העלפן די אַקאָווצעס כאַפּן יידן. דאָס האָט געהאָלפן: דער אַלטער קראַ־קאָווקע האָט פון דעמאָלט געהיט זיין זון טאָג און נאַכט. דער אָרט איז געווען אַ גוטער צענ־טער פאַר יידן.

דער „סאָלטיס" (דאָרפעלטסטער) פון בריקע האָט געזאָגט די דייטשן, אַז קראַקאָווקע גיט ניט גענוג מילך פאַר די דייטשן, ווייל ער גיט עס אוועק די יידן. ס'איז געוואָרן אַ גרויסע סכנה. האָט מען דעם סאָלטיס גוט צעשלאָגן, ביז ער האָט צוגעזאָגט מער ניט צו טשעפּען זיך צו קראַ־קאָווקען.

דעם זעקסטן מאַי 1944, האָט ישראל מאַרער אָנגעקלאַפּט אין אַ פענצטער פון אַ פויער אין נאַרוקע און געבעטן אַ טרונק וואַסער. דער פויער האָט אים דערלאַנגט מיט אַ האַק, אָבער ניט גע־טראָפן. זיין הויז און שייער זיינען שפּעטער אונ־טערגעצונדן געוואָרן.

ווען מען רעדט וועגן סעמיאַטיטשער פּאַרטי־זאַנער, דאַרף מען דאָ דערמאָנען אויך זעלדע טרעגער, כאָטש זי איז ניט געווען ניט אין סע־מיאַטיטשער געטאָ, ניט אין די אַרומיקע וועל־דער. זעלדע, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין סע־מיאַטיטש אין 1919, האָט אין צייט פון קריג־אויסבראָך זיך געפונען אין ווילנע אין דאָרטיקן געטאָ. איז זי געוואָרן אַ מיטגליד פון „גדוד נקמה", אַ טייל פון פפ"א (פאַראייניקטע פּאַרטי־זאַנער אָרגאַניזאַציע). זי איז געווען אַ פאַרבינ־דערין צווישן געטאָ און שטאָט, האָט זיך אויך באַטייליקט אין קאַמפן. זי איז געווען צווישן די מעפּילים און לעבט איצט אין ישראל. וועגן איר

דערציילט רוז׳קה קורצ׳אק אין איר בוך „להבות באפר״ (מרחביה, 1946).

עס האָט גענומען א רעכט ביסל צייט, ביז די סעמיאטיטשער און אויך א ביסל דראגאטשינער האָבן זיך צוזאמענגענומען אין א פּאָר גרעסערע גרופּעס נאָך דער ליקווידאציע פון געטאָ אין סע־מיאטיטש. טייל זיינען ביזן סוף קריג געבליבן ביי א פויער אדער ערגעץ אין וואלד.

געווען א גרופּע סעמיאטיטשער יונגטלעכע, וואָס זיינען בכלל ניט אריין אין געטאָ. ווען די דייטשן האָבן פארנומען די שטאָט, זיינען סע־מיאטיטשער יינגלעך אוועק אין די פעלדער פּאַשן בהמות. דאָס איז געווען אין דאָרף קלא־פּאטע און אין דער ארומיקער סביבה. זיי האָבן געהאָט פארבינדונגען מיטן געטאָ, וואוהין זיי האָבן אויך געשיקט שפּייז. ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו ליקווידירן דעם געטאָ אין סעמיא־טיטש, האָט דער דאָרפעלטסטער באקומען א באַ־פעל צוריקצושיקן אלע יידישע יינגלעך אין גע־טאָ אריין. די צען סעמיאטיטשער יינגלעך — צווישן זיי: מאטל ברוקער, די ברידער מאנ־טשער, פון די טראטשעס, אליהו דזאבאק — האָבן פון די ארומיקע דערפער זיך געלאָזן גיין צום געטאָ. פויערים, וואָס האָבן זיי געטראָפן נאָענט צו דער שטאָט, האָבן זיי געוואָרנט: גייט ניט אהין, ווייל מען הרגעט אויס אלע יידן. זיי זיינען אלע אוועק צוריק, זיך צעשפּרייטנדיק אין פארשיידענע ריכטונגען.

הערשל פלאטניצקי איז אנטלאָפן דעם ערשטן טאָג פון דער געטאָ־ליקווידאַציע. ניין וואָכן איז ער געווען אליין אין וואלד. געווען באהאלטן א קורצע צייט ביי א קריסט אין מאלינאווע, ביי א צווייטן קריסט, קאשינסקי, אין טאלווין און ביי לאכאווסקין פון ארנעווע. אין טאלווין האָט ער געטראָפן מאיר גרוסקין מיט זיין שוועסטער רבקה. שפּעטער האָט פלאטניצקי זיך באגעגנט מיט דער גרופּע פון הערשל שבת.

מיט מאיר גרוסקין האָט געטראָפן א מאָדנע געשיכטע. זיין פאמיליע האָט געהאט באגראָבן אין געטאָ א סך טייערע זאכן. אין אפּריל 1943 האָט ער געשיקט זיינעם א באקאנטן פּאָליאַק, יוזעף סאקאלאווסקי, צו זען, אויב יענער אָרט איז צעגראָבן. דער שליח האָט אים געבראכט די בשורה, אז אויפן אָנגעגעבענעם אָרט זיינען איצט דאָ א פּאָר גרויסע גריבער. היות פון דעם אָרט האָט געוואוסט נאָר איין ייד, איז געווען קלאָר, אז יענער האָט עס אויסגעגראָבן די זאכן. מאיר גרוסקין האָט זיך דערוואוסט די מאלינע פון יע־נעם יידן, איז אוועק צו אים בעטן כאָטש א ביסל פון זיינע זאכן, כדי צו באצאָלן דער פויערטע פאר אויסבאהאלטן זיין שוועסטער רבקה. יענער האָט אים אָבער גאָרניט געגעבן.

מאיר גרוסקין איז דערנאָך אוועק אין באנקער וואלד מיט נאָך עטלעכע יידן. דייטשן זיינען זיי פלוצים באפאלן און האָבן דערשאָסן שמחה כאש־קעס, מאטלע מיט א ברודער (פון סאקאלאווע) און פסח לעדערמאן. מאיר און די איבעריקע האָבן זיך געראטעוועט.

קלמן קראוועץ, אויף זיין צוריקוועג פון טרעב־לינקע, האָט זיך אויפגעהאלטן א געוויסע צייט ביי וויקטאָר לאפּוסקו און יאן מאזשע פון לאפּוז. ער האָט געוואָלט גיין צו זיין באקאנטן קריסט סטאַניסלאַוו מאַקסימיוק, אָבער צופעליק האָט אים געטראָפן אויף וועג אַנטאָני סלאווינאווסקי, און האָט אים דערציילט, אז מאקסימיוק האָט שוין געהאָלפן אומברענגען מערערע יידן. שפּע־טער האָט קלמן זיך געטראָפן מיט די ברידער קיווע, גדליה און שלמה גרודע און שאול קארשנ־שטיין, אלע פון דראגאטשין. פון זיי האָבן הערשל שבת, שאול און ישראל קראוועץ זיך דערוואוסט וועגן קלמנען און זיינען געקומען צו אים דעם 25טן סעפּטעמבער 1943. זיי האָבן אים געבראכט קליידער און באצאָלט דעם פויער פאַר אויס־האלטן אים. זיי האָבן אים געמוטיקט און גע־טרייסט, אז איצט וועט אים גאָרניט פעלן.

אָבער קלמן קראוועצן איז נאָך באשערט גע־ווען איבערצולעבן טויטשרעק אין די לעצטע שעהן פאר דער באפרייאונג. ער און נאָך עטלע־כע יידן האָבן זיך געפונען אין א מאלינע וואָס איז געווען ניט ווייט פון פראָנט. איינער פון זיי, איזאק עלפינג פון קיעלץ, איז געווען ארויס פון דער מאלינע. דייטשן האָבן עס באמערקט און אריין אין דער מאלינע. אלע האָבן באוויזן צו אנטלויפן אחוץ קלמן קראוועץ, מאטל ברוקער און אסתר פישגאב. היות די מאלינע איז געווען פול מיט צלמים, איז די דייטשן ניט געפאלן קיין פארדאכט, אז דאָרטן באהאלטן זיך יידן, און זיי זיינען אוועק.

באפרייאונג

אין אוגוסט 1944 איז די רויטע ארמיי אריין אין סעמיאטיטש. דאָס ביסל גראַטעוועטע יידן פון סעמיאטיטש, דראגאטשין און אנדערע אַרומיקע ערטער זיינען געקומען צוריק קיין סעמיאַטיטש.

אָבער אויך נאָך דער באפרייאונג זיינען נאָך ניט געקומען קיין רואיקע צייטן פאר די פּאָר צענדליק מיט נסים געראַטעוועטע יידן פון סעמיאטיטש און פון ארום. די געפארן פאר זייערע לעבנס זיינען נאָך אלץ ניט געווען אריבער. די אַקאָוועצעס האָבן נאָך געוואלט אויסהרגענען די לעבן־געבליבענע יידן. און ניט ווייניק זיינען געפאלן פון זייערע מערדערישע קוילן.

אין דראגאטשין איז דער ערשטער יידישער קרבן נאָך דער באפרייאונג געפאלן אריה בלושטיין. שמחלע ווארשאווסקי איז דערהרגעט געוואָרן דורך אן אריינגעוואָרפענעם גראנאט פון א״ק.

אין סעמיאטיטש איז דורך פּאָליאקן דערשאָסן געוואָרן בעניע לעוו דער מילנער. זיי האָבן אונטערגעלייגט א באָמבע אונטער גראדזיצקיס הויז. א יידיש מיידל איז פון אויפרייס פארוואונדעט געוואָרן.

הערשל שבת מיט זיין גרופּע זיינען נאָך דער באפרייאונג געקומען צוריק אין שטאָט מיט זייערע וואפן. זיי האָבן עס איבערגעגעבן דער קאָמענדאַטור און האָבן אָפיציעל באקומען נייע וואפן.

צוליב דער מורא פון אָנפאַלן פלעגן די געראַטעוועטע סעמיאטיטשער לעבן צוזאמען אין גרעסערע גרופּעס. ביי נאכט פלעגט מען כמעט ניט ארויסגיין אין גאס. אין אָוונט פלעגן די לאָדנס פעסט פארהאקט ווערן. מען איז אויך געווען גרייט צו ענטפערן מיט פייער, אויב פּוילישע באנדעס וועלן פּרואוון אטאקירן די יידישע וואוינערטער.

אין מאָל, דעם זעקסטן אפּריל 1945, איז געקומען צו א פשוטער שלאכט. אין צוויי שטאָקיגען מויער פון לייזער שוסטער האָבן געלעבט 28 יידן. א באנדע פון וואָסערע הונדערט אַקאָווצעס איז באפאלן דאָס הויז. זיי האָבן זיך אריינגעריסן אין ערשטן עטאזש, וואו קיין יידן זיינען ניט געווען, און געוומען גיין אויף די טרעפּ.

אָבער די באלאגערטע יידן האָבן געלאָזן אין גאנג זייער איינציקן פּולעמיאָט, וואָס יודל בלומבערג האָט געשאָסן פון אים, ווי אויך גראנאטן, ביקסן און רעוואָלווערן. די שלאכט האָט אָנגעהאלטן א גאנצע נאכט. א סיגנאַל פון דער דערבייאיקער סאָוויעטישער באזע האָט די באנדיטן דערשראָקן און זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן אין דער פרי. צווישן די באלאגערטע יידן האָבן זיך געפונען: העשל בלושטיין און זיין פרוי, ברוך קאטלער, אברהם בלושטיין, מאיר גרוסקין, יודל קאוואל (בלומבערג), יהושע קייליס, הערשל אקאם, יואל רעזניק און פרוי, יאנקל רעזניק, פסח יצחק בלושטיין (פון דראגאטשין), ביילה סוכאר, סטאשיקל בלושטיין, יואל פּאנדריק, אַנשעלע דער שערער (זויערמאן). העשל בלושטיין איז דעמאָלט פארוואונדעט געוואָרן פון זיין אייגענעם גראנאט, וואָס ער האָט געוואָרפן דורכן פענצטער, ווייל ער איז צו פרי געשפרונגען.

אין ניו־יאָרקער ייוואָ־ארכיוו איז פאראן א באַשטעטיקונג, געשריבן אין יידיש מיט לאטיינישע אותיות, אז יודל בראמבערג (בלומבערג!) האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט, גבורה און מסירת־נפש בעת דעם אָנפאל אויף דער שטאָט סעמיאטיטש דעם 6טן אפּריל 1946 (דארף זיין 1945). אויפן דאָקומענט איז געחתמעט ד״ר שמעון דאטנער, פאָרזיצער פון „קאָמיטעט פון די יידן — ביאַליסטאָקער וואָיעוואודע״.

אָבער לאנג זיינען שוין ממילא ניט געבליבן אין סעמיאטיטש די פּאָר צענדליק געראטעוועטע פון מורא׳דיקן חורבן. עטלעכע פון זיי זיינען זיך צעפאָרן אין שטעט מיט מערער יידן, דער גרעסטער טייל איז אוועק קיין ארץ־ישראל און אין אנדערע לענדער.

גערוען אַמאָל סעמיאטיטש און ניטאָ מער,
געבליבן זיינען נאָר זכרונות פון דער קהילה קדושה.
די זכרונות לעבן אין די הערצער פון אירע קינדער.
און באגלייט זיינען זיי אויף אייביק מיטן דורותדיקן אומעט פון
יתגדל ויתקדש שמה רבא!...

העלען קמחי

קדיש

נאָך לעבנס פאַרברענטע, פון פייער צעגליטע,
לעבנס צעאַשטע, יונגע געבליטע.
נאָך פיצלעך עופהלעך אומגעבראַכט,
די ניי־געבוירין פון מוטער־פּראַכט.

נאָך קינדערלעך געצאַפּלט מיט יעדער אבר,
ווען געוואָרפן זיי לעבעדיק אין ברידער־קבר,
נאָך משהלעך, שרהלעך, לעבעדיק צעריסענע,
נאָך גרויע זקנים, צום טויט פארשמיסענע.

נאָך קדושים מיט כל המיני יסורים אומגעבראַכט,
וואָס דער שטן אַליין האָט ניט דערטראַכט.
נאָך צנועהדיקע מיידלעך, וואָס גענומען זיך
דאָס לעבן,
איידער צו די נאַציס זיך איבערגעבן.

נאָך אומבאַקאַנטע קברים איבער גאַר דער וועלט,
אין יעדן וואַלד, אויף יעדן פעלד,
נאָך העלדישע בונטאַרן געקעמפט מיט מוט,
נצח ישראל דערהויבן מיט זייער בלוט.

דוד קמחי

א סעמיאַטיטשער אין פּאַרטיזאַנקע

געבוירין און אויפגעהאָדעוועט אין סעמיאַטיטש, בין איך עטלעכע יאָר פאַרן אויסבראָך פון צווייטן וועלט־קריג פאַרוואָגלט געוואָרן אַ דריי הונדערט קילאָמעטער ווייט פון מיין היימשטאָט — אין ניי־סווענציאַן. דאָס איז געווען אין 1934, ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון ניי־סוויענציאַן, צילע גאַרדאַן, און זיך איבערגעקליבן וואוינען אַהין.

מיינע פאַרבינדונגען מיט סעמיאַטיטש זיינען אָבער קיין מאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן: דאָרטן זיינען פאַרבליבן מיינע עלטערן, מיינע יוגנט־חברים, ווי אויך די אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע איך בין געווען אַקטיוו און געהאָלפן בויען. אויך אַ גייסטיקע „אהבת נעורים” ווערט ניט אזוי גיך פאַרלאָשן.

די דאָזיקע פאַרבינדונגען מיינע מיט מיין היימשטאָט זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן ניט נאָר דורך בריוו. איך פלעג פון צייט צו צייט אַראָפּקומען קיין סעמיאַטיטש, אַ מאָל צוליב רייןגעשעפטלעכע ענינים, און פלעג שוין געפינען געלעגנהייטן זיך צו אינפאָרמירן וועגן אַרטיקן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיין לעצטער באַזוך אין סעמיאַטיטש איז אויסגעפאלן דעמאָלט, ווען די סאָוועטן האָבן שוין באַלעבאַטעוועט אין שטאָט. פון אַנטלאָפענע יידיש־פּוילישע סאָלדאַטן האָב איך געהערט, אַז די גאַנצע שטאָט איז חרוב, פאַרברענט פון די דייטשע באָמבערס. פונדעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים און זען, וואָס עס מאַכן מיינע עלטערן און משפחה, חברים און פריינד. דאָס איז אָבער ניט געווען אזוי לייכט דורכצופירן. אויף מיין וועג אהיים, אין ביאַליסטאָק, האָב איך פשוט ניט געקראָגן קיין איין „דראָשקאַזש”, וואָס זאָל זיך אָננעמען מיך צו ברענגען קיין סעמיאַטיטש, אפילו ניט פאַר גוט געלט. (קיין באַנען האָבן דאַן ניט קורסירט). אויף די

וועגן האָבן זיך דעמאָלט ארומגעשלייערט באַנדעס פון צעקלאַפּטן פוילישן מיליטער — און פאר יידן איז געווען טויטגעפאר אריינצופאלן אין זייערע הענט. מיט גרויסע שוועריקייטן האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געפינען איינעם, וואָס האָט זיך אַנגענומען פאר 2000 רובל מיך צו פירן קיין סעמיאטיטש. אז די נסיעה איז ניט קיין לוסטרייזע האָט מען געזען פון דעם, וואָס דער „דראָשקאַזש" האָט מיטגענומען א רעוואָלווער, מיר געגעבן א רעוואָלווער, אויך עטלעכע גראַנאַטן אריינגעלעגט אין „דראָשקע". „אויב ס'זאָל עפּעס געשען, וועלן מיר שטעלן א ווידערשטאַנד" — האָט ער צו מיר געזאָגט. ער איז שוין געווען אינפאָרמירט, אז אויך אויף מיך קען מען זיך פארלאָזן... צום גליק, זיינען מיר דורך בשלום.

אין סעמיאטיטש בין איך דעמאָלט אָפּגעווען א גאנצע וואָך. ס'איז שוין געווען אן אנדערע שטאָט. א שטאָט זאָל אין אזא קורצער צייט אזוי בייטן איר פנים! די מענטשן זיינען עפּעס ניט די זעלביקע, די יידן זיינען עפּעס אנדערע. מיט איין שניט זיינען אויסגעריסן געוואָרן וואָרצלען פון נאציאָנאלן רענעסאַנס און יידיש גייסטיקער קאָנטינואיטעט פון דורי־דורות. אויף אַלץ און אויף אַלעמען האָט געשוועבט צעבראָכנקייט, יאוש, דעשלאָגנקייט, ליקווידאַציע.

מיט א ביטער הארץ בין איך צוריקגעפאָרן קיין ביי־סוויענציאַן, וואָס האָט דעמאָלט, אין 1939־40, געהערט צו ליטע. אין מיין הויז איז פאקטיש געווען דער צענטראלער קאָמיטעט צו זאָרגן פאר יידישע פליטים פון פוילן, וואָס ווילן דורך ליטע עמיגרירן מעבר־לים און זיי זיינע געכאַפּט געוואָרן דורך דער ליטווישער גרענעצוואַך. מיר פלעגן שוין געפינען מיטלען, ווי אזוי זיי ארויסצובעמען פון די פּאָליציייאישע הענט און זיי באַזאָרגן מיט זאכן און בילעטן צו פאָרן קיין ווילנע. אזעלכע פליטים זיינען דורכגעגאנגען דורך אונדז אין די הונדערטער. דאָס האָט אָנגעהאלטן ביז די סאָוועטן האָבן פארנומען אויך ליטע, דעם 15־טן יוני, 1940.

נאָכן אויסבראָך פון דייטש־סאָוועטישן קריג, בין איך גלייך געוואָרן נע־ונד. איך האָב א טאָג ניט געקענט פארבלייבן אין ביי־סוויענציאַן און געמוזט גיך אַנטלויפן, ווייל איך בין געווען פארמישט אין א פּראָצעס קעגן צוויי ליטווינער, וואָס זיינען אונטער די סאָוועטן באשולדיקט און פארורטיילט געוואָרן צו תפיסה פאר באַגנבענען א קאָאָפּעראַטיוו. אין יענעם משפט בין איך געווען דער הויפּט־עדות, ווייל איך האָב געהאַט געארבעט אין יענעם קאָאָפּעראַטיוו. כדי צו האָבן אַ שטיקל פאָרשטעלונג פון א סאָוועטישן „משפט", איז דאָ כדאי צו דערציילן דעם ווייטערדיקן עפּיזאָד. איין טאָג פארן משפט האָט מיך גערופן צו זיך דער אָרטיקער נקוו"ד־נאַטשאַלניק — א ייד פון ערגעץ וואו אין רוסלאנד מיטן נאָמען שערמאן — און געזאָגט בזה הלשון: מאָרגן וועט פאָרקומען דער משפט, וואו איך וועל זיין דער פּראָקוראָר. די וועסט זיין דער עדות. איך וועל דיר פרעגן די ווייטערדיקע דריי פראגעס (וואָס ער האָט אויסגערעכנט) און דו מוזט געבן אויף זיי די ווייטערדיקע דריי ענטפערס (וואָס ער האָט ווידער אויסגערעכנט). נעם זיך דאָס גוט אריין אין קאָפּ. מאַך ניט קיין טעות. דו ווייסט, וואָס דו קענסט האָבן פאר אזא טעות.

ווי נאָר די דייטשן זיינען אריין אין ביי־סוויענציאַן, האָבן די ליטווינער גלייך אויסגעשאָסן אלע יידישע עדות פון דערמאָנטן משפט. דאקעגן די פוילישע עדות האָבן זיי גאָרניט געטאָן. נאָך מיך — דעם איינציק לעבן געבליבענעם עדות — האָבן די ליטווינער זיך געיאָגט צום כאַפּן. זיי האָבן ארויסגעשיקט געהיימאגענטן אין אלע ארומיקע שטעטלעך מיך צו געפינען. מען האָט צוגעזאָגט פאר מיין קאָפּ פופציק טויזנט ליט. אָבער איך בין ביי צייטנס אנטלאָפן און זיך געסטאַרעט צו זיין וואָס ווייטער פון דער ליטווישער טעריטאָריע. איך האָב זיך אָנגעטאָן צעריסענע קליידער פון א פויער און גענומען וואנדערן. מיין „אַרישער" אויסזען און די פוילישע שפראך האָבן מיר געהאָלפן זיך פאַרשטעלן.

אין שטעטל ביסטריץ, וואו איך בין געווען א קורצע צייט, האָב איך זיך באזאָרגט מיט א פוילישן פּאָס פון א גוי, וואָס די דייטשן האָבן דערשאָסן ווי א קאָמוניסט, געביטן די פאָטאָגראַפיע — און אוועק וואוהין די אויגן טראָגן.

עס איז געווען א וועג אָן א ציל, א וועג פול מיט סכנות. וואו גענעכטיקט — ניט געטאָגט, וואו געטאָגט — ניט גענעכטיקט. דער געדאנק

איז געווען דערביי, אַבי דורכשטופּן צייט. געוויינלעך פלעג איך ביי טאָג וואַנדערן, אָדער זיצן אין א וועלדל. אין אָוונט פלעג איך אַרייַנגיין אין דער ערשטער הויז פון א דאָרף, בעטן עפּעס עסן און איבערנעכטיקן. לויט די דייטשע פאַראָרדענונג, איז געווען שטרענג פארבאָטן צו לאָזן נעכטיקן א פרעמדן. אָבער פאר א „אייגענעם" איז דאָ א עצה. די פויערים פלעגן דערלויבן צו שלאָפן אין א שייער און דעם שייער ניט פאַרמאַכן. כדי, על כל צרה שלא תבוא, קען דער פויער זאָגן, אז ער האָט דערפון גאָרניט געוואוסט.

איין מאָל האָב איך זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן. געווען פאר נאַכט ביי א פויער, וואַס האָט מיר געגעבן אָפּעסן און דערלויבט איבערצונעכטיקן אין זיין שייער. זייענדיק פארנומען מיט מיינע געדאנקען און טראַכטענישן, האָב איך פארגעסן זיך צו צלמען פארן עסן. ווי ס'ווייזט אויס, איז ביים פויער געפאלן א חשד, אז איך בין א ייד. נאָך א האלבע שעה בערך, ווען איך בין שוין געלעגן אין שייער און געדרימעלט, איז מיט אַ מאָל די טיר פאַרהאַקט געוואָרן פון דרויסן. ווען איך האָב גיך צוגעלאָפן צום טיר, האָב איך נאָך געקענט הערן דעם פויערס שנעלע טריט געענדיק אין דער ריכטונג צום דאָרף. איך בין געווען אין א פאַסטקע און דערפילט די גרויסע סכנה. אייניקע מאָל האָב איך געפּרוואווט עפענען מיט כוח די טיר, אָבער אָן דערפאָלג. דער מוח האָט געארבעט בליציק. איך האָב קיין צייט ניט געטאָרט פארלירן. איך האָב זיך דערמאָנט, אז אריינקומענדיק אין שייער איז הינטערן וואָגן געלעגן א רידעל מיט א קירקע. געכאַפּט די קירקע, צוגעשטופּט דעם וואָגן צו דער וואַנט, ארויף אויף דעם אָנגעפילטן וואָגן און צעריסן דעם דאָך פון שייער. ווען איך בין שוין געווען אויפן הויף, האָט זיך געהערט ווי א מחנה טומלדיקע פויערים דערנענטערן זיך. משמעות, זיי זיינען געגאנגען מיך נעמען. האָב איך אונטערגעצונדן דעם שייער און פארשוואונדן אין דער נאַכטיקער פינצטערניש. . .

איך האָב זיך דערשלאָגן צו א פוילישן גוטבאזיצער, וואָס האָט געשמט אלס יידן־פריינד. אים דערציילט דעם אמת אז איך בין א ייד און געבעטן מיך צונעמען אלס ארבעטער. אים געבן צו פארשטיין אז ער וועט דערביי גאָרניט ריזיקירן: ווייל מיין פּאַספּאָרט איז אין אָרדענונג, מיין אויסערלעכער אויסזען און אויך די פוילישע שפּראַך קען מיך ניט פאַראַטן. צו מיין גרויס איבערראַשונג האָט ער גלייך איינגעשטימט. נאָר וואָס דען? ער האָט מיר געגעבן צום פארשטיין איין „קלייניקייט": אזוי ווי ביי אים איז אויסבאַהאַלטן א יידישע פאמיליע און צוליב דעם איז זיין לעבן אין געפאַר, וועט ער שוין זען אז די יידן זאָלן אים פארלאָזן און איך קאָן ביי אים בלייבן. איך האָב אים הארציק געדאַנקט און געענטפערט: „דיין גוטער נאָמען איז אלעמען באַוואוסט. דיינע נאָבעלע מעשים זיינען יעדן באַקאַנט. אויב דו וועסט פארטרייבן די יידישע פאַמיליע, הייסט דאָס אז דו שיקסט זיי צו א זיכערן טויט, וואָס וועט אייביק בלייבן אויף דיין געוויסן". דערביי אים קאַטעגאָריש דערקלערט, אז איך וועל דאָ ניט בלייבן. איך האָב אים שטאַרק געלויבט און אייניקע מאָל אַקצענטירט: אז לויט די איצטיקע פארהעלטענישן, איז זיין טאַט פון גרויס הומאַניטאַרישער באדייטונג. דערפאר — האָב איך אים דערמוטיקט — וועט אים גאָט געוויס באצאָלן. — אויף מיין פארלאנג האָט ער מיך געפירט זיך זען מיט די יידן. ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר פון א זייטיקן צ מער, איז פאר מיר געווען א שטארקע איבערראַשונג. דאָרט זיינען געווען מיינע גוטע באַקאַנטע: דוד ריטאָוו פון איגנאַלינע מיט זיין פרוי און 10־יאָריקע אַדאָפּטירטע טאָכטער. מיר האָבן זיך צעקושט, געלאָזן א טרער און זיך דורכגעשמועסט. דוד ריטאָוו האָט מיר דערציילט: זיי האָבן אלץ געהערט. מיין שטימע האָבן זיי ניט דערקענט און געווען אין טויט־שרעק. טאָמער וועל איך מסכים זיין צום בלייבן. — די פאמיליע ריטאָוו האָט איבערגעלעבט די מלחמה און געפינט זיך אין מדינת ישראל.

כמעט אַ יאָר צייט האָב איך אזוי געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף. געווען צווישן גויים. זיך אָנגעהערט זייערע שמועסן וועגן יידישן אומקום. קומענדיק פון שטעט און שטעטלעך פלעגן די פויערים דערציילן וועגן די שחיטות מיט סאַטיספאַקציע און גרויס פארגעניגן. אָפן, העסלעך, אומפאַרשעמט האָבן זיי ארויסגעוויזן די חיהשע אינסטינקטן. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז פונקט

ווי די פוילישע אַריסטאָקראַטן און אינטעלעקטועלן, אַזוי אויך דאָס פוילישע פויערטום, זיינען מכּף רגל ועד ראש דורכגעפּרעסן מיט פאַלשקייט, גזלה, רציחה און רויב. מיט אַנטאַגאָניזם און געפאַלענער דעגענעראַציע, וואָס שטייט פיזיש און גייסטיק מוטער־נאַקעט פון יעדן מענטשלעכן געפיל, עטיק, מאָראַל און ווירדע. זיי האָבן זיך כּמעט אַלע אָן בושה אידענטיפיצירט מיט די בלוט־דורשטיקע פּסיכאָפּאַטישע מאַניאַקעס פון אַלע דורות. די פויערשע טערמינען זיינען געווען: גראָב, ציניש, אַזוי שאָקירנד אויפטרייסלענדע, אַז פיל מאָל האָב איך געפילט: דאָס די בלוט אין מיר איז ווי פאַרגליווערט, דער קערפּער פּאַראַליזירט און דאָס האַרץ ווי אָפּגעשטעלט.

צווישן די פויערים האָבן צירקולירט קלאַנגען — ניט קיין באַשטעטיקטע — אַז ערגעץ וואו אין די וועלדער, זיינען שוין דאָ פּאַרטיזאַנער.

מיין געדאַנק האָט זיך קאָנצענטרירט אין איין ריכטונג: ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אַ אונטערגרונט? פאַר דעם צוועק פלעג איך אַריינגיין אין אַ דערבייאיקן געטאָ און געמאַכט קאָנספּיראַטיווע פאַרזוכן צו רעאַליזירן דעם פּלאַן. ס'איז פאַרשטענדלעך אַז די אויפגאַבע איז געווען אַ שווערע, ווייל זייענדיק אין אַ אומבאַקאַנטער סביבה, וואו מען קען ניט קיינעם, איז דאָס געווען אַ קאָמפּליצירטער פּראָבלעם.

אַזעלכע פאַרזוכן האָב איך געמאַכט אין די געטאָס: פון ביסטריץ, מיכאַלישיק, קאַזיאַן, פּאָסטעוו און גלובאָק. איך האָב אויסגענוצט די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן — וואָס ווירקן בפרט אין קריטישע באַדינגונגען — צו דערמוטיקן די דאָרטיקע יונגע יידן: זיך צו אָרגאַניזירן, גיין אין די וועלדער און זיך גרייטן צום קאַמף.

אין שטעטל קאַזיאַן (ביי פּאָסטעוו) איז דער אָנפאַנג געווען מיט אַ געוויסן דערפאָלג. ס'איז מיר געלונגען צו שאַפן אַ איניציאַטיוו־גרופּע פון יאַנקל לעווין (אַ צאָן־טעכניקער), זיין שוואָגער שלמה און נאָך צוויי (איך געדענק ניט זייערע נעמען). דאָך איז מיין אַרבעט געווען אָן הצלחה. אין אייניקע טעג אַרום האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט איבערלאָזן אויף הפקר זייערע פרויען און קינדער און גיין אין וואַלד.

אין פּאָסטעוו (ווילנער געגנט), האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן, איציק קאַץ. אַ לערער פון פאַך און אַ געוועזענער אָפיציר פון דער פוילישער אַרמיי. אויף מיין פאַרלאַנג, האָט ער בסודי סודות גערופן אַ באַראַטונג פון אַ קליינער גרופּע. זיי האָבן אַלע אָנערקענט אַז די לאַגע איז טראַגיש, פּשוט אויסזיכטלאָז און אַז דער איינציק פאַרבליבענער וועג איז צו קעמפן מיט געווער אין די הענט. אָבער זיי האָבן זיך אַליין געשטעלט די פראַגע: „צי מעגן מיר אין אַזאַ טראַגישער צייט פאַרלאָזן אונדזער אייגן בלוט און פלייש?"

פונקט די זעלבע תשובות האָב איך ס'רוב באַקומען אויך אין די אַנדערע געטאָס. די נעגאַטיווע שטעלונג איז געווען ווי אַ רעזולטאַט וואָס ס'האָבן געווירקט צוויי עלעמענטן: ערשטנס — אונדזער גייסטיקע ירושה פון יידיש טראַדיציאָנעלער פאַמיליע־טרייהייט און איבערגעגעבנהייט. צווייטנס — ס'האָבן צירקולירט קלאַנגען (פאַרשפּרייט דורך די נאַצי־משרתים), אַז די יידן וואָס אַרבעטן פאַר די דייטשן וועלן בלייבן לעבן.

אין מאַי 1942, האָב איך זיך אַריינגעקריגן אין גלובאָקער געטאָ, וואו עס זיינען דעמאָלט געווען אַרום 4000 יידן. די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך זיינען שוין געווען ליקווידירט. דער עלטסטער פון גלובאָקער „יודען־ראַט" איז געווען לעדערמאַן. דער אַלטער רב פון שטעטל, הרב כ״ץ, פלעגט אָבער האָבן די השגחה, אַז מען זאָל זיך פירן מענטשלעך אין אָט דער גרויזאַמער צייט. ס'איז געווען אַ גוטער צופאַל, וואָס הרב כ״ץ האָט גראַדע געקענט מיין פאָטער און מיט מיין זיידען האָט ער אין די בחורשע יאָרן געלערנט אין איין ישיבה. ער האָט אַריינגערופן דעם מיטגליד פון „יודען־ראַט" חנא פּינטאָוו, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַרבעטס־אָנגעלעגנהייטן אין געטאָ, און געהייסן אים, אַז ער זאָל מיך נעמען צו אים שלאָפן און ניט שיקן אויף קיין אַרבעט דערווייל.

מיינע געדאַנקען זיינען געווען קאָנצענטרירט צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון שאַפן אַ יידישן אונטערגרונט. ס'איז געווען קלאָר, אַז אויב ס'איז דאָ אַ וועג זיך ווי ס'איז אַרויסצורייסן פון דער נאַצישער טויטפּעטליע — פירט אָט דער וועג נאָר צום וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער. אין געטאָ איז ניט געווען קיין שום האָפענונג אויף איבערלעבן דעם שונא.

די צרה איז געווען, וואָס אויך די גרוסן פון די פּאַרטיזאַנער זיינען געווען גאָרניט קיין פריילע־כע. עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען — און אז מען קלינגט, איז א חגא — אז אפילו סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער האָבן פון געכאַפּטע גרופּעס יידן צוגענומען די וואָפן, אָפּגענומען די קליידער און טייל מאָל אפילו דערשאָסן. וויסנדיק פון אָט דעם אַלעס, האָב איך זיך אין גלובאָקער געטאָ גע־שטעלט צוויי הויפּטצילן: אָרגאַניזירן א גרעסע־רע גרופּע און זיך איינשאַפן וואָס מערער געווער.

די ערשטע צוויי בחורים מיט וועלכע איך האָב זיך פאַרבוינדן זיינען געווען: יצחק שלייפער און שלומקע מאַליאַטער, ביידע פון ליטע. א ביסל שפּעטער זיינען צוגעקומען די ברידער יוסף און נחום בערקון פון גלובאָק. דורך זיי האָב איך זיך פאַרבונדן מיט מולקע שווידלער, א געווע־זענער לייטענאַנט פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס איז געווען אויסבאַהאַלטן אין א מאַלינע — טאַ־קע אין דער מאַלינע איז פאַרגעקומען די ערשטע באַראַטונג. — נאָכער: חיים קוזלינער פון לוש־קי, יאַנקעלע דער שניידער און אבראשע פון גלו־באָק. מיט דער צייט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער גרופּע 21 מאַן. מיר האָבן אויסגעבויט א ספּעציעלע מאַלינע, וואָס האָט קונציק געפירט פון א בית־כסא ביז א אונטערערדישן „צימער״. דאָרטן האָבן מיר געהאַט אַלע אונדזערע איינ־געשאַפענע וואָפן, דאָרטן האָבן מיר אויך אָפּגע־האַלטן אַלע וויכטיקע באַראַטונגען.

מיר האָבן זיך געניויטיקט אין גרויסע סומעס געלט כדי איינצושאַפן געווער. די פּויערים וואָס האָבן פאַרקויפט וואָפן, האָבן זיך געהייסן באַ־צאָלן נאָר אין גאָלד. פאַר דעם צוועק, איז שלומ־קע מאַליאַטער זיך אריינבאַקומען אַרבעטן ביים דייטשישן געביטס־קאָמיסאַר. ער פלעגט פון אים ארויסגנבענען בלאַנקע פּאַספּאַרטן, פאַרזען מיטן שטעמפּל פון געביטס־קאָמיסאַר. די דאָזיקע פּאַס־פּאַרטן פלעגן מיר פאַרקויפן צו יידן. פאַרן געלט האָבן מיר געקראָגן גאָלד און פאַרן גאָלד — געווער.

(די יידן האָבן גערן געקויפט די פּאַספּאַרטן און זיך אויסגעשטעלט גויאישע נעמען. די כוונה איז געווען: אין אַן עת צרה, אז מען וועט דאַרפן אַנטלויפן פון געטאָ, קאָן אַמאָל העלפן א פּויליש־ער דאָקומענט).

סיי דאָס איינקויפן געווער און סיי דאָס ברענ־גען די וואָפן צו אונדזער מאַלינע, איז ניט צוגע־גאַנגען אזוי פשוט. ס׳איז געווען פאַרבינדן מיט פיל געפאַרן. גאַנץ באַזונדער וואָלט איין ניט־געלונגענער שריט געשטעלט אין סכנה דעם גאַנצן געטאָ. נאָר א דאַנק וואָס מיר האָבן אָנגע־נומען שטאַרקע פאַרזיכטיקע מיטלען, אויסגע־נוצט די שטרענגע קאָנספּיראַטיווע כללים — און אפשר א ביסעלע מזל אויך? — איז אַלץ דורכ־געגאַנגען בסדר.

דאָך, איז געווען אוממעגלעך, אז אין אַן ענגן געטאָ פון א קליין שטעטל זאָל אַלץ בלייבן א סוד.

עס איז כדאי צו דערציילן, אז הרב כ״ץ האָט מיך איין מאָל אריינגערופן אין א חדר מיוחד און געפרעגט, צי ס׳איז ריכטיק די קלאַנגען, אז איך האָב אָרגאַניזירט א גרופּע מיט געווער און אז מיר גרייטן זיך צום פאַרלאָזן דעם געטאָ? ווען איך האָב אים געענטפערט, אז דאָס איז אמת, האָט דער גרייז־גרויער רב זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן: „תבוא עליכם ברכה״. ער האָט ארויפגעלעגט ביידע הענט אויף מיין קאָפּ און מיך געבענטשט. נאכער האָט ער געזאָגט: „מיר וועלן עס ממילא ניט איבערלעבן, איז געדענקט איין זאַך: נ ע מ ט נ ק מ ה! וואָס מער נקמה, אזוי פיל וויפיל נאָר איר קענט!״ דער אַלטער רב האָט זיך פאַרטראַכט א ווייל, מיך ארומגענומען און געזאָגט: „איך האָב צו אייך א בקשה: פאַר־לאָזט דעם געטאָ וואָס גיכער, ווי נאָר ס׳וועט פאַר אייך זיין מעגלעך״.

אין פינף טעג ארום נאָך אונדזער דאָזיקן שמו־עס, איז הרב כ״ץ אומגעקומען מיט דער ערש־טער שחיטה אין גלובאָקער געטאָ, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דאָנערשטיק, דעם 19־טן יולי, 1942. מיט אים זיינען אומגעבראַכט גע־וואָרן נאָך א 2.500 יידן.

אין דער שחיטה איז קיינער פון אונדזער גרו־פּע ניט אומגעקומען. מיר האָבן פולשטענדיק איגנאָרירט די פאַראָרדענונג פון דייטשן געביטס־קאָמיסאַר, אז אַלע יידן מוזן קומען אויפן מאַרק־פּלאַץ, מכלומרשט — צו שטעמפּלען די אַרבעטס־קאַרטן. דער באַפעל צו אונדזערע חברים איז גע־ווען: „בלייבן אין מאַלינע״. אָבער, מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז ס׳איז שוין פינף מינוטן פאַר

צוועלף און אז מיר דארפן זיך צואיילן. די צרה איז בלויז געווען וואָס מיר האָבן ניט געהאַט גענוג געווער. נאָר גראדע האָט אונדז צוגעשפּילט דאָס מזל.

אין בנין פון דער פּוילישער גימנאַזיע, וואָס האָט זיך געפונען כמעט אויסערן שטאָט, פלעגן אַהין געבראַכט ווערן די פּאָליאַקן, וואָס די דייטשן פלעגן נעמען צו שיקן אויף ארבעט אין דייטשלאנד. די דייטשן האָבן פארלאנגט פון ״יודען־ראַט״ צוועלף יידן, וואָס דארפן דאָרטן וואַשן, רייניקן, העלפן ביים קאָכן און אזוי ווייטער. דאָס ארבעטן דאָרטן האָט געהאט א גרויסע מעלה, ווייל מיטן ארבעטשיין אויף דער פּוילישער גימנאַזיע האָט מען זיך געקענט באוועגן פריי פון און צום געטאָ. די ארבעטער האָבן אויך דאָרט געקענט שלאָפן. האָב איך געבעטן חנא פינטאָוון אז ער זאָל מיך שיקן אַהין, מיט אַ גרופּע פרייוויליקע וואָס ווילן דאָרטן ארבעטן. פינטאָוו האָט מיך דורכגעדרינגען מיט אַ שאַרפן בליק — מסתמא האָט ער פארשטאנען דעם מיין פון מיין בקשה — דאָך האָט ער א שמייכל געטאַן און מיין פארלאנג דערפילט.

דאָס ארבעטן אין דער גימנאַזיע האָט פיל פארלייכטערט פאר אונדז דאָס איינשאַפן זיך געווער. דאָרט האָבן מיר אויך געהאט באראטונגען וועגן אונדזערע ענינים און פלענער.

דער שעף פון קיך אין דער גימנאַזיע איז געווען אַן עלטערער דייטש, וואָס האָט מיר תמיד צוגעזאָגט, אז אויב ער וועט זיך דערוויסן שלעכטע נייעס וועגן יידן, וועט ער מיך גלייך אינפאָרמירן. אַן אָוונט פאר דער ערשטער שחיטה אין גלובאָק האָט ער טאַקע מיך גערופן און געזאָגט: „איך האָב פאר אייך א שלעכטע בשורה. דער געטאָ איז ארומגערינגלט. מען לאָזט אלעמען אריין, אָבער ארויס קיינעם ניט״. ער האָט אונדז געראטן, אז מיר זאָלן די נאכט ניט שלאָפן באזונדער, ווי שטענדיק, נאָר זיך אויסמישן מיט די הונדערטער פּאָליאַקן. טאָמער וועט מען אייך קומען נעמען אויך דאָ — האָט דער דייטש געזאָגט — זאָל מען אייך פשוט ניט געפינען. דערביי דאַרף באמערקט ווערן, אז דער דאָזיקער דייטש האָט פון אונדז קיין מאָל גאָרניט באקומען. ער האָט איין מאָל צו מיר געזאָגט: „איך באלאנג צו דער ווערמאַכט, ניט צו די נאַציס״.

די נאַכט האָבן מיר ממילא ניט געשלאָפן. מיר האָבן געמאַכט אַן אייגענעם פּלאַן: זיך באַוואָפנט מיט קורץ געווער און געווען גרייט צו קעמפן אויב די באדינגונגען וועלן אונדז צווינגען צו דעם. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז אויב מען וועט שיקן אונדז נעמען, וועלן דאָס זיין א צוויי־דריי פּוילישע פּאָליציאַנטן — און דער וואלד איז געווען ניט ווייט. איינעם פון אונדזער גרופּע האָבן מיר גלייך געשיקט אין געטאָ, איבערצוגעבן די ניין חברים דאָרטן דעם שטרענגן באפעל: צו בלייבן אין מאַלינע.

היות אין צווישנצייט האָבן מיר זיך איינגעשאַפט גענוג געווער, האָבן מיר באַשלאָסן ארויסצוגיין פון געטאָ. די דאַטע איז באשטימט געוואָרן אויפן 24־סטן יולי, 1942. ס'איז געווען א רעגנדיקע נאַכט. די דראָטן פון געטאָצוים האָבן מיר אין איין אָרט געהאט איבערגעשניטן מיט צען מינוטן פריער. ארויס איז די גאנצע גרופּע — 21 מאן. אלע באוואָפנט. מיר האָבן אפילו געהאט א מאַשין־געווער און גראַנאַטן. מיר זיינען געגאנגען לויטן גאנצן מיליטערישן סדר, מיט א „ראַזוועדקע״ פאָרויס. דער וועגווייזער איז געווען יוסף בערקון.

אין משך פון דער נאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין פּליסער וואלד, א 20 קילאָמעטער פון גלובאָקע. מיר רוקן זיך אלץ ווייטער און ווייטער, אָנגעפירט פון אונדזער ערשטן קאָמאַנדיר מולקע שווידלער. מיר האָבן זיך געצויגן צו די לושקיער וועלדער, וואו ס'האָבן זיך געזאָלט געפינען פּאַרטיזאַנער־כוחות. אונטערוועגס פלעגט מען אריין צו א פּויער נאָך עסן. אין אזעלכע פאָלן, זיינען אונדזערע ביקסן געווען די בעסטע דאָלמעטשער.

גלייך אין די ערשטע טעג האָבן מיר שוין געהאט א קאַמף מיט א גרופּע פּאָליציאַנטן. דאָס איז געווען דעם 27־סטן יולי, 1942. מיר האָבן געהערט א שיסעריי, וואָס איז געקומען פון דער ריכטונג פון וואלד לעבן דאָרף רודאַר, א 18 קילאָמעטער פון גלובאָקע. מיר מאַרשירן צו יענעם אָרט. יאַנקעלע פרידמן און איציק שלייפער, וואָס זיינען אין דער ראַזוועדקע, איילן זיך צוריק מיט א צייכן: בלייבן שטיין. מיר פארנעמען פּאָזיציעס אויף דער רעכטער זייט פון וואלד. באַפעל: זיין גרייט מיט געווער. א גרופּע פון א 15 פּאָליציאַנטן האָט באמערקט אונדזער ראַזוועדקע און

זיי זיינען אריין אויף דער לינקער זייט פון וואלד, כמעט פּונקט אין דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג פון אונדז. מיר הערן, ווי זיי לאָדן אָן די ביקסן. עס פאלט זייער ערשטער שאָס — מיר שווייגן, דער צווייטער — מיר ענטפערן ניט, עס פאַלן נאָך פיל שאָסן פון זיי און מיר ליגן און טוען גאָרניט. מולקע — אונדזער קאָמאַנדיר — שושקעט מיר איין: „זיי ווילן אויספּראָוואָרן אונדזערע כוחות. א שאָד אומזיסטיקע קוילן. זאָלן זיי מיינען אז קיינער איז דאָ ניטאָ, וועלן זיי ארויסקומען אויפן אָפענעם „באַלשאַק". טייל פון אונדז וואונדערן זיך, פארשטייען ניט מולקעס טאַקטיק פארוואָס ער גיט ניט קיין באפעל. א פּאָר מינוטן שפּעטער האָבן זיי אָבער שוין יאָ פארשטאנען. היות די פּאָליציאַנטן האָבן ניט געהערט קיין צוריק־שיסן פון אונדזער זייט, זיינען זיי געוואָרן זיכער ביי זיך און א טייל פון זיי זיינען ארויס פון וואלד — דעמאָלט איז געקומען דער באפעל: „אָגאָן" (פייער). מיר האָבן געעפנט אויף זיי אזא שטאַרקע שיסעריי, אז יענע זיינען צעטומלט געוואָרן און אין פּאַניק גענומען לויפן צוריק אין וואלד. מיר האָבן זיי נאָכגעיאָגט, אָבער דער וואלד איז אויך געווען א שוץ פאר זיי און זיי זיינען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק 4 טויטע. 2 פארוואונדעטע האָבן מיר דערשאָסן. אין אונדזער גרופּע איז איינער לייכט פארוואונדעט געוואָרן. אונדזער מוט האָט זיך שטאַרק געהויבן מיט אונדזער ערשטן נצחון אין וואלד.

מיר האָבן געמאַכט אונדזער באַזע אין לושקיער וואלד. קיין קאָנטאַקט מיט אנדערע פּאַרטיזאַנער האָבן מיר נאָך ניט געהאט. דאָ האָבן מיר געטראָפן צוויי יידן: אבא קוזלינער און זיין ברודער מאיר שמואל. ביידע פון לושקי. מיר האָבן זיי געגעבן געווער און אריינגענומען אין אונדזער גרופּע.

מיר האָבן געוואָלט שאַפן א יידישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. פאר דעם צוועק, האָבן מיר געשיקט שליחים אין גלובאָקער געטאָ צו ווערבירן מערער מענטשן. צוויי מאָל האָבן מיר ריזיקירט מיט אזעלכע שליחים אין געטאָ, אָבער ביידע מאָל זיינען זיי געקומען צוריק מיט ליידיקן. ס'איז מאָדנע, אָבער ס'איז א פאקט: א סך יידן אין גלובאָקער געטאָ זיינען געווען איינגעגלויבט, אז זייער געטאָ וועט ניט ליקווידירט ווערן. אויף וואָס האָט זיך געשטיצט זייער דאָזיקער גלויבן? אויף דעם איז ווידער פאַראַן א מאָדנער, זייער א מאָדנער ענטפער: אין נאָמען פון געביטס־קאָמיסאַר האָט מען דערציילט די גלובאָקער יידן, אז עס איז דאָ אַן אייזערנער בריוו פון היטלערן אַליין, אז גלובאָקער געטאָ וועט ניט אונטערגעבראַכט ווערן, ווייל אלע דאָרטיקע יידן ארבעטן פאר דער דייטשער אַרמיי. (משמעות, אז די דאָזיקע טענדענציעזע קלאַנגען זיינען אינסצעניזירט געוואָרן מיטן צוועק: א) צו פארדעקן די אמתע דייטשע כוונות, און ב) אלס א פאָרזיכט־מיטל צו פּרעזערווירן אז די יידן זאָלן ניט לויפן צו די פּאַרטיזאַנער). האָבן טאַקע טייל יידן עס געגלויבט — און צו די פּאַרטיזאַנער ניט געגאַנגען.

אלע אונדזערע פאַרבינדונגען זיינען געווען דורך דעם וואלדוועכטער (לעשניק) ראַדזווישעווסקי. ער איז געווען אונדזער גאנצער אינפּאָרמאַטאָר. איך האָב געוואונען ביי אים דעם צוטרוי דערמיט, וואָס איך האָב געשפּילט די ראָלע פון א פּוילישן פריץ פון ליטע, וועלכער האָט דאָרטן דערשאָסן א דייטש און דערפאַר געמוזט אַנטלויפן.

דעם 31־סטן יולי, 1942, האָבן מיר געהאט א שווערן צוזאמענשטויס, דאָס מאָל מיט א גרופּע פון 16 דייטשן, וואָס זיינען געפאָרן אויף צוויי אויטאָבוסן. מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם און פארנומען לויער־פּאָזיציעס ביים ברעג פון וואלד כדי זיי צו באפאלן פון באהעלטעניש. (געמאַכט א „זאַסאַדסקאַ"). די דייטשן זיינען געפאָרן מיטן ברייטן וועג („באַלשאַק"), וואָס שניידט דורך דעם דאָרף גריפּקע. פריער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביים קאָלאָניסט יערמאָ און דערנאָך ביים רייכן פריץ שישקאָ. דער ציל: קריגן וואָס מער גוטע שפּייז. אויף זייער צוריקוועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביים פּויער שעפּילאָ, 10 קילאָמעטער צפון־מזרחדיק פון לושקי. מיר זיינען געווען 23 יידן. ווי נאָר די מאַשינען האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז, האָבן מיר געעפנט א שטאַרקן פייער אויף זיי. די מאַשינען זיינען גלייך געבליבן שטיין. די דייטשן זיינען תחילת צעטומלט געוואָרן. מיר זען ווי אייניקע פאלן. די איבעריקע שפּרינגען פון די מאַשינען, אריין אין וואלד און געעפנט נאָך א פיל שטאַר־

קערן פייער צוריק. דאָס איז געווען 7 קילאָמעטער פון לושקי, וואו ס'האָט זיך געפונען א דייטשער גאַרניזאָן. זיי קענען ליגן אין וואלד און וואַרטן אויף הילף. אָבער אויף וועמען קענען מיר האָפן? מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן וואָס גיכער צו פארענדיקן דעם קאַמף. אויף דעם האָבן מיר געניצט א טריק: דער קאָמאַנדיר האָט ספּעציעל הויך אויסגערופן: אָ פּ ט ר ע ט ן! ס'איז געוואָרן אַזאַ טומל און געפּילדער פּונקט ווי מען לויפט. (מיר האָבן געלערנט ווי אזוי צו מאכן א קינסטלעכן טומל אין וואלד). די דייטשן זיינען דעמאָלט ארויס פון וואלד און מיר האָבן זיי באַגעגנט מיט א פייערדיקער „אויפנאַמע". מיר האָבן אַנגעגריפן פון צוויי זייטן און גענומען זיי ארומריגלען. 8 דייטשן זיינען דערהרגעט געוואָרן, די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן. מיר האָבן געהאט צוויי לייכט פארוואונדעטע: חיים קוזלינער און יאָסקע בערקון. מיר האָבן צוגענומען דאָס וואָס מיר האָבן געקענט טראָגן מיט זיך און דאָס איבעריקע פארברענט.

אזעלכע קאַמפן האָבן מיר געהאט מערערע. אין זיי האָבן מיר פארלוירן: מולקע שווידלער, שלומקע מאַליאַטער און חיים קוזלינער.

מיר האָבן אויך געכאַפּט פּוילישע פּאַליציי, וואָס האָבן דערשאָסן יידן, אַדער געכאַפּט יידן און זיי איבערגעגעבן צו די דייטשן. מיט אַזאַ גרופּע האָבן מיר זיך איין מאָל אָפּגערעכנט אין דאָרף קוראַלעווע.

די דייטשן האָבן גענומען מאכן „אָבלאַוועס" אויף אונדז. זיי פלעגן שיקן פון 150 ביז 200 גוט באוואָפנטע סאָלדאַטן. איין מאָל איז געקומען א מחנה פון 300 דייטשן אונדז ארומרינגלען און „כאַפּן פאר יעדן פרייז". כדי צו מאכן זיכער דעם דערפאָלג, האָבן זיי גענומען דעם „לעשניק" ראַדזווישעווסקין אלס א וועג־וויַיזער. דער וואלד־וועכטער האָט געגוי געוואוסט וואו מיר זיינען. אָבער ער האָט זיי געפירט פּונקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג און געשיקט זיין טאָכטער יאַדזיאַ, אונדז צו אינפאָרמירן וועגן דעם. אין אזעלכע פאלן פלעגן מיר אוועקגיין אין אַן אַנדער געגנט פאר א געוויסער צייט.

מיר האָבן געזען, אז אַזאַ קליינע גרופּע ווי מיר זיינען, האָבן ניט קיין שאַנסן אויסצוהאַלטן א לאנגע צייט. מיר קענען מנצח זיין אין קלענערע איבערפאלן, אָבער מיט הונדערטער דייטשן זיינען מיר ניט ביכולת צו קעמפן. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צו זוכן א וועג, כדי זיך צו פאראייניקן מיט די גרויסע סאָוועטישע פארטיזאנער־כוחות, וואָס האָבן אָפּערירט אין יענע מקומות פון ווייס־רוסלאנד. לשם זה האָט זיך אונדזער גרופּע צעטיילט אין צוויי, זיך געלאָזן אין צוויי פארשיידענע ריכטונגען, מיט דער כוונה שפּעטער זיך צוריק פאראייניקן. דער בלינדער גורל האָט אָבער געוואָלט, אז מיר זאָלן בלייבן צעטיילט.

מיין גרופּע פון 11 מאַן איז שפּעטער אריין אין קאָמלאָווס אָטריאַד, פּרודניקאָווס בריגאַדע, וואס האט זיך נאָכער גערופן טשעוועריקינס אָטריאַד און מאַראַזאָווס בריגאדע (פּאָפּולער ביי אלע פארטיזאנער אלס „מראַזעווצעס"). מיך און נחום בערקון האָט מען צוגעטיילט צו א דיווערסיע־גרופּע. אונדזער הויפּט־אויפגאבע איז געווען אויפצורייסן טראַנספּאָרטן מיט דייטשן מיליטער און אַמוניציע. פון סוף 1942 ביז יוני 1944 האָב איך זיך באַטייליקט אין דורכפירן 24 סאַבאָטאַזש־אַקטן. אויף מיין חשבון זיינען פארשריבן 82 דערהרגעטע דייטשן. אין די קאַמפן בין איך געווען 4 מאָל פארוואונדעט, איין מאָל גאנץ ערנסט. פאר מיינע אויסצייכנונגען האָב איך באַקומען צוויי מעדאַלן. אין קאַמף מיט די דייטשן און ביים אויפרייסן א צוג, האָט ניט איין מאָל געקלינגען אין מיינע אויערן די ווערטער פון הרב כ"ץ: „וואָס מער נקמה".

מען קען דאָ ניט זיך אָפּשטעלן אויף אלע מעשים אונדזערע, אָבער א פּאָר זאכן איז ווערט צו דערציילן: אין יוני 1944, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט דורכגעבראָכן דעם פראָנט ביי סמאָלענסק, האָט א סאָוועטישער אַעראָפּלאַן געמאָלדן, אז אין די ארומיקע וועלדער געפינען זיך א 2.400 דייטשע סאָלדאטן, אָפּגעשניטענע פון זייער הויפּט־ארמיי. אונדזער בריגאנדע, 2.500 פּארטיזאנער, זיינען ארויס אין קאַמף און דעם גרעסטן טייל פון זיי געכאַפּט. דער באפעל פון שטאָב איז געווען, אז מען זאָל זיי ברענגען קיין מינסק. דער גאנג האָט גענומען צוועלף טעג, ווייל מיר זיינען געגאנגען מיט זייטיקע וועגן צווישן וועלדער, כדי ניט צו שטערן די באַוועגונג פון דער סאָוועטישער ארמיי, וואָס האָט

נאָכגעיאָגט די אַנטלויפנדע דייטשן. איך, וואָס בין שוין דעמאָלט געווען „קאָמאַנדיר אַדיעליעניע", איציק שלייפער מיט נאָך 10 פּאַרטיזאַנער האָבן אונטער פאַרשיידענע תירוצים אויסגעשאָסן א סך דייטשן פון דאָזיקע טראַנספּאָרט. ס'רוב פלעגן מיר ביי נאַכט זיי פירן שלאָפן, אַ ביסל ווייטער פון אונדזער לאַגער און באַגינען זיי דערשיסן. דערנאָך פלעגן מיר מעלדן די העכערע קאָמאַנדירן, אז די דייטשן האָבן געוואָלט אַנטלויפן, דעריבער זיינען מיר געווען געצוואונגען זיי צו שיסן. כמעט יעדער נאַכט פלעגן מיר דערשיסן 25־30 דייטשן. אין שטאַב האָט מען אפשר פארשטאַנען, אז מיר זאָגן ניט דעם אמת, אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק.

אין זומער 1943 האָבן מיר, א גרופּע פון 30 פּאַרטיזאַנער, פאַרנומען דאָס שטעטל לושקי. נאָך א קורצן בליציקן קאַמף, האָבן די 20 פּאָליציסטן מיט די עטלעכע דייטשן זיך צעלאָפן. איך און איציק פליישער זיינען אריין אין א הויז פון אַ פּאָליאַק. די מענטשן דאָרטן זיינען געוואָרן צעשראָקן אויף טויט, ווען זיי האָבן אונדז דערזען. זיי האָבן גיך געשטעלט משקה אויפן טיש. מיר טרינקן „יידישע" גלעזלעך. יענע זיינען שטאַרק פאַרוואונדערט: איר פּאַדערט גאָרניט, איר טשעפּעט גאָרניט, איר מאַכט אפילו ניט קיין עכטע כוסה, ווי דאָס טוען אנדערע פּאַרטיזאַנער — ווי קומט עס? — איך ענטפער זיי אז מיר זיינען יידן. — אויב אזוי, זאָגט דער אלטער פּאָליאַק, האָבן מיר פאַר אייך וויכטיקע נייעס: מיר ווייסן אַן אָרט, וואו ס'געפינען זיך יידן. — מיר זיינען געוואָרן שטאַרק איבערראַשט און זאָגן צום זון פון פּאָליאַק: פיר אונדז גלייך אַהין. מיר קומען אַריין אין דעם אָרט — א ווינקל פון א קאַזאַרמע אין לושקי. ווי אזוי קומען דאַ יידן, ווען אין לושקי איז שוין לאַנג ניטאָ קיין איין ייד? איז די געשיכטע אזאַ: פּולקאָווניק ראַדיאָנאָוו, אַן אוקראַאינער, האָט פריער געאַרבעט מיט די דייטשן. ער האָט געהאַט אונטער זיין קאָמאַנדע אַ דריי טויזנט רוסן, וואָס האָבן געקעמפט אויף דער דייטשער זייט קעגן די פּאַרטיזאַנער. ראַדיאָנאָוו האָט פון לובלינער געטאָ געהאַט ארויסגענומען 13 יידן: שוסטערס, שניידערס, שטעפּערס און פאַבריקמאַכערס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר זיין גאַרניזאָן, וועלכער איז געשטאַנען אין לושקי. אין 1943 איז ראַדיאָנאָוו אַריבער צו די פּאַרטיזאַנער, אָבער די גרופּע יידן האָט ער געלאָזן הפקר אויף א זיכערן טויט. ווען מיר זיינען געקומען צו זיי און אויסגערופן: „י י ד ן !" — האָבן זיי ניט געענטפערט. זיי האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן מיט שרעק און די אויגן און פשוט געוואַרט אויפן טויט. נאָך א מאָל: „יידן!" — זיי שווייגן. ווען זיי האָבן געפונען א ביסל מוט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, זיינען זיי געווען פול מיט האַרצרייסנדיקן יאוש: „מילא, מען וועט אונדז ממילא דערהרגענען". סוף־סוף איז אונדז געלונגען זיי צו דערמוטיקן און איבערצייגן, אז זיי זאָלן גיין מיט אונדז. זיי זיינען אלע געבליבן לעבן.

די באַזע פון אונדזער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד האָט ביזן סוף 1943 זיך געפונען אין דאָרף סאַראָקאָ, אַרום 7 קילאָמעטער פון דיסנע. אָנפאַנג 1944, זיינען מיר אַוועק צווישן באַראַנאָוויטש און מינסק. דאָרטן זיינען מיר שוין געווען אין די וועלדער.

מיר האָבן דאַ געזען קלאָר, אז די אלע קלאַנגען מכוח אַנטיסעמיטיזם אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנער זיינען ניט געווען אויסגעזויגן פון פינגער. עס איז געווען אַנטיסעמיטיזם ביי טייל פון די פירערס און נאָך מערער צווישן דער מאַסע. איך האָב דאָס דערפילט אויף מיין אייגענער הויט גלייך דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין געקומען אויף דער באַזע. עס איז דעמאָלט געווען אַ רעגנדיקער טאָג. ווען איך בין געווען מיט איין פוס איבערן שוועל ביים ארויסגיין פון א שייער, האָט איינער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, מיר אונטערגעשטעלט א פוס און איך האָב זיך אויסגעצויגן ווי גרויס איך בין אין בלאָטע. פון ווייטן זיינען געשטאַנען א גרופּע פּאַרטיזאַנער אויף א בערגל און זיך געקייכט פון געלעכטער. איך האָב זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, זיך א ביסל אָפּגעווישט די בלאָטע פון פנים, אויף גיך א וואָרף געטאָן אויפן פּאַרטיזאַנער און אים אזוי ריכטיק מכבד געווען מיט קלעפּ. ווען יענער האָט זיך געכאַפּט צו דער ביקס, האָב איך ארויסגעדרייט די ביקס פון זיינע הענט און מיט דער קאָלבע אים נאָך צוגעגעבן זיין פאַרדינטן „חלק". יענער האָט מיך דערנאָך פאַרקלאָגט פארן קאָמאַנדיר — שטייענדיק מיט א פאַרבאַנדאַזשירטן

קאָפּ און צעקריפּלטן פּנים האָט ער געטענהעט — אַז אָן שום סיבה האָב איך אים פּלוצלינג באַפאַלן. זיינע חברים פון מערגל האָבן נאָך עדות געזאָגט לטובת אים. דער קאָמאַנדיר קאָמלאָוו, וואָס איז גראָד געווען פריינדלעך צו יידן, האָט מיר געגלויבט און דער סוף איז געווען, אַז יענער איז נאָך באַשטראָפט געוואָרן, אָבער דאָס ווייזט די אַטמאָספער, אין וועלכער יידן האָבן געלעבט צווישן די „אייגענע" פּאַרטיזאַנער.

די דריי יידן, וואָס זיינען שוין פון פריער געווען אין אָטריאַד — לייבקע, שאמקע לקח און מולקע, אלע פון דיסנע — האָבן מיר דערציילט, אַז דאָ הערשט אַ שטאַרקער אַנטיסעמיטיזם. פונקט דאָס זעלבע האָב איך געהערט פון פיל יידן פון אנדערע אָטריאַדן, מיט וועלכע איך פלעג זיך טרעפן גייענדיק אויף פאַרשיידענע מיסיעס („זאַדאַניעס").

אונדזער קאָמאַנדיר האָט געוואוסט, אַז דער גרעסטער טייל פון זיינע פּאַרטיזאַנער זיינען ניט פריי פון אַנטיסעמיטישן גיפט.

עס האָט איין מאָל געטראָפן, אַז אין אַ שלאַכט מיט דייטשן און אוקראַאינער, זיינען דערהרגעט געוואָרן פינף פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי איין ייד. מיר האָבן געבראַכט די טויטע אויף אונדזער באַזע און זיי אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד. ווען מען האָט זיי געפירט צו באַגראָבן, אַ 6 קילאָמעטער פון דער באַזע, האָט קאָמלאָוו מיך צוגערופן און געזאָגט: פאָר מיט, ווייל זיי קענען נאָך דעם יידן אַראָפּוואַרפן פון וואָגן אויפן מיטן וועג. דער געהרגעטער ייד איז געווען דער דערמאָנטער שאָמעק לקח פון דיסנע, אַ בחור 19 יאָר אַלט.

דער לעצטער סאַבאָטאַזש־אַקט מיינער איז געווען דעם 22סטן יוני 1942, ווען אלע בריגאַדעס האָבן באַקומען אַ באַפעל פון מאָסקווע אויפצורייסן און פאַרניכטן באַנען, וואָקזאַלן וכדומה, כדי צו שטערן דעם צוריקטריט פון דער דייטשער ארמיי. לויט אַ פאַראָרדענונג, איז אונדזער בריגאַדע דערנאָך אַוועק קיין מינסק.

אין מינסק האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין ניי־שווענציאַן. פון דאָרטן בין איך אַוועק קיין סעמיאַטיטש. דאָס איז געווען אין ווינטער פון 1945. איך האָב דאָרטן געטראָפן אַ ביסל יידן — אלע פאַריתומטע, פאַראָבלטע, פאַריאושטע.

חורבן פון סעמיאַטיטש, חורבן פון אירע יידן, חורבן פון משפחה און פריינד — ווער האָט נאָך ווייטער געקענט בלייבן אויף דער בלוטיקער ערד?

איז מען אַוועק פון דער אַמאָליקער ליבער היימשטאָט, אַוועק פון איר אויף אייביק.

יהודה אלבנאי

איך פרעג

ווען דער ערשטער זונענשטראַל
האָט צו אונז געטאָן אַ בליק
און באַצויבערט אלעס און איבעראַל
מיט זיין ליבליכן קוק;

ווען אין אלעמענס הערצער זיך ערוועקט
מוט און קראַפט, אַ דורשט צום לעבן,
און מיט פרייד ווערן די געזיכטער באַדעקט
מיט פיל האָפנונגען און שטרעבן;

ווען דער מערב אַוונט
דער מילדער, בלאָזט ווידער
צערטליך גלאַט, ווי אַ מוטער אַ קינד,
און ערפרישט אלעמענס גלידער —

פרעג איך —
צי האָט ער מיר געבראַכט
אַ גרוס פון סעמיאַטיטש פון דער ווייטן,
פון אלע וועלכע איך טראַכט
אָן אויפהער אין אלע צייטן.

יזכור

„חברת ברית אחים אנשי סמיאטיץ״

אין אייביקן אנדענק

מיט יראת הכבוד דערמאנען מיר דעם הייליקן אַנדענק פון אַלע סעמיאַטיטשער קדושים, וועלכע האָבן געטיילט דעם זעלבן טראַגישן גורל פון די מאַרטירערס פון אַלע צייטן, ווען די נאַצי־בעסטיע האָט מיט אַזאַ ווילדן ראַסן האַס און מענטשן־שנאה אומגעבראַכט.

אייביק וועלן מיר געדענקן דעם טאָג, ווען די דייטשע חיה האָט אויף אַן אומ׳רחמנות׳דיקן אופן אויסגעמאָרדעט אונדזערע עלטערן, פרויען, קינדער, שוועסטער, ברידער, חברים און פריינט.

קיינמאָל וועלן מיר ניט פאַרגעסן אין דער צוואה וואָס די קדושים האָבן אונדז איבערגעלאָזט, און דאָס איז: ווייטער פאַרזעצן מיט זייערע ניט פאַרענדיקטע גייסטיקע און קולטורעלע שאַפונגען, פון ציען דעם ירושה׳דיקן המשך פאַרן יידישן כבוד און קיום.

סעמיאַטיטשער סאָסייעטי

אין

ניו־יורק



נר לנשמות משפחת אוברקוביץ ז״ל

לאבי **מנחם מנדל** — רב הפעלים, חבר מועצת העיריה, ראש „חברה־קדישא״, כל ימיו דאג לדרכם האחרונה של הנפטרים, והוא עצמו לא זכה לקבורה. עונה ונורה יחד עם בנו זעליג וחתנו ישראל אקרמן בעיירה **נרבקה** בשנת 1941 ;

לאמי **הינדה** — הצדקת, שתמכה כל עני ואביון בגלוי ובסתר. עונתה ונשרפה ב**טרבלינקה**, יחד עם בניה, בנותיה, נכדיה ;

לאחותי **ציפה בונדה** ושלוש בנותיה : **יהודית, פרומה ושיינה׳לה** ;

לאחותי **אסתר** ובעלה **ישראל אקרמן** וילדיהם ;

לאחי **אברהם יצחק**, אשתו **אסתר גיטל** ובנותיהם **אטל ושיינה׳לה** ;

לאחי **וועלוול זאב** ומשפחתו ;

לאחי **זעליג** שנורה ונקבר, ביחד עם אבא, בקבר אחים שחפרו במו ידיהם לפני הירצחם ;

לאחותי **בלומה**, שנסיבות מותה הטרגי אינם ידועים ;

קרובי משפחה שלא נשאר להם שריד :

פסח ופייגה טיקוצ׳ינסקי ;

ציפה גיטל טיקוצ׳ינסקי וילדיה ;

צאלקה טיקוצ׳ינסקי. נשבה בידי הגרמנים, בזמן המלחמה, ונספה על ידם ;

רבקה בורשטנבינדר ;

מאשה ולייבל גארבער, בנם **יואל**, בתם **פייגעלע**.

יהי זכר כולם לברכה

ביגון קודר

יפה סלפק ומשה אוברקוביץ

על מות הקדושים

אש נחמן וצפורה

ובתם **הניה** בת ה־10

נספו באושוונצ׳ים

מתאבל

אש מנחם (פתח־תקוה)

גלעד לזכר יקירינו שנספו בשואה

אבא : יעקב יוסף אקאם
אמא : שרה

האחים : אברהם וחיים
האחות : גיטל



בלב מלא יגון
האחיות פנינה ואטיל לבית אקאם

לזכר יקירינו אשר נשמדו בטרבלינקה על קידוש השם

אבינו : בוצ׳אן אברהם מתתיהו
אחינו : דוד שלמה ואשתו מאשקה
בנותיו : דינה ומייטה

השרויות ביגון

דינה הרמן
אסתר כספי

צום אייביקן אנדענק
פון מיין ליבער אומפארגעסלעכער פרוי

רחל לאה בת ר׳ דוד לייב בעקער ע״ה

אין טרויער

זשאו בעקער

אונדזערע פארשטארבענע, ליבסטע

און טייערסטע

צום אייביקן אנדענק



ראובן און גנענדל ברוקער ;
די זין : ישראל אהרן און בערל

זיידע : ישראל אהרן בר' דוב הלוי ברוקער
באבע : פערל ברוקער
זיידע : יאנקל סאיקע
באבע : רחל סאיקע

און די פארפייניקטע און דערמארדעטע

פאטער : ראובן בר' ישראל אהרן ברוקער
מוטער : גנענדל בת ר' יעקב
ברידער : ישראל אהרן און בערל
שוועסטער : פערל און מרים
טאנטע : אסתר ליבע סאיקע, איר מאן איטשע און זייערע זין חיים און לייבל
טאנטעס : יאספע און לאה מיט זייערע מענער און קינדער

כבוד אייער אנדענק !

פאראייביקט דורך

מאטל ברוקער



לזכר
בני
משפחתי
היקרים

אבא : יצחק לייב גוזבונדה
אמא : אטי־לאה
האחים : יוסקה, דוד
האחיות : פרומה, שיינה והניה
הדודים : פשה ומיכאל שרמן ומשפחתם
וולוויל ואַרצ׳ה גוזבונדה ומשפחותיהם
מנדיל ויינשיינקר השמש ומשפחתו
ובנו משה ואשתו שיינה ומשפחתו

מנציחה:
חוה גולדשטין ומשפחתה



ז״ם לא ימוש מקרבנו

אמא : גיטל גרינברג, נפטרה ב־1938

אחיות : מלכה ומינה — הושמדו בטרבלינקה

מתאבל
חיים רויזמן

צום הייליקן אנדענק נאָך דער

פאַמיליע גרוסקין

אייער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט און יונג פאַרשניטענע לעבנס, וועלכע זענען קאַני־באַליש אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצי־באַרבאַרן, וועלן שטענדיק זיין איינגעקריצט אין אונדזער זכרון.

כבוד אייער אנדענק!




אברהם גרוסקין
און קינדער: שיינע־לאה און יצחק

פאַטער: **אַברהם גרוסקין**

שוועסטער: **שיינע לאה/קע גרוסקין**

ברודער: **יצחק גרוסקין**

ברודער: **קלמן גרוסקין**
און זיין פרוי ראָזע



קלמן און ראזע גרוסקין

פאַראייביקט דורך

רבקה און מאיר גרוסקין

זכרון נצח ליקירי שנספו בשואה

אבי : אלכסנדר זיסקינד גולדברג
אמי : דבושה
אחי : דוד
אחיותי: פרידל, אסתר ויהודית

השרויה באבל
חנה גולדברג-וירניק



וכטר מלכה, וכטר חיה, הדסה ובעלה אהרון

צום אייביקן אנדענק
פון אונדזערע טייערע אומפארגעסלעכע,
אומגעקומענע דורך די נאצי-מערדער אין אושוויץ

פאטער : אברהם וואַכטר
מוטער : חיה
שוועסטער : הדסה און איר מאַן אהרון
שוועסטער : מלכה און איר מאַן
שוועסטער :ביילקע און שרה
ברודער : יצחק

אייער אנדענק איז טיף איינגעקריצט
אין אונדזער זכרון
ירחמיאל קלמן וואכטער
און משה וואכטער

נפשי בוכיה על

אבי היקר: אברהם־יצחק דז"ום
אמי היקרה: רחל
אחותי היקרה: טובה ובעלה מאיר מוז'יונצ'יק וילדיהם

ביגון קודר
יוסף דזשום

וואלאך פאמיליע

מיט צער און ווייטיק פאראייביק איך אייערע נעמען. זאל דאס דינען ווי א מצבה אויף אייערע קברים.
א קללה אויף די קעפ פון די נאצי־מערדער פאר אייער אומשולדיק פארגאסן בלוט. אייער אנדענק וועט אייביק בלייבן און מיין זכרון.

פאטער: פישל לייזער ב"ר אהרן בער וואלאך
מוטער: ביניע בת ר' בנימין
ברידער: שמואל, חיים און וואלפקע
שוועסטער: חנה, איר מאן פסח מארער און קינדער
שוועסטער: פייגע, איר מאן יודל טוכווערבער און קינדער

פאראייביקט דורך
אברהם וואלאך

צום אייביקן אנדענק נאך דער
פאמיליע וויזענבערג

אייער אומשולדיק פארגאסן בלוט איז געהייליקט, צוזאמען מיט די זעקס מיליאן קדושים פון אונדזער פאלק. אן אייביקע קללה אויף דעם קין־פאלק!

אנקל: ירוחם וויזענבערג
טאנטע: חיה
קוזין: יאנקל

פאראייביקט דורך
דוד קמחי

פאמיליע וויזענבערג

לזכרון עולם



יוסף וינזברג, אשתו שפרה ובנם השי, נספו בטרבלינקה

מיט הייליקע געפילן פאַראייביקן מיר אייער ליכטיקן אָנדענק, וועמען די ממשלת זדון און רשעות פון די נידעריקסטע, אָפּגרונד־געפאַלענע דייטשישע דעגענעראַטן האָבן סאַדיסטיש דערמאָרדעט. זאָל עס דינען ווי א מצבה אויף אייערע קברים. אייער אָנדענק וועט שטענדיק בלייבן אין אונדזער זכרון.

פאטער: יוסף וויינזענבערג

מוטער: שפרה

ברידער: השי, זיין פרוי, מינדל און קינדער

פאראייביקט דורך

דוד וויזענבערג

און

נחמה בורלה

זכרם לא ימוש מקרבנו

סבתא : ליבה וינר
הורינו : דוד וחיה וינר
אחינו : משה ואשתו שיינה
מרדכי ויוסף
אחיותינו : שרה ומלכה
דודתנו : אסתר וינר

מנציחים

צבי וברוך וינר

לזכרון נצח

אבי : דניאל זבלודובסקי

אמי : חיה-פייגה זבלודובסקי

אחי : הרשל, מאיר ואשתו סבינה ובתם דניאלה

דודי : מוטל ומשפחתו

ביגון עמוק

קרמרז' אהובה



דניאל וחיה-פייגה זבלודובסקי,
הבנים הרשל, מאיר ואשתו סבינה ובתם דניאלה,
בתם ברייינה ליס ובנה

ישראל זשאלטאק

געבוירן 1902 — אומגעקומען 1945

מיר וועלן דיר אייביק געדענקען,

דיין נאמען איז פאר אונדז טייער !

דיין פרוי און זון

חעניע און סעם





לזכר הקדושים והטהורים שנגדעו

הורי: הרשל ורחל חומסקי

אחי: שבתאי אשתו שרה
וילדותיהם שושנה ורחל'ה

אחותי: פייגה ומאיר לונדון
וילדותיהם חוה ובלפוריה

אחותי: רבקה ויעקב אקרמן
וילדותיהם רחל'ה וגולדה'לה

במסתרים תבכה נפשי
חוה חומסקי

אין אנדענק פון


מיין אומפארגעסלעכן פאטער

חיים טורנאַווסקי

דער האַס צו די דייטשע מערדער וועט קיינמאָל פארלאָשן ווערן. דיין אָנדענק וועל איך שטענדיק טייער האַלטן.

פאראייביקט דורך

בעליע קראַוויעץ־טורנאַווסקי



חיים טורנאַווסקי

על הורינו ואחינו שנרצחו בדם קר

אבא: יעקב טיקוצקי
אמא: הניה
אחינו: יצחק, אליעזר ואברהם

קודרים ואבלים
לוליק טיקוצקי
רעיה דימנט

לזכר

מינקה לושיצקה — מתה בגיטו
מאַשה לושיצקה
ובתה מינדל — נספו בטרבלינקה

ביגון
אש מנחם (פתח־תקוה)



פאמילע טשאַפּניק

אין אנדענק פון די הייליקע נשמות:

פאטער: יצחק קאַן-טשאַפּניק

מוטער: שפרינצע

שוועסטער: לאה און איר מאַן יונה טעפּער
און זייערע קינדער: מענדל, רחל, דבורה און זעליג

שוועסטער: חעניע און איר מאן יאַנקל מאַנטשער
און זייערע קינדער בוטשע און חנא זינדל

אנקל: שמעון, מומע רבקה און זייער זון אליהו

אנקל: ישראל און מומע בלימע

מומע: פעשע, אנקל לייבל מאַרמאַר
און זייערע קינדער ישראל און חיים

פאַראייביקט מיט טרויער און שמאַלץ

ביילע טשאפּניק

לזכר יקירי



משפחת ליסאגורסקי

אבי : ר׳ שמואל ליסאגורסקי

אמי : רחל

אחי : פסח, יודל, סרולעק

אחותי : פשה

ומשפחותיהם

תהיינה נשמותיהם צרורות בצרור החיים

בלב דואב
אברהם ליסאגורסקי ומשפחתו
(קנדה)

פאמיליע לעוו



פאמיליע לעוו — משה'קע, עלקע, מיכאל, לאה — אומגעקומען

מיט הייליקע געפילן פֿאַראייביק איך אייער ליכטיקן אָנדענק, וועמען דער דייטשער קין־פֿאָלק האָט סאַדיסטיש דערמאָרדעט. איך וועל אייך שטענדיק געדענקען און קיין מאָל פארגעסן.

פאטער : משה'קע לעוו
מוטער : עלקע
ברודער : מיכאל
שוועסטער : לאה און ליבע

אלע אומגעקומען אין טרעבלינקע

פאראייביקט דורך
שאשע וואבטער (לעוו)



מיכאל לעוו און זיין פרוי שרה — אומגעקומען

פאמיליע יאבלאָן

אין אָנדענק פון אייערע הייליקע נשמות, אומגעקומען אין די גרויזאַמסטע מאַסן־שחיטות
אין דעם גרעסטן בעסטיאַלישן פעלקער־מאָרד, פאַראייביק איך אייערע נעמען.
זאָל עס דינען ווי אַ מצבה אויף אייערע גרויע אַש־קברים!

קוזין: **נחום יאַבלאָן**

קוזינע: **פאַנטשע** און זייערע קינדער

פאַראייביקט דורך

דוד קמחי

צום אייביקן אנדענק פון מיינע טייערע

פאטער: **פסח מאַרער**

מוטער: **חנה**

ברידער: **בנימין, בערל, הערשל, חיים און דוד**

שוועסטער: **מלכה**

עס וועט קיינמאָל ניט געשטילט ווערן מיין ווייטיק און דורשט נאָך נקמה אין די דייטשע ווילדע נאַצי־מערדער אַ קללה אויף זייערע קעפּ פאַר אייער יונג פאַרשניטענע לעבנס.

אייער אָנדענק וועל איך טייער האַלטן

ישראל מארער

על רצח

הקדושים והטהורים

אבינו היקר:

אריה צבי מארינברג

אמנו היקרה:

איטה־לאה

אחותנו היקרה:

שרה



קודרות ואבלות

בתיה ברסקי

צפורה גבעוני

לזכר הנשמות הטהורות של יקירי

אבי, **אורי בן ברוך מרמור**

אמי, **מלכה לבית טוקרסקי**

אחותי, **אטיל וגיסי חיים ז׳ולטק ובנם צבי**

ואחותי **ריבה**

שחיו ביושר ובצניעות ונספו בשואת העם

בנם ואחיהם האבל

גדליהו מרמור

יעמדו לזכרון נצח

אבינו : משה מרמור

אמנו : רחל

אחותנו : ליבה

דודנו : אורי מרמור ; אשתו מלה ; בתם ריבה

דודתנו : חנה גיטל קוטלר

דודינו : שלום ופיניה

ביגון עמוק

דוד מרמור (ארה״ב)

דובה גולדשטרן (טבעון)

נזכור לעד את יקירינו:

סבא וסבתא: ר׳ מרדכי וחיה ושרה קיילס
ההורים: ר׳ יהושע וטובה ניפלוטניק
האחיות: פריידה, רבקה וגולדה
דודים ודודות: שבתאי ושרה קיילס, שיינה ויהודה

ביגון קודר
צביה גולדמן לבית **ניפלוטניק**

זכרון נצח ליקירינו



אבא: יוסף ניפלוטניק
אמא: מאַטל
בנות: חנה וזהבה
לאה ומשה וינברג

המתאבלים:
יהודה אלבנאי
פרידה אידלמן לבית **ניפלוטניק**

זאת המצבה לזכר יקירי

אבי ואמי: שמואל ורוזה סוקניק
אחיותי: חיה, מינד׳לה והניה׳לה
בת דודי: נשקה סוקניק
בנות דודתי: שרה ובלומה הורביץ

ביגון עמוק
דובה תאני ומשפחתה
(גל־און)

גלעד להורינו אחינו ואחיותנו
קרבנות השואה



אבא : ישעיהו סלוחובסקי

אמא : רחל

אחיותי : אסתר שיינה וחיה

אחי : חיים

זכרם חרות בלבי
מלכה שטיין

אין אנדענק פון דער
סמאלוק פאמיליע

כאטער : אהרן סמאַלוק
מוטער : טילע סמאַלוק
ברודער : משה
שוועסטער : גיטל
זיידע : אהרן אליהו משיזשיק
באבע : עלקע חיה
אברהם קייל
ביניע קייל
זייערע קינדר : אהרן אלידהו און לייבל

פאראייביקט דורך הערש לייב סמאלוק

אין אַנדענק פון

הערשל צבי צימבאליסט

דבורה צימבאליסט

פאראייביקט דורך
זייער איניקל
חיים מרדכי ראטגארבער

צום אייביקן אנדענקן אונדזערע טייערסטע:

פאטער: יהושע פוקס
מוטער: פעשע
שוועסטער: דאָבע, שוואגער חיים מרדכי קראמער
קינדער דינה'לה, בעני
און נאך דריי אנדערע

איר זייט אייביק איינגעקריצט און אונדזער זכרון!

העניע פוקס־קראוויעץ



יהושע פוקס

אין אנדענק פון דער

פירער פאמיליע

פאטער: אייזיק ב״ר חיים דוב

מוטער: יענטע רחל בת וואָלפקע זאב

ברידער: חיים בער, אריה, פינטשע און יעקב

שוועסטער: ביילע, שפרינצע און חנה

אומגעקומענע אין דער היטלער־שחיטה

כבוד זייער אנדענק!

פאראייביקט דורך

נטע פירער

פאמיליע פלאטניצקי

צום אייביקן אָנדענק פון מיינע טייערסטע, אומגעקומענע
פון די דייטשע חיות אין די גרויזאַמסטע מאָסן־פאַרברעכן.
אייער אָנדענק וועט שטענדיק זיין איינגעקריצט אין מיין זכרון!

פאָטער : שמאי בר׳ קלמן פּלאַטניצקי

מוטער : גיטל בת וועלוול זאב

שוועסטער : פייגל און זעלדע

ברודער : זאב

שפרה וואָלף בת ר׳ יוסף

זיידע : קלמן פלאַטניצקי

אנקל : משה׳קה פלאַטניצקי

אנקל : יאָסל פלאַטניצקי

אנקל : פיניע פלאַטניצקי

מאַנטע : נעמי פלאַטניצקי

מאַנטע : כינקע פלאַטניצקי

זאָל אייער אומשולדיק בלוט זיך צוזאמענגיסן מיטן געהייליקטן בלוט
פון די זעקס מיליאָן יידישע מארטירער!

פאַראייביקט דורך


הערש איצל פלאַטניצקי

לזכר אבי היקר


ר׳ ברוך קאטלער ז״ל

פאראייביקט דורך

אליהו קאטלער



ר׳ ברוך קאטלער



זליג קאטלער

מיט ווייטיק און טרערן פֿאַראייביקן מיר אונדזער אומפֿאַרגעסלעכן זון

זעליג קאטלער

געשטאָרבן אין 1963 אין עלטער פון 46 יאָר. מיר וועלן אים שטענדיק געדענקען און זיין נאָמען טייער האַלטן.

אין טרויער־פארבליבענע

אליהו און חייה עלקע קאטלער

און פאמיליע

פאמיליע קאטלער

מיר וועלן אייך אייביק געדענקען
און אייערע נעמען הייליק האלטן !

פאטער : מרדכי קאטלער

ברודער : ישראל קאפלינסקי

זיידע : דוד קאטלער

פאראייביקט דורך

העניע ראז (קאטלער)

אסתר גורוויטש (קאטלער)

ברוך קאטלער

גלעד לזכר
היקרים לי מכול
הורי:
נחום וחנה ציפלינסקי
אחותי: מרים
אחי: שלמה וחיים
(נספו בקהילת בריינסק)
אחי: דוד ורפאל
(נספו בקהילת
ויסוקה־ליטובסק)



היחידה מהמשפחה
בת־שבע ציפלינסקי

אין אנדענק פון

מרדכי בר׳ ברוך קאטלער

פאראייביקט דורך
העניע ראז (קאטלער)

לנצח נזכורה

אבא ואמא: אברהם וחנה קגן
האחים: בנימין, שמואל וחיים
האחיות: משה וצילה
והמשפחות: ראדזינסקי הינדה, חיים וחנן
בוצ׳אן יצחק ודובה
קפלן גרשון ואסתר בריינה
אחיות: קפלן חיה ומשה

המתאבלים
רוזן חיה לבית קגן
טלר דובה לבית קגן
רדזינסקי משה ומשפחתו

לזכר

אבי ישעיהו קוליקר
אמי חנה
אחיותי ליבה ורשה
אחי בצלאל
סבי וסבתי זליג וציפה

היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה
קוליקר יעקב (בני־ברק)

צום אייביקן אנדענק

פאר אונדזער קיינמאל פארגעסענע פרוי און מאמע

פערל קופערשמיט

איר הייליקער נאמען איז שטענדיק איינגעקריצט אין אונדזער זכרון און מיר וועלן אים טייער האלטן.

פאראייביקט דורך

מאן : ישראל קופערשמיט

קינדער : מאשע, פעשע, מלכה,

קלמן, יוסף און מאטל

צום אייביקן אנדענקען



טאטע-מאמע : **אפרים** און **רבקה קיילעס**

פרוי : **חנה (לבית געווירץ)**

טעכטערלעך : **חיה׳לע** און **יענטע׳לע**

פאראייביגט

יהושע קיילעס

(מאנטרעאל — קאנאדע)

לזכרון נצח



אבי: יצחק קומיניאר
אמי: שיינה
אחי: זלמן ואשתו יהודית
אחי: משה

זכרם לא ימוש מקרבנו
שרגא קמינר
והאחיות ריבה, מלכה וצפורה
לבית קומיניאר

זכרם יעמוד לנו לנצח





אבינו: לייבל קיילס
אמנו: רחל
אחינו: דוד נח ואשתו שיינה לייקע
אחינו: מיכאל ואשתו דבושה
אחינו: שמואל
אחותנו: מלכה ובעלה וולוויל אברקוביץ

ביגון קודר
אנשיל קיילס
לאה הררי

לזכר

ניטה קירשנבלום־וינשטיין

והפעוטות: חיים׳קה, פייגה׳לה ובינה׳לה



ניטה וינשטיין (בת פייגה ויעקב)

. . . היפה בנשי המקום, תוי פנים עדינים ומק־סימים, עיניים לוכדות במבטן החודר. גוף חטוב ותמיר להפליא. נפש אצילה ופקחית. מסורה ונאמנה כדי הקרבה עצמית להורים ולמשפחה. מזיגה נפלאה ונדירה של יופי וטוב־לב — כזאת היתה ניטה.

בת־זקונים במשפחה עטורת־כבוד. וכשהאחים והאחיות נתפזרו לכל עבר, „נישאו עם הרוח" — נשארה היא לסעוד את ההורים הזקנים ושמרה עליהם כעל בבת עינה, עד לויתור גמור על חייה הפרטיים.

מלאת חן ותבונה, מושכת עין כל רואיה ומ־עוררת כבוד בכליל שלימותה בגוף וברוח.

22 שנה חלפו מאז נחטפה מזרועותי על־ידי הנאצים הארורים. קלסתר פניה וקלסתר פני הפעוטות ניצבים חיים לפני, יקרים מכל יקר לנצח נצחים.

ביגון קודר

בעלה שהצליח לקפוץ מרכבת המוות

רפאל קירשנבלום

קמחי
פאמיליע



הבל על דאבדין
ולא משתכחין!

מאד יגדל הכאב
ויתכווץ הלב
על נחמדי בני משפחתנו,
שנשרפו עלי זבח
בין מליוני קדושי עמנו.


אב הרחמים זכור!
וארץ אל תכסי דמם!

פאטער: **ר׳ אלחנן בן הרב הגאון ר׳ נתן נטע ז״ל**
מוטער: **שרה רבקה בת ר׳ אהרן דוד וויזענבערג ע״ה**
שוועסטער: **דבורה, איר מאן צדוק שטיין און קינדר רחל און פערל**
שוועסטער: **אסתר, איר מאן בענדעט פוקס אין קינדער**
שוועסטער: **צירל און איר מאן שלמה**
שוועסטער: **עלקע**
אַלע אומגעקומען דורך די נאַצי־בעסטיע ימח שמם!
שוועסטער: **איטקע אומגעקומען אין סיביר**

און הייליקן אָנדענק, מיט גרויס יראת־הכבוד פאַראייביקן מיר אייערע נעמען. זאָל עס דינען ווי אַ מצבה פאַר אייערע אומבאַקאַנטע קברים.

יתגדל ויתקדש נאָך די קברים — אַש

פאראייביקט דורך
יצחק יהושע
דוד און נטע קמחי



ר׳ אלחנן קמחי

נזכור לעד את משפחותינו שנספו בשואה:



הורינו: אפרים וחיה קנפל
אחינו: יעקב, זיסקינד וגרשון
אחותנו: רבקה
סבא וסבתא: זלמן ושרה גישא ניפלוטניק
דודים ודודות: יעקב ויצחק ניפלוטניק, משה ורויזקה בודניה
לייזער, אסתר, חומה, וגולדה פנדריק

ביגון עמוק
אריה קנפל ומשפחתו

זכרם לא ימוש מקרבנו



אבא: דוד קפלן
אמא: פריידה
האחים: ברצ'ה, אשתו חייצ'ה ובנם דויד'ל
גדליהו, מניצולי השואה, נפטר בארץ ב־5 לאפריל 1964
האחות: גיטל
גיסי: מנדל מילנר ואשתו גולדה וילדיהם פייגל, שלמה ומרים

קודרים ואבלים
נתן וחנא קפלן

לזכר עולם יעמדו היקרים



אבא : יצחק קפלן

אמא : טויבה

אחותי : שרה

אחי : נוסקה ומנדיל

השרוי באבל
שמואל קפלן



שיינע קראוויעץ

מיט טיפן צער און חייטיק דערמאן איך די נעמען פון אונדזערע ליבע ניט פארגעסענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, שוואגערס און שווע־גערענס מיט די קינדערלעך, אנקלס און קוזינס פון דער פאצחייגטער

משפחה קראוויעץ

וועמענס לעבנס זיינען מיט א גרויזאמען אופן פארשניטן געווארן דורך די פאשיסטישע מערדער־באַנדעס.

משה מלך קראוויעץ
שיינה קראוויעץ
דאבע קראוויעץ
יצחק קראוויעץ
כאשע קראוויעץ
אבא קראוויעץ
יעקב־הערש קראוויעץ
ישראל אשר קראוויעץ
דאווטשע קראוויעץ
ביינִיש בער קראוויעץ
אהרן קראוויעץ
שרה קראוויעץ
יאנקל קראוויעץ
מרים גארבער
שמואל יצחק גארבער
אהרן ווייסבערג
עלקע ווייסבערג

כבוד אייער אנדענק!

פאראייביקט דורך
פנחס קראוויעץ



ל ז כ ר א מ נ ו ה י ק ר ה

פ ר ל ק פ ל ן


נפטרה ברחובות, תשכ"א

יהא זכרה ברוך

בנותיה: חנה, מלכה ומאשה

פאמיליע קראָוויעץ

אין אָנדענק פון אייערע הייליקע נשמות אומגעקומענע דורך די נאַצי־באַרבאַרן, פאַראייביקן מיר אייערע נעמען. מיר וועלן אייך קיין מאָל ניט פאַרגעסן.



אייזיק קראָוויעץ, איצל פוטרמאַן

פאטער:	אייזיק קראָוויעץ
מוטער:	שיינע
ברידער:	מאיר, וועלפקע, שלום און יאַנקל
שוועסטער:	גיטל
זיידע:	יאַנקל שאַשקעס
באבע:	סימע שאַשקעס
זיידע:	יאַנקל קראָוויעץ
באבע:	גיטל קראָוויעץ
אנקל:	איצל פוטערמאַן

פ א ר א י י ב י ק ט ד ו ר ך

שולקע קראָוויעץ



פאמיליע ראבינאוויטש, אומגעקומען דורך די נאציס.
לעבן געבליבן : איסר, ראובן און גיטל.

א דענקמאל נאך דער פאמיליע ראבינאוויטש

מיט א הייליקן ציטער פאראייביק איך אייער ליכטיקן אנדענק, וועמען די דייטשע דז׳אנגל־חיה האט מיט א סאדיסטיש שוידערלעכן אופן פארפייניקט און דערמארדעט.
אייער אומשולדיק פארגאסן בלוט און יונג־פארשניטענע לעבנס איז געהייליקט צוזאמען מיט די זעקס מיליאן מארטירער פון אונדזער פאלק.

כבוד אייער אנדענק!

פאטער : מיכאל ראבינאוויטש
מוטער : שרה
ברודער : וועלוול
שוועסטער : פויגל
שוועסטער : ליפטשע

פאראייביקט דורך

איסר ראבינאוויטש

גלעד לזכרון משפחת ראדזינסקי היקרה



אבי: אברהם לייב ראדזינסקי
אמי: ברכה
אחי: ישראל, אשתו וילדיו
אחי: פיניע ואשתו
אחיותי: אסתר מלכה, טילה, רבקה, רחל, שרה

בלב דואב
מיכאל ראדזינסקי
(לימה — פרו)



פאמיליע שבת, אומגעקומען דורך די נאצי־מערדער.
לעבן געבליבן זיינען סימע, ציביה און הערשל.

אלה אזכרה — הנאהבים והנעימים
א דענקמאל נאך דער פאמיליע שבת


אין אָנדענק פון אייערע הייליקע נשמות, אומגעקומענע אין די גרויזאמסטע מאסן־פאַרברעכן דורך דער נאַצי־אשמדאי־בעסטיע, פאראייביק איך אייערע נעמען. זאָל עס דינען ווי א מצבה פאר אייערע אומבאקאנטע קברים. אייביק וועל איך אייך געדענקען!

פאטער : **שמעון לייב שבת**
מוטער : **שרה**
שוועסטער : **חיה**
שוועסטער : **דאָבע**
ברודער : **יאַנקל**

איר זענט טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון!

פאראייביקט דורך

הערשל שבת




לזכרון עולם

בני־משפחתי היקרים שנחנקו בטרבלינקה

אבי: ר' אהרן פסח רוג
אמי: רויזה
אחי: שמאי ואשתו שיינה
אחיותי: פריל ובעלה משה קרביץ
קיילה ובעלה רבינוביץ
חיה

מתאבל:
צבי רוג ומשפחתו



יהי זכרם לנצח

אמי: שרשבסקי פיגה
אחי: מאיר ואשתו אסתר ובתם צפורה
טוקרסקי משה ונחמה

ביגון קודר
שרה הרצוביץ'

זכרון־עד

להורי: חיים בן אברהם יצחק שווארצברג
וחנה בת יוסף לבית ניפלוטניק
לאחי: בן־ציון
לדודי: הרצקה שווארצברג ואשתו חנה
אלתר שווארצבערג ואשתו צפורה ובניהם חיים יוסף ובנימין
לדודתי: גננדל שופמן־שווארצברג ובנותיה חנה ורבקה

בלב מלא יגון, בת־שבע אריאל־שוורצברג

לזכרון משפחתנו היקרה



אבא ואמא: ליטמן ואידל־דינה שפיאלטר
אחינו: שמואל ואשתו נעמי וארבעת ילדיהם
אחינו: ולוויל ואשתו סריל ושלושת ילדיהם
אחותנו: רבקה ובעלה יעקב קלוסקי ושלושת ילדיהם
אחותנו: סימה ובעלה דוד לוין

יהי זכרם צרור בצרור החיים

אבלים:
האחים שפיאלטר
בריל, שאול ואריה;
לאה ווייס;
לולה קירשנר

tion of partisans from Semiatych and Drogoczyn who told him that his son would be shot if he continued to help the "A.K" capture Jews. From then on old Krakowski watched his son day and night.

The magistrate of Brike informed the Germans that Krakowski was holding back on the milk supply to them and giving it to the Jews. The situation became dangerous. The magistrate was soundly thrashed until he promised to keep quiet.

On May 6, 1944, Israel Morer tapped at a peasant's window in Narik and asked for a drink of water. The peasant went after him with an axe, but Morer escaped. Later the peasant's house and barn were set on fire.

*

After the liquidation of the Semiatych ghetto, it took a long time until the inhabitants of Semiatych and some from Drogoczyn formed joint groups. Some of the Jews remained in hiding in peasant huts or in the woods until the end of the war.

LIBERATION

In May 1944 the Red Army marched into Semiatych. The handful of rescued Jews from Semiatych, Drogoczyn and neighbouring towns returned to Semiatych.

